STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09187

www.libtool.com.cn

# YIDN UNTER DER ITALIANESHER OKUPATSYE

Leon Poliakov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

# יידן אונטער דער
# איטאַליענישער
# אָקופּאַציע

www.libtool.com.cn

היינטצייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע־צענטער

www.libtool.com.cn

# יידן אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע

פון
ל. פּאָליאַקאָוו

ביי דער מיטבאַטייליקונג פון
זשאַק סאַביל

פאָרוואָרט פון
זשוסטען גאָדאַר
סענאַטאָר, געוועזענער מיניסטער

יידיש: אסתר שטאַרקשטיין

פאַרלאַג פון צענטער — פּאַריז 1952

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש:


זייט

אריינפיר — — — — — — — — — — — — 7

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — 11

די יידן אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך — — 17

נאָטע איבער דער ס. ד.־אָרגאַניזאַציע — — — — — — — 44

דאָקומענטן — — — — — — — — — — — — 45

באַציאונג פון די איטאַליענער צו די גערודפטע יידן אין קראָאַציע — 133

באַציאונג פון די איטאַליענער צו די יידן אין אָקופּירטן גריכנלאַנד — 155

ביילאַגע — — — — — — — — — — — — 167

פאַקסימיליען — — — — — — — — — — — 185

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אַרייַנפיר

„די לאַגע פון די ייִדן אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע", וואָס ווערט איצטער פאַרעפנטלעכט דורך אונזער צענטער, איז די צווייטע זאַמלונג פון איטאַליענישע דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון די אַרכיוון פון די דייטשע, איטאַליענישע און פראַנצויזישע אַדמיניסטראַטיווע אַמטן (1).

די דאָזיקע אַרכיוון, פון וועלכע די גרעסטע טייל איז אין איילעניש איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן אָרט, נאָך איידער מען האָט באַוויזן זיי צו פאַרניכטן, אַנטפּלעקן — גאָר באַזונדערס — מיט וואָס פאַר אַ צודרינגלעכער עקשנותדיקייט און איינגעשפּאַרטקייט עס האָבן די דייטשן צוזאַמען מיט דער ווישי־רעגירונג — די לעצטע, זייענדיק אַלץ מער אונטערגעוואָרפן זייערע באַפעלן און זייענדיק וואָס מער פאַרקנעכטעט צו זייערע כוונות — זיך באַמיט צו צווינגען די איטאַליענער, אַז זיי זאָלן שטרענג אויספירן די מאָסמיטלען וועגן די קאָנפיסקאַציעס, אינטערנירונגען און מאַסן־דעפּאָרטאַציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן דורך די היטלערן קעגן די ייִדן.

זינט דעם יאָר 1942, האָבן אָט די מאָסמיטלען אָנגענומען אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלע פּראָפאָרץ, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען שטייט אַנטגילטיק פאַר אַ פולשטענדיקער אומפאַרמיידלעכער ייִדישער אויסראָטונג. צו דערצו נאָך, האָט אַ טייוולאָנישע פּראָפּאַגאַנדע פון מסירה און טעראָר באַגלייט די אַרעסטן, וועלכע האָבן זיך געציילט אין די טויזנטער, פאַראַליזירנדיק יעדן אָפענעם ווידערשטאַנד־פּרואוו.

ווי גרויס איז דעריבער נישט געווען די איבעראַשונג מצד דייטשלאַנד און ווישי ווען גלייך ווי גאַנץ פראַנקרייך איז אָקופּירט געוואָרן, נאָך דער לאַנדונג אין צפון־אַפריקע, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין אַן אָרגאַניזירט־דעקלאַרירטן ווידערשטאַנד מצד די איטאַליענער, אין דעם גאַנצן דרום־מזרחדיקן טייל, וואָס זיי האָבן פאַרנומען.

(1) — ערשטע זאַמלונג : „דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, געזען און דערציילט דורך די דייטשן" :

גאַנץ ווייט פון צו פאַרפאָלגן און רודפן די יידן, האָבן זיי גאָר אָנגעווענדעט אַזאַ טאַקטיק, אַז אַלע דייטשע און פראַנצויזישע פאַראָרדענונגען זאָלן ליידן אַ מפלה. בעת די פרעפעקטן באַפעלן אַדורכצופירן ארעסטן, באַשטימען אינטערנירונגען, גרייטן צו טראַנספאָרטן פאַר דער געסטאַפאָ — פאַראָרדענען די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן, און דאָס אונטער אַ דראָונג — די אַנולירונג פון די דערמאָנטע באַפעלן. צווישן דער דייטשער אָקופאַציע־מאַכט און דער בערלינער רעגירונג, צווישן דער לעצטער און דער רעגירונג פון רוים, צווישן דער ווישי־מאַכט און די איטאַליענישע גענעראַלן קומען כסדר פאָר אומגעדולדיקע, אויפגערעגטע, באַפעלערישע נאָטע־אויסטויש. דייטשלאַנד פאָדערט אויף איטאַליע צו ריכטן זיך לויט אירע מעשים. איטאַליע שטעלט זיך אַנטקעגן.

www.libtool.com.cn

ווייל מען דאַרף וויסן, אַז אין איטאַליע — אין קעגנזאַץ צו דייטשלאַנד — איז דאָס פאָלק קיינמאָל נישט מסכים געווען צו די אַנטיסעמיטישע אכזריותן.

מען זוכט אונז איינצורעדן, אַז דאָס „בראַווע דייטשלאַנד" האָט נעבעך גאָרנישט געוואוסט פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען און האָט נישט באַרעכטיקט קיין שום נאַצישע שוידערלעכע מעשים! דייטשלאַנד האָט געוואוסט, האָט באַרעכטיקט, האָט מיטגעהאָלפן.

דייטשלאַנד האָט געוואוסט, אַז אייראָפע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין אומענדלעך קאַטאָרגע־פעלד. דייטשלאַנד האָט געוואוסט וועגן די עקזעקוציעס, די גאַז־קאַמערן, די קרעמאַטאָריעס, די מאַסן־מאָרדן דורך דערשיסונגען, פייניקונגען און הונגער־טויט.

צי האָט זיך דען, אין דייטשלאַנד גופא, אויפגעהויבן דער מינדעסטער פראָטעסט? צי האָט זיך דען צווישן די אָפיצירן און ווערמאַכט־סאָלדאַטן געלאָזט באַמערקן כאָטש דער קלענסטער סימן פון צעגערונג, ביים אויספירן אָט די מערדערישע מעשים? דער קלענסטער רעוואָלט?

קיינער, נישט אין דייטשלאַנד און נישט אַנדערשוואו, האָט נישט פרובירט צונישט צו מאַכן אָט די שוידערלעכע טויטן־אַרבעט, וועלכע איז כסדר אָנגעגאַנגען אין פוילן און פון וואַנען אוישוויץ איז געווען דער צענטער. זיי האָבן נישט געוואַגט צו אָרגאַניזירן אָט די טויטן־קאַמערן אין די מערב־לענדער, וואו די פעלקער וואָלטן אפשר פראָטעסטירט, אָבער ביי זיי און אין מזרח, זענען זיי געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן.

און פּלוצים, איבערצייגן זיי זיך — און מיט זיי די גאַנצע וועלט, אַז ווי נאָר איטאַליע שטעלט אַוועק אַ פוס אויף דער פראַנצויזישער טע־ריטאָריע — הויבט זי אָן אָפּצושאָקלען דעם אַנטיסעמיטיש־באַרבאַרישן יאָך, גרייט זי זיך גאָר צו באַשיצן די, וועלכע דייטשלאַנד און ווישי האָבן איר באַפוילן צו באַצווינגען און אויסצוראָטן!

דער דאָזיקער דראַסטישער קאָנפליקט, די דאָזיקע רעוואָלוציע, פון וועלכער מען האָט גאַנץ ווייניק געוואוסט דעם פאַרנעם און די ערנסט־קייט — ווערן עס באַהאַנדלט אין אָט דעם בוך.

די כוונה אויסצוראָטן די יידן אין דער גאַנצער נייער אייראָפּע, האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט און אַלץ בולטער אַקצענטירט ביי די דייטשן אין זייער גאַנצער טייוולאַנישער עקשנות, פאַרהעלטניסמעסיק צו דער אַנט־וויקלונג פון די געשעענישן; זיי זענען געווען אַזוי געאייליקט אָפּצוהאַלטן, פון אָט דער זייט, אַ נצחון, וועלכער האָט זיך זיי ערגעץ אַנדערשוואו אַרויסגעגליטשט, אַז ווי ווייט די טראַנספּאָרט־שוועריקייטן זאָלן זיך נישט האָבן דעמאָלט פאַרשאַרפט, האָבן זיי נאָך אַלץ געפונען אַ גענוגנדיקע צאָל לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען אויף אַוועקצופירן, פריער קיין דראַנסי און נאָכדעם קיין אוישוויץ — צוגן איבערפולטע און איבערגעפּאַקטע מיט צום טויט פאַרמשפּטע יידן.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן זייער כעס, זעענדיק ווי די יידן אַנט־לויפן מאַסנווייז פון זייער זאָנע, כדי זיך צו באַשיצן אונטער דער איטאַליע־נישער אָקופּאַציע. און מיר ווייסן, ווי אַזוי האָט אויסגעזען זייער נקמה, ווען נאָך איטאַליענס קאַפּיטולאַציע, זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דאַפינע און ניצע, ווי גרויס איז געווען זייער טריומף, ווען זיי האָט זיך איינגעגעבן צו צעשטערן די פּלענער פון עוואַקואירן די פראַנצויזישע יידן קיין גענוע און קיין אַפריקע, לויט ווי עס האָבן דאָס געהאָפט אַדורכצופירן די איטאַליענער, קאָמבינירנדיק זייער אייגענעם צוריקצוג מיט דער רע־טונגס־אַקציע פון די באַדראָטע יידן.

אונזער צענטער פאַרעפנטלעכט היינט די אומבאַקאַנטע אינפאָר־מאַציע מיט אַ פיל גרעסערן געפיל פון עמאָציע, ווייל אין דער עפּאָכע גופא פון אָט די געהיימע פאַרהאַנדלונגען און געפאַרן, וועגן וועלכע עס ווערט דאָ דערציילט אינעם בוך און וועגן וועלכע קיינער האָט זיך דעמאָלט נישט משער געווען — איז צו פאַרצייכענען די אַנטשטייאונג פון דעם צענטער.

www.libtool.com.cn

און טאַקי אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע, אין **גרענאָבל,** האָב איך צונויפגעזאַמלט מיינע ערשטע מיטאַרבעטער.

www.libtool.com.cn

אין סאַמע מיטן זומער 1943, ד. ה. אינעם מאָמענט ווען איטאַליע איז שוין געווען כמעט אַ דערשלאָגענע און ווען דייטשלאַנד — גרייט צו פאַר־נעמען איר פּלאַץ — האָט זיך געקענט אַרויסווייזן אין איר גאַנצן פאַר־פאָלגערישן און דראָענדיקן פּרצוף — דעמאָלט איז ביי מיר אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע פּלענאַרע פאַרזאַמלונג פון אונזער **צענטער,** וועלכער איז, צו יענער צייט, דעפיניטיוו געגרינדעט געוואָרן. פּערציק פּערזאָן, פאָרשטייער פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פון צווישן וועלכע אַ גרויסע צאָל עמינענטסטע פּערזענלעכקייטן זענען, מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, דעפּאָרטירט און דערמאָרדעט געוואָרן, ווי: **ריימאָנד־ראַול לאַמבערט, אַנ־דרעי באַור, נחום הערמאַן, לעאָנס בערנהיים, גרויס־ראַבינער הירשלער, לעאָ גלעזער** — האָבן מיר אין דעם דאָזיקן טאָג אָנגעטאָן דעם גרויסן כבוד מיר צו אָנפאַרטרויען די טעטיקייט פון צונויפזאַמלען און פאַראייניקן אַלע עלעמענטן, וועלכע זיי אַלע האָבן דענסטמאָל פאַרמאָגט, ווי אויך די, וועלכע דער **צענטער,** פון זיין זייט, וועט אַנטדעקן, בכדי צונויפצושטעלן אַ פולע און קאָמפּלעטע דאָקומענטאַציע פון דער יידישער טראַגעדיע אין פראַנק־רייך.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז אויך דער **צענטער** גופא איז כסדר געווען אויסגעשטעלט אויף דער סכנה אַנטדעקט צו ווערן דורך דער גע־סטאַפּאָ מיט אירע ווישי־שותפים. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָבן מיר געמוזט זיך אויפלייזן, פאָרזעצנדיק אונזער אַרבעט אין דער אונטערער־דישקייט.

דאָס דאָזיקע ווערק, וועלכעס אַנטהאַלט די אויטענטישע דייטשע דאָקומענטאַציע איבער אָט די געשעענישן, וועט דערמעגלעכן דעם לייע־נער צו שאַפן זיך אַן אידיי, איבער דעם פּסיכישן אונטערשיד, וועלכער האָט עקזיסטירט צווישן די לאַטיינישע פעלקער און די טעווטאָנער פאַר־ברעכער. און די יידן דאַרפן נישט פאַרגעסן, וואָס אַזעלכעס זענען פאַר זיי געווען, אין אָט דער געגנט — הגם אונטערן מלחמה־געזעץ — די 9 חדשים פון איטאַליענישן הומאַניטאַריזם.

**יצחק שניאורסאָן**

פּרעזידענט פון הייינטצייטיקן

יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער

www.libtool.com.cn

# פאָרוואָרט

צווישן דער סעריע פון די אָפיציעלע געסטאַפּאָ־פּאַפּירן, וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט דורכן הייננטצייטיקן יידישן **דאָקומענטאַציע־צענטער**, איז די דאָזיקע זאַמלונג פון אַ באַזונדער פּאָליטישן און פּסיכאָלאָגישן ווערט. בעת עס האָט זיך אויף פראַנקרייך אַ לאָז געטאָן די שמוציקע כוואַליע פון פאַשיזם, אין אַ מאָמענט ווען זי איז געווען אינגאַנצן מאַכטלאָז, האָט **איטאַליע** זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם צוואַנג פון בערלין און ווישי, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָנווענדן די ראַסן־געזעצן. דאָס פאָלק, וואָס האָט דעמאָנסטראַטיוו אויפגעהאָנגען מוסאָלינים מנובלדיקן גוף, דאָס פאָלק וואָס האָט פּראָקלאַמירט די רעפּובליק, האָט אין באַצוג צו די יידן אַרויס־געוויזן אַ געפיל פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט, וואָס האָט משפיע געווען, אַז עס זאָל זיך אָפּשאָקלען פון יעדן מין אָנטייל אין די היטלערים־טישע פאַרפאָלגונגען און עס זאָל זיך האַלטן מחוץ דער קנעכטישער מיט־שותפות פון די קאָלאַבאָראַטאָרן פון אַלע לענדער.

די דאָזיקע האַלטונג האָט פאַרוואַנדלט די באַזעצטע, דורך דער אי־טאַליענישע אַרמיי, געביטן — סיי אין פראַנקרייך, ווי אויך אין יוגאָ־סלאַוויע און גריכנלאַנד — אין אַ זיכערהייטס־זאָנע פאַר די יידן. דאָרט האָבן זיי געקענט, במשך פון עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד, געניסן פון אַ פאַרהעלטנמעסיק רואיק לעבן. אוודאי זענען די היטלעריסטן, ווי צע־רייצטע הינט, וואָס בילן פאַר אַ פאַרמאַכטן שייער, הינטער וועלכן זיי פילן אוים — איז באַהאַלטן דאָס פאַרפאָלגטע רויב — נישט אָפּגעשטאַ־נען, נאָר אַרומגענישטערט, געשטורעמט אין אַלע זייטן, און מיט אַלע מיטלען געמיט זיך אַריינצודרינגען אינעם איטאַליענישן מקום־מקלט.

זיי זענען געוואָרן אָפּגעשטויסן, סיי אויפן דיפּלאָמאַטישן, סיי אויפן פּאָליציייאישן באָדן.

דעם 21־טן יולי 1943, איז דער דירעקטאָר פון דער אַנקעטע־ און קאָנטראָל־סעקציע פאַר דער דרום־זאָנע פון ווישי־קאָמיסאַריאַט פאַר יידי־

שע פראַגן, געקומען אין **ניצע** צו ה' **לאַספינאַסאַ** — דעם איטאַליענישן דעלעגאַט פאַר יידישע פראַגן אין **ניצע**. דער דערמאָנטער דירעקטאָר האָט דעמאָלט צוגעשטעלט אַ מאָדנעם ראַפּאָרט, ווייל מען זיך שטעלן די פראַגע, ווי אַזוי האָט ער נישט אַרויסגעפילט די סאַרקאַסטישע — און אפילו אין אַ געוויסער מאָס — פאַראַכטנדיקע איראָניע אינם טאָן פון זיין מיטשמועסער. גאַנץ נאַאיוו דערציילט ער:

www.libtool.com.cn

„דעם ה' לאַספינאַסאַ זענען נישט באַקאַנט געווען די פונקציעס פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן און ער האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין שום קאָמענטאַרן. נעמלעך: צי דער מיניסטער און איך אַליין זענען מיר יידן". — (1)

יאָ, קאָמענטאַרן זענען דאָ לחלוטין איבעריק.

ווישי האָט אויסגעפּרוּווט אַלערליי מעטאָדן, האָט אפילו צוגעשיקט אַזאַ געניטן פונקציאָנער, ווי עס איז דער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטן ראַפּאָרט.

דעמאָלט איז זייער געצווימטקייט געוואָרן ווייניקער ניואַנסירט.

היות ווי דער פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן האָט באַשלאָסן, אַז יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט דאַרפן זיך צושטעלן אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן, וואו מען וועט זיי באַשטימען אַ טערמין פון 3 טעג אויף צו באַזעצן זיך אין אַנדערע זאָנעס פון אַ געצוואונגענער רעזידענץ, האָט דעם 30־טן דעצעמבער 1942, דער קאָמענדאַנט פון דער 4־טער אַרמיי באַקאַנט געמאַכט דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע אין **ניצע** אַז: „דער איטאַליענישער שעף־קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט צו אינטערנירן, דורך די פּרעפעקטן, פערזאָנען פון דער יידישער ראַסע" —

די טשאַטע צערייצטע הינט ווערט וואָס אַמאָל ווילדער. און עס איז אַ רחמנות צוצוקוקן, ווי ווייט נידעריק זענען שוין די ווישי־לייט געפאַלן אין זייער ווירדע, אַזש צו טאָלערירן דראָונגס־בריוו, ווי די צוויי פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„2־טער מערץ 1943, צום אַדמיראַל פּלאַטאָן. — דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַנט פאָדערט אויף די פראַנצויזישע רעגירונג צו

---

(1) — זען דאָקומענט 26, אַנעקס 1.

www.libtool.com.cn

אַנולירן אַלע אַרעסטן און אינטערנירונגען, וועלכע זענען ביז איצט פאַראָרדנט געוואָרן; עס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן די פאַראָרדענונג צו אַלע פּרעפעקטן פון די קאָנטראָלירטע טעריטאָריעס דורך די איינהייטן פון די איטאַליענישע אַרמייען — אָפּצושטעלן אָט די מאָסנאַמען, דאָ וואו עס האַנדלט זיך אין אינטערנירונגען פון איטאַליענישע, פראַנצויזישע אָדער אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן זייער וואוינאָרט אויף דער אָנגעוויזענער טעריטאָריע" — (1).

ווישי מאַכט זיך נישט־פאַרשטייענדיק. זי דערדינט זיך דעם פאָלגנדיקן אַרויסרופערישן ראַפּעל:

„29־טער מערץ 1943, צום אַדמיראַל בורראַג. — איך שטרייך אונטער, אַז די נאָטעס, וועלכע איך האָב צוגעשיקט אין נאָמען פון דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַטור און וועלכע באַשטימען, אַז יעדע פראַגע אין שייכות צו דער פּאָליטיק לגבי די יידן אין דער פראַנצויזישער טעריטאָריע פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע, ליגט אויסשליסלעך אין דער קאָמפּעטענץ פון דער איטאַליענישער מאַכט — טראָגן נישט דעם כאַראַקטער פון אַ ביטע אָדער פאָרשלאַג, נאָר שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַשטימטע דערקלערונג פאַר דער פראַנצויזישער רעגירונג" — (2).

די סיבות פון אָט דער האַלטונג מצד איטאַליע, ווערן אָפּגעשאַצט אין אַ דייטשן ראַפּאָרט אין אַ פאָרם, וואָס קען באַטראַכט ווערן צום כבוד פאַר דעם איטאַליענישן פאָלק; ער באַווייזט מיט אַ באמת שטוינענדיקער פאַרשטענדעניש און אויפריכטיקייט די טיפקייט פונעם תהום, וועלכער טיילט אָפּ דעם מיטלענדישן גייסט פון דער טעווטאָנישער טפשות.

„די איטאַליענישע אָקופּאַציע־מאַכט" — ווערט דאָרטן געזאָגט — „האָט בדעה צו רעגולירן די יידישע פראַגע אויף אָט דער טעריטאָריע, אויף אַ ספּעציעלן אופן און — באַנוצנדיק זיך מיט איר אייגענעם אויסדרוק: „אויפן לאַטיינישן שטייגער", וואָס איז אין ווידערשפּרוך צום „גערמאַנישן אופן", וועלכער איז איינגעפירט אין די אַנדערע פראַנצויזישע געביטן. אַ פאַרעטערישע פּראָפּאַגאַנדע ציט אַרויס אַ גינסטיקן נוצן פון אָט די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די קאָנצעפּציעס פון דער דייטשער און איטאַליענישער רעגירונג, וועגן דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. איר

(1) — זען דאָקומענט 18, אַנעקס 1.
(2) — זען דאָקומענט 18, אַנעקס 2.

טעמע איז די פאָלגנדיקע: אויפן ערשטן פּלאַן — די „ווירדע" פון די אַנגעווענדעטע מאַסמיטלען; אויפן צווייטן פּלאַן — זייער קריסטלעכע און קאַטוילישע קאָנצעפּציע, לויט ווי זי איז אינספּירירט דורכן וואַטיקאַן" — (1).

www.libtool.com.cn

די דאָקומענטן, וועלכע זענען גרופּירט אין דעם דאָזיקן בוך, האָבן אויך — ווי מיר האָבן שוין באַטאָנט — זייער פּסיכאָלאָגישן ווערט.

אויב זיי אַנטפּלעקן, אַז אויפן פּאָליטישן באָדן האָט דאָס איטאַליענישע פאָלק, אין אַ ברייטער מאָס, געוואוסט זיך צו פאַרהיטן פונעם העמלעכן ראַסיזם — ווייזן זיי גלייכצייטיק אויף, וואָס פאַר אַ גרינגשעציקע באַציאונג די דייטשן האָבן אַרויסגעוויזן לגבי די נישט־דייטשע אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט זייער סם.

און דאָס דאָזיקע שטעמפּלט די ווישי־קאָלאַבאָראַציע צוזאַמען מיט די, וועלכע מאַסקירן זייער גייציקייט אָדער נידעריקן פּערזענלעכן אינטערעס, אונטער אַ מאַנטל פון ווינשאַפטלעכער דאָקטרין אָדער פאַנאַטישן פּאַטריאָטיזם.

דעם 28־טן יאַנואַר 1941, פּרובירט דער דר. קנאָכען — ס.ס.־שטאַנדאַרטען־פירער, אַרויסצושיילן די סענטימענטן, וועלכע מען איז מסוגל צו דערוועקן אין דעם מהות פון די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן, בכדי זיי אַריינצוציען אין דער דייטשער שפּיל. זיין ראַפּאָרט הויבט זיך אָן מיט אַ לויב, וואָס איז אגב, כדאי אונטערצושטרייכן, און פאַרענדיקט זיך מיט אַט דעם אומברחמנותדיקן אורטייל, אינספּירירט דורך די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן:

„עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך צו קולטיווירן ביי פראַנצויזן אַ געפיל פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף אידעאָלאָגישע יסודות, אינדערצייט וואָס אַ פאָרשלאָג פון אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער וועט לייכטער גורם זיין אויפצוּוועקן אין זיי סימפּאַטיעס פאַר דעם אַנטיסעמיטישן קאַמף. דאָס אינטערנירן קרוב 100.000 יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, וועלכע וואוינען אין פּאַריז, וועט שאַפן פאַר אַ גרויסער צאָל פראַנצויזן די געלעגנהייט אַרויסצוהייבן זיך פון די נידעריקערע שיכטן ביז צום דורכשניטלעכן קלאַס" — (2).

צום באַדויערן, האָט ווישי געוועקט, געהאָלפן די אַנטיסעמיטן, אויף

(1) — זען דאָקומענט 21.
(2) — זען ווייטער, זייט 20 (נאָטע).

אַזאַ וועג, זיך אַרויסצוהייבן דורך דעם באַרויבן פון די יידישע פאַרמעגנס!

די דייטשע מיינונג וועגן דער פאַרדאָרבנקייט פונעם אַנטיסעמיטיזם איז נאָך אויף אַ מער ציניש[ן] אופן פאָרמולירט געוואָרן דורך דעם אָבערשטורמפירער רעטהקע. איטאַליע איז שוין מער נישט אין קריג. עס האַנדלט זיך וועגן צוריקכאַפּן די פאַרלוירענע צייט, אַדורכצופירן אַן ענגע רייניקונג אין דער געוועזענער איטאַליענישער זאָנע, נישט פטרן קיין צייט אויף אַן אַלגעמיינער רייניקונג, פאַרנעמענדיק זיך אויפן אָרט מיטן אָפּקליוב, וואָס דאַרף גיכער געמאַכט ווערן אין דראַנסי. צו אַט דעם געיעג נאָך מענער, פרויען, קינדער, דאַרף מען דינער, אַרויסהעלפער; די אַנטיסעמיטן זענען דערצו ווי אָפּגעמאָסטן. און רעטהקע עצהט דעם 4־טן סעפטעמבער 1943: „עס איז נויטיק אונז צוצוטיילן פראַנצויזן־אַנטיסעמיטן אויף אויסצושפירן און אויסצוליווערן די פאַרשטעלטע אָדער באַהאַלטענע יידן. געלט דאַרף דאָ נישט שפילן קיין שום ראָל. (פאָרשלאַג 100 פראַנק פאַר אַ ייד)" — (1).

ווי טיף ליידן מיר אין אונזער עמפפינדלעכקייט, אַזוי ווי ביים דערמאָנען די ערגסטע פייניקונגען — ביים איבערדערציילן פון אַט די מאָראַלישע שוידערלעכקייטן, וועלכע זענען פאָרגעשלאָגן און באַשטעטיקט געוואָרן, דאָס איז זיכער, אָבער עס ליגט דאָך אַ גרויסע טרייסט אין דעם באַוואוסטזיין, אַז בלויז אַ קליינער טייל פונעם מענטשלעכן אָפּפאַל האָט זיך געמאַכט אַ פרנסה פון דעם אַנטיסעמיטיזם, כדי צו דערגרייכן צום דורכשניטלעכן קלאַס און איינצוקאַסירן 100 פראַנק פאַר אַ יידישן קאָפּ.

און מיר קענען — סיי פאַר איטאַליע און סיי פאַר פראַנקרייך — אַרויסציען פון די איצט־פאַרעפנטלעכטע געסטאַפּאָ־פּאַפּירן, זייער גינסטיקע מסקנות פאַר ביידע פעלקער, אַז נישט־קוקנדיק אויף דער דעמאָלטדיקער ממשלה און נישט־קוקנדיק אויף דער שטאַרקער קאָרופּציע, וועלכע איז געווען אירם אַן אופן פון רעגירן — האָבן זיי געהאַט אין זיך דעם כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער באַהאַלט אין זיך אויסשליסלעך די שאַנדהאַפטיקע מעטאָדע פון אויפרייצן און אייגננוציק עקספּלואַטירן דאָס נידעריקסטע פון די שנאה־געפילן.

**זשוסטען גאָדאר,**
סענאַטאָר, געוועזענער
מיניסטער.

(1) — זען דאָקומענט 33.



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# די יידן אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך

די דאָקומענטן, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן אין דער דאָזיקער זאַמלונג, שטאַמען — אין זייער גרעסטן טייל — פון די .R.S.H.A־אַרכיוון (רייכסזיכערהייט הויפּטאַמט — עס האַנדלט זיך וועגן דער א. ג. „געסטאַפּאָ" פון דריטן רייך). זיי באַלייכטן אַ באַדייטונגספולן בלאַט געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכע שטייט נאָך אַלץ אין שאָטן און מיט וועלכער עס איז כדאי זיך בעסער צו באַקענען. אין אַן עפּאָכע, ווען כמעט גאַנץ אייראָפּע האָט זיך געפונען אונטערן דייטשן שטיוול, ווען — פון ברעסט ביז קאַווקאַז איז די פּאָליציי פון אַלע לענדער מאָביליזירט געוואָרן אין געיעג נאָך די יידן, האָבן געוויסע געגנטן פון אָט דעם קאָנטינענט — ווי דורך אַ כשוף — זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „מקלט־זאָנע" פאַר די גערודפטע. געוועזן זענען דאָס די זאָנעס אין פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד וואָס זענען, צו יענער צייט, אָקופּירט געווען דורך דער איטאַליענישער אַרמיי, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס פאַשיסטישע איטאַליע און דאָס 4־טע רייך האָבן אויסגעזען צו פאַרייניקן זייער גורל אויף לעבן און טויט.

די פאָרשונג פון דער דאָקומענטאַציע, וועלכע מיר שטעלן פאַר דעם לייענער באַווייזט, אַז אין פולן רעזשים פון „שטאָל־פּאַקט" און „ראָסן־ליניע" — איז דאָס אָרגאַניזירן פון אַ „מקלט־זאָנע" פאָרט געווען אַ מעגלעכע זאַך; זי מאַכט אונדז איבערלעבן די קאַמפן, וועלכע האָבן זיך, אין שייכות דערמיט, אָפּגעשפּילט. עס איז ווי פון זיך — אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די דייטשן זענען נישט געבליבן גלייכגילטיק צו דער איטאַליענישער אַקציע. אומדערמידלעך, סיי דורך דירעקטע דעמאַרשן ביי דער איטאַליענישער הויך־קאָמענדאַטור, אָדער פּראָוואָצירנדיק די אינטערווענצן פון די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אין בערלין און אין רוים, האָבן זיי זיך געמיט אַ סוף צו מאַכן צו דעם, וואָס האָט ביי זיי געהייסן „אַן אומדערטרעגלעכער צושטאַנד". די איטאַליענער האָבן דערויף — לויטן געגעבענעם פאַל — געענטפערט, אָדער מיט אַ פאָרמעלן אָפּזאָג, אָדער האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיט געשיקטע תירוצים, אַרויסרוקנדיק כלומרשט אַלס אַרגו־

מענטן די „אינטערעסן פון דער איטאַליענישער מיליטערישער זיכערקייט" און א. וו. אזוי ווי מיר וועלן עס זען ביים לייענען די פאַרשידענע דאָקומענטן.

www.hibrubooks.com

און דאָך, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז די פאַשיסטישע מאַכט איז — איז באַצוג צו דער ראַסן־פראַגע — געווען פאַר א פולשטענדיקן אויס־גלייכן איר פּאָליטיק מיט דער פּאָליטיק פון דריטן רייך. פון יאָר 1938 אָן, איז אין איטאַליע איינגעפירט געוואָרן א ראַסן־געזעצגעבונג, וועלכע איז כמעט וואָרט ביי וואָרט געווען קאָפּירט לויט די ראַסן־געזעצן פון 4־טן רייך.

דער פּאַראַדאָקס, וועלכער באַקומט זיך פון דעם מצב, וואָס מיר באַשרייבן, ווערט דערמיט נאָך בולטער. די שאַרפע חלוקי־דעות, וועלכע האָבן זיך, אויף אַזא אופן, געשאַפן אין רעזולטאַט פון די פאַרשידענע שטעלונגען צווישן די ביידע אַקס־שותפים, נעמען אָן א כמעט סימבאָלישע באַדייטונג; עס איז דערי־בער באַזונדער אינטערעסאַנט צו זען, ווי אזוי האָט זיך געקענט שאַפן אַזא מין סיטואַציע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די נעץ פון די פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן געהאַט פאַר א ציל צו שיצן די יידן, איז נישט געווען איינגעפירט אין רעזולטאַט פון וועלכע נישט איז דירעקטיוון, נאָר זיי זענען געקומען אַלס פּועל־יוצא פון לאָקאַלע און איזאָלירטע איניציאַטיוון, דערשיינענדיק ספּאָנטאַן און אין הסכם מיט די באַדינגונגען, מאַניפעסטירנדיק זיך פריער אין דער פּעריפעריע, אין פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע, אָדער גריכנלאַנד, ערב דעם פאַרייניקן זיך אין א באַ־שטימטער אַנסאַמבל־פּאָליטיק. עס איז נישט פון קיין קליינעם היסטאָרישן אינ־טערעס אין דער דאָזיקער פאָרשונג, צו זען דערשיינען פאַר אונזערע אויגן, אַז אומאַנטשלאָסענעם און צעגערנדיקן דוטשע, וועלכער איז בוכשטעבלעך גרייט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אַנטקעגנצוקומען די צודרינגלעכע פאָדערונגען פון זיין צאָרנדיקן געוועזער־חבר, און וועלכער ציט זיך פונדעסטוועגן, אין לעצטן מאָ־מענט דאָך צוריק, זייענדיק אומעכטיק אָרויפצוצווינגען זיין ווילן, כלפּי דעם גע־אייניקטן ווילן פון זיין פאָלק. מיר זעען אים (זייט 61) צוזאָגנדיק דעם אַמבאַ־סאַדאָר פון 3־טן רייך, אַז ער וועט „ברענגען צום שכל די אומזיניקע סענטימענ־טאַלע באַגריפן פון זיינע גענעראַלן" און ווי, גלייך אויף צומאָרגנס, איז ער מסכים אונטערצושרייבן פולשטענדיק קעגנזעצלעכע אינסטרוקציעס. מיר זעען אים (זייט 142) ווי ער איז זיך מתחייב פאַר פאָן ריבענטראָפּ, אָנצונעמען שטרענגע מאָס־מיטלען לגבי די קראָאַטישע יידן און ווי ער איז מסכים, באַלד דערנאָך, זיי נישט צו נעמען אין אַכט. (דאַקעגן, דער גראַף טשיאַנאָ זעט אויס צו זיין א סיסטעמאַ־טישער אָנהענגער פון דער פּאָליטיק, זיך אַנטקעגנצושטעלן מיט אַלע מיטלען און אין אַלע לענדער, דעם דעפּאָרטאַציע־סיסטעם פון די יידן *).

מען קען דעריבער באַהויפּטן, אַז עס איז דאָס איטאַליענישע פאָלק, וואָס איז געווען דער הויפּט־אינספּיראַטאָר פון דער האַלטונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן מצד דער איטאַליענישער רעגירונג. עס ווייזט אויס, אַז דער סך פון דער ראַסן־פּראָפּאַגאַנדע קען נאָר פולשטענדיק אָנשטעקן די וואָס־מער באַרבאַרישע

*) זען ז.ז. 91 און 136.

פעלקער און קען זיך לייכטער פאַרשפּרייטן אין צפון־נעפּלדיקן קלימאַט. אין זיין מיטלענדישער ניכטערקייט, איז דאָס איטאַליענישע פאָלק, אין דער גרעסטער צאָל פאַלן — געווען אינגאַנצן ווידערשפעניק צו אַזעלכע מין שטראָמען. אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער „טעווערע" און דער „דיפעסאַ דעללאַ ראַזזאַ", האָט עס רעאַגירט מיט איראָניע אָדער פּראָטעסט. איז דעריבער די איטאַליענישע באַציאונג — נישט קוקנדיק אויף דער אויסערלעכער און פאָרמעלער ענלעכקייט — געווען, אין דערווירקלעכקייט, דער קעגנזאַץ פון דער דייטשער האַלטונג. און לויט דעם דאָזיקן גייסטיקן מצב האָבן זיך געריכטעט די מיליטערישע און ציווילע אויטאָריטעטן אין זייער באַנעמונג, ווי אויך די פונקציאָנאַרן אויף אַלע שטאַפּלען פון דער אַדמיניסטראַטיווער היעראַרכיע.

ווען די איטאַליענישע קאַפּיטולאַציע פון סעפּטעמבער 1943, האָט געמאַכט אַ סוף צו יעדער מין הערשאַפט מצד איטאַליע, האָבן זיך די „מקלט־זאָנעס" מיטאַיינמאָל פאַרוואַנדלט אין יאַגד־זאָנעס. פון אָט דעם מאָמענט אָן, זענען אויף אַלע טעריטאָריעס וואָס זענען באַזעצט געוואָרן דורכן אַקס — אַלע יידן אָפּהענגיק געוואָרן פונעם חסד פון די נאַצישע קעפּ־יעגער, אָבער דאָך, האָבן די יידן געוואונען עטלעכע ווערטפולע חדשים, און אין יענער עפּאָכע, איז אַ געווינס פון צייט גלייך געווען צו אַ געווינס פון לעבן...

אָט אַזוי שטעלט זיך פאַר דער באַזונדערער אַספּעקט פון דער יידישער טראַגעדיע אין אייראָפּע, וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דעם קעגנווערטיקן בוך פון ה. יי. ד. צ. — די ערשטע פון די פאָרשונגס־סעריעס, וועלכע זענען באַשטימט פאַר די לייענער אין דער יידישער שפּראַך. דאָס איז אַן אַספּעקט גלייכצייטיק, אי אַ דערמוטיקנדיקער, אי אַ פּאַראַדאָקסאַלער. אונזער געשיכטע פון די לעצטע עטלעכע יאָר איז געווען צו רייך אין אַנטוישונגען, אַז מיר זאָלן נישט האַלטן פאַר גאָר וויכטיק זיך צו באַציען צו אַזאַ דערפרייענדיקער דערשיינונג, מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. דאָס איטאַליענישע פאָלק האָט זיך דערוואָרבן ביים יידישן פאָלק, אַ חוב פון אמתער דאַנקבאַרקייט — אַ חוב, וועלכן מיר, פון אונזער זייט, האַלטן פאַר אַ פליכט און אַ כבוד — אָפּצוצאָלן.

**
*

דעם 11־טן נאָוועמבער 1942, זענען די טרופּן פון דער אַקס אַריין אין דער פרייער זאָנע. פון זייער זייט, האָבן די איטאַליענישע טרופּן באַזעצט 8 דעפּאַרטעמענטן: אַלפּ־מאַריטים, וואַר, אָט־אַלפּ, באַס־אַלפּ, איזער, דראָם, סאַוואָא און אָט־סאַוואָא.

אין שלום־צייט האָבן די דאָזיקע געגנטן נישט געציילט קיין שטאַרקע פּראָפּאָרץ יידן: 15.000 ביז 20.000 מאַקסימום. אָבער זינט דעם וואָפנשטילשטאַנד, האָט זיך די דאָזיקע צאָל באַדייטנדיק פאַרמערט, אַ דאַנק דעם צופלוס פון יידן, וועלכע זענען געקומען בעת דעם עקזאָד, אָדער וועלכע זענען — אין רעזולטאַט

www.nbtool.com.cn

פון אָקופּירן מצד די דייטשן די פראַנצויזישע „פּאַרנומענע" זאָנע, ווי אויך אין האָלאַנד און אין בעלגיע — אַנטלאָפן פון דער דייטשער ממשלה. די דאָזיקע יידן פלעגן אָנקומען אין קליינע גרופּן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געשוואַרצט איינע, אָפּטמאָל צוויי, אָדער אפילו דריי דעמאַרקאַציע־ליניעס ; די ווישי־רעגירונג האָט אין אָנהויב דערלויבט, אין געוויסע פאַלן, צו בלייבן צייטווייליק אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע, אין דער אָפּוואַרטונג פון אַן עווענטועלער שפּעטערדיקער עמיגראַציע. אַזוי אַרום איז די צאָל יידן, אין אָט דער געגנט, געשטיגן אויף מערערע צענדליקער טויזנטער.

זינט זומער 1942, האָט די ווישי־רעגירונג אָנגעהויבן אָנצווענדן קעגן די יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, אומברחמנותדיקע מאָסנאָמען. אין יולי 1942, האָט זי זיך מתחייב געווען צוזושטעלן 50.000 יידן צו דער דייטשער רעגירונג ; דער ערשטער טראַנספּאָרט פון 10.000 יידן האָט געזאָלט „אָפּגעליפערט" ווערן, אָנהויבנדיק פון חודש אויגוסט. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנטשפּרעכנדיקע פאַראָרדענונגען, און פון אָנהויב אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומבאַשרייבלעכע יאַגד אויף יידן אויף דעם שטח פון דער גאַנצער טעריטאָריע. זי האָט אָנגעהאַלטן הויפּטזאַכלעך, אין די גרויסע שטעדט פון מיטלענדישן ים־ברעג.

פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן, האָבן זיך שוין די רדיפות און אַבלאַוועס מער נישט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען. צוערשט האָבן געזאָלט אינטערנירט ווערן יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, וועלכע זענען אַריינגעקומען קיין פראַנקרייך נאָכן יאָר 1936 ; נאָכדעם די יידן, וועלכע זענען אַריין אין פראַנקרייך נאָך 1933 : עטלעכע אויסנאַמס־פאַלן (געוועזענע קאָמבאַטאַנטן א. א. וו.) זענען אומאויפהערלעך רעווידירט געוואָרן און די קאַטעגאָריעס וועלכע זענען באַשטימט געווען אָפּגעליפערט צו ווערן צו די דייטשן — אַלץ מער אויסגעברייטערט.

בכדי גוט צו פאַרשטיין די טעכניק פון דער איטאַליענישער באַשיצערישער אַקציע, דאַרף מען זיך אַדורכדרינגען מיט דער אידיי, אַז כמעט בלויז אַ דאַנק דעם פּליים פון די פּאָליציי־אָרגאַנען ביי דער ווישי־מאַכט זענען אַדורכגעפירט געוואָרן די אַבלאַוועס, אַרעסטן און אינטערנירונגען ; ווישי גופא האָט אָנגענומען באַשלוסן וועגן די מאָסנאָמען, האָט פאַראָרדנט די טעקסטן און האָט באַשטימט די קאַדענץ, אינדערצייט וואָס די דייטשן האָבן זיך באַגנוגנט בלויז מיט אַן אויפזיכט פונדערווייטנס און מיט אַכטונג געבן איבער דער אַקציע פון פּעטענס רעגירונג. און דעריבער האָט זיך די איטאַליענישע מאַכט אָנגעשטויסן — אין דער ערשטער ריי — אין ווישי.

דער ערשטער שטויס איז פאָרגעקומען סוף דעצעמבער 1942. דעם 20־טן דעצעמבער האָט דער פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן פאַראָרדנט אוועקצושיקן, אין אַ געצוואונגענער רעזידענץ — אין די דעפּאַרטעמענטן פון דראָם און אַרדעש — די אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיין דעפּאַרטעמענט. אַזוי ווי אַרדעש האָט געהערט צו דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע, האָט



www.libtool.com.cn

עם געהייסן אַז אומפאַרמיידלעכער דעפּאָרטאַציע־אורטייל, אין דער גאָר קורצ־סטער צייט.

די אָנרעגונג צו דער איטאַליענישער רעאַקציע האָט געגעבן ה' אַגיטאַטיוו פון געאַכטעטן איטאַליענישן ייד, ה' אַנזשעלאָ דאָנאַטי, וועלכער האָט זיך גלייך צוגעאײַלט צו אַלאַרמירן דעם ה' קאַלים — דעם איטאַליענישן גענעראַל־קאָנ־סול אין ניצע.

www.libtool.com.cn

אין רעזולטאַט פון אָט דער אינטערווענץ, האָט ה' קאַלים צוגעשיקט אַ דע־פּעשע אין איטאַליענישן אויסערן־מיניסטעריום, אין וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַנטשטאַנענער לאַגע, צוגעבנדיק אַז הגם איטאַליע וועט נישט טראָגן די פּראַקטישע אחריות פאַר די דאָזיקע מעשים, ליגט אָבער אויף איר די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די דורך ווישי אָנגענומענע שריט.

דער ענטפער פון אויסערן־מיניסטעריום (דעפּעשע נומ. 12579 34/R פון 29־טן דעצעמבער) איז געווען אַ פולשטענדיק צופרידנשטעלנדיקע. מיר ברענגען דאָ דעם אינהאַלט:

„אין רעזולטאַט פון אייער דעפּעשע נומ. 12579 34/R פון 22־טן דעצעמבער 1942, זענען מיר אייך מודיע, אַז לויט די קאָמו־ניקאַטן פון דער דעלעגאַציע אין ניצע, זענען די אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן זייער וואוינאָרט אין דעם דעפּאַרטעמענט פון די מאַרי־טימער אַלפּן — אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ באַוואַכטער רעזידענץ, אין אַ דעפּאַרטעמענט וואָס איז אָקופּירט דורך די דייטשן, און אַז די איטאַליענישע יידן זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם דעפּאַרטעמענט פון דראָם, וועלכער איז טיילווייז נאָך פאַרנומען דורך די דייטשע טרופּן.

„מיר האַלטן פאַר נויטיק צו באַשטימען, אַז אין דער דאָזיקער הינזיכט, איז נישט מעגלעך צו דערלאָזן, אַז אין דער זאָנע, וועלכע איז באַזעצט דורך די איטאַליענישע טרופּן, זאָל די פראַנצויזישע אױ־טאָריטעט צווינגען די אויסלענדישע יידן — איטאַליענישע בירגער אַרייַנגערעכנט — זיך צו באַזעצן אין די געגנטן, וועלכע זענען פאַר־נומען דורך די דייטשע טרופּן. די שריט צו באַשיצן די יידן, סיי אויסלענדישע, סיי איטאַליענישע, דאַרפן אָנגענומען ווערן אויסשליס־לעך, דורך אונזערע אָרגאַניזמען, וועלכע האָבן באַקומען די גענויע אינפאָרמאַציעס, לויט וועלכע פּרינציפּן זיך צו ריכטן, אויפן סמך פון דער אויבנדערמאָנטער דעפּעשע, וואו עס זענען אָנגע־וויזן די דירעקטיוון, מיט וועלכע עס איז צוועקמעסיק זיך צו אינס־פּירירן אין שייכות מיט די מאָסנאַמען אין אונזער לאַנד, מחוץ געוויסע זיכערקייטס־פאַראָרדענונגען פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון די מיליטערישע באַדינגונגען".

אין דער דאַטע פון 3־טן יאַנואַר 1943, האָט די איטאַליענישע דעלעגאַציע פון ניצע דערהאַלטן די פאָלגנדיקע דעפּעשע:

„מיר פּאַרופן זיך אויף די דעפּעשעס נומ. 34/R 12579, 34/R 12825 און 34/R 12936 פון פאַרגאַנגענעם 22־טן און 29־טן דעצעמבער און פון 2־טן ה. ח.:

„מיר דאַנקען אייך פאַר די אינסטרוקציעס, וועלכע עס אַנט־האַלטן די אויבנדערמאָנטע דעפּעשעס און מיר באַאײַלן זיך אייך צו אינפאָרמירן, אַז די פראַגע וועגן די יידן, וועלכע וואוינען דאָ, איז אויפן וועג צו איר לייזונג.

„די פראַנצויזישע לאָקאַלע אויטאָריטעטן — אַנטשפּרעכנדיק צו די אינסטרוקציעס, וועלכע זענען זיי אָנגעקומען פון ווישי (אינס־טרוקציעס, וואָס זענען וואַרשיינלעך דיקטירט געוואָרן דער פראַנ־צויזישער רעגירונג מצד דייטשלאַנד), זייענדיק שוין גרייט אָנצו־נעמען, אין די מאַריטימער אַלפּן, די זעלבע מאָסמיטלען, וועלכע זענען חל אויף די זאָנעס, וואָס זענען נישט אָקופּירט דורך אונזערע טרופּן — זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן, סיי דורך דער דאָזיקער דעלעגאַציע, סיי דורך דער איטאַליענישער מיליטערישער מאַכט, צו אַנולירן יעדע מאָסנאַם פון דעם מין.

„דאָס דאָזיקע איז דערגרייכט געוואָרן, נישט אָן דעם, אַז עס זאָל זיך נישט באַמערקן אַ געוויסער ווידערשטאַנד מצד די פראַנ־צויזן, אַ ווידערשטאַנד וואָס איז אַגב, דיקטירט דורכן ווילן צו זען זייער הערשאַפט באַפעסטיקט.

„אונזער האַלטונג האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון הייסער דאַנקבאַרקייט מצד די יידן, וועלכע געפינען זיך אין די מאַריטימער אַלפּן."

דער דאָזיקער „געוויסער ווידערשטאַנד, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין דער דעפּעשע, זעט זיך אַרויס גאַנץ בולט אינעם ראַפּאָרט פון ריביער, פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן — צו זיין רעגירונג. (1)

און ביי דער געלעגנהייט פון זיינס אַ רייזע קיין פּאַריז, אײַלט זיך לאַוואַל צו צו פאָדערן אויפקלערונגען ביי דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. אין שייכות דערמיט, שיקט די אַמבאַסאַדע צו איר פאָרשטייער אין ווישי, די פאָלגנדיקע אינסטרוקציעס:

(1) — זען דאָקומענט 2 (ביילאַגע).

„רעזשים, וואָס באַציט זיך צו די יידן פון איטאַליענישער און אויסלענדישער בירגערשאַפט אויף די פראַנצויזישע טע־ריטאָריעס, וועלכע זענען אָקופּירט דורך די איטאַליענישע טרופּן.

www.libtooq.com.cn

„דער פּרעזידענט לאַוואַל האָט מודיע געווען דער אַמבאַסאַדע וועגן דעם טעלעפאָנישן געשפּרעך מצד דעם פּרעפעקט פון די מאַרי־טימער אַלפּן, אין שייכות מיט דער אינטערווענץ פון ה' קאַליס, אין איינקלאַנג מיט דער לאָקאַלער איטאַליענישער מיליטערישער אויטאָ־ריטעט, וועגן די שריט וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן מצד דער פראַנצויזישער רעגירונג בנוגע די יידן. דער ציל פון דער אינטער־ווענץ איז געווען צו דערגרייכן, אַז „די מאַסנאַמען זאָלן נישט אָנגע־ווענדעט ווערן נישט לגבי די איטאַליענישע, נישט לגבי די אויס־לענדישע יידן". די דערמאָנטע מאַסנאַמען זענען נוגע די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן, אַרבעטס־לאַגערן און דאָס אָפּשטעמפּלען די אידענטיטעטס־קאַרטן.

„דער זין פון לאַוואַלס קאָמוניקאַט איז געווען, אַז עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך אונזער אינטערווענץ לטובת די יידן פון אי־טאַליענישער בירגערשאַפט, דאַקעגן קען ער זיך נישט גענוי אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס אַזעלכעס האָט אונז באַוואויגן צו אינטערווענירן לטובת די אויסלענדישע יידן, דערצו נאָך זענען, אין רעזולטאַט פון אונזער ווענדונג, די יידן פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט געשטעלט געוואָרן אין אַ מינדערווערטיקער לאַגע אין פאַרגלייך מיט די אויסלענדישע יידן. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער וואָלט שוין בעסער באַפאָרצוגט צו זען די איטאַליענישע און אפילו אויך די אויסלענ־דישע יידן — טראַנספּערירט קיין איטאַליע.

„ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים צושטעלן עטלעכע אויפ־קלערונגען קיין ווישי, וואו ער וועט זיך היינט צוריקקערן.

„צוליב די אויבנדערמאָנטע טעמים און נעמענדיק אין באַ־טראַכט די דעפּעשעס פון אויסערן־מיניסטעריום, נג. 12825 34/3 פון 22־טן דעצעמבער, 12825 34/R פון 29־טן דעצעמבער און! 12936 34/R פון פאַרגאַנגענעם 2־טן יאַנואַר, וועלכע זענען אייך באַקאַנט, בעט איך אייך: זיך צו געבן די מי צו דערקלערן אין פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום, אַז דער קאָמוניקאַט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צום פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן באַדייט, אַז אין די, דורך די איטאַליענישע טרופּן באַזעצטע טעריטאָריעס, באַזיצט די איטאַליענישע מיליטערישע מאַכט — און דאָס, צוליב מיליטערישע זיכערקייטס־סיבות — די נויטיקע אויטאָריטעט אויף צו באַשטימען די פּראָטעקציע־שריט, וואָס דאַרפן אָנגעווענדעט ווערן

כלפּי די יידן, שריט, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן לויט די פּרינציפּן, וועלכע וועלן זיך אַרויסווייזן צום פּאַסיקסטן.״

www.libtool.com.cn

אַזוי אַרום, ווערט — פון איין פאַראָרדענונג, וואָס באַציט זיך בלויז צום איינציקן דעפּאַרטעמענט פון די מאַריטימער אַלפּן — געבוירן אַן אַלגעמיינע רעגלעמענטירונג, וועלכע איז גילטיק פאַר דער גאַנצער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין פראַנקרייך. צוליב די אינצידענטן, וועלכע זענען אַרויפגעשווימען אין רעזולטאַט פון די אַרעסטן פון די יידן אין אַנדערע דעפּאַרטעמענטן — זענען צאָל־רייכע ענלעכע אינסטרוקציעס פונאַנדערגעשיקט געוואָרן דורכן מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים צו זיינע פאָרשטייער אין פראַנקרייך. אָט איז — אין שייכות דערמיט — אַ כאַראַקטעריסטישער אויסצוג פון אַ קאָמוניקאַט, וועלכער איז אָפּגעשיקט געוואָרן מצד דעם אויסערן־מיניסטעריום, דעם 18־טן מערץ 1943, צו די אַמבאַסאַדעם פון פּאַריז און ווישי (דעפּעשע נומ. R/34 2507):

„בכדי צו ענטפערן אויף געוויסע טענות מצד דעם אַדמיראַל פּלאַטאָן, בעת זיין געשפּרעך מיט אונזער פאָרשטייער ביי דער ווישי־רעגירונג, בין איך אייך מודיע, אַז איך האָב באַשטעטיקט פאַר דעם דערמאָנטן פאָרשטייער, אַז די אַרעסטן און די אינטערנירונגען פון יידן, אָן אונטערשיד פון בירגערשאַפט, וועלכע וואוינען אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, וואָס איז באַזעצט דורך אונזערע טרופּן — זענען רעזערווירט פאַר אונזערע מיליטערישע אויטאָריטעטן, און איך האָב אים געגעבן די נויטיקע אינסטרוקציעס, כדי ער זאָל באַטאָנען פאַר דער פראַנצויזישער רעגירונג, אַז די אַרעסטן און אינטערנירונגען, וועלכע זענען אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די פּרעפעקטן אויף די דערמאָנטע טעריטאָריעס — זאָלן אַנולירט ווערן און די אַרעסטירטע און דעפּאָרטירטע יידן זאָלן באַפרייט ווערן. עס איז צוועקמעסיק אונטערצושטרייכן, אַז די דאָזיקע פאַראָרדענונגען זענען נישט חל אויף די יידן, וועלכע פאַלן אַרונטער אונטער דעם אַלגעמיינעם שטראָף־קאָדעקס; פאַר אַזעלכע קען די יוסטיץ פאָרזעצן די נאָרמאַלע פּראָצעדור אין הסכם מיט די געזעצן, וועלכע זענען אין קראַפט, און זיי דאַרפן אָפּקומען זייער שטראָף אין פראַנקרייך, מיטן אויסנאַם פון דעפּאָרטאַציע. איך האָב לסוף גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט דערויף, אַז עס האַנדלט זיך נישט אין אונטערהאַנדלונגען, אָדער ווענדונגען, נאָר אין אַ באַשטימטן קאָמוניקאַט צו דער פראַנצויזישער מאַכט און נעמלעך: אַז די פּאָליטיק אין באַצוג צו די יידן, וועלכע געפינען זיך אויף די פראַנצויזישע טעריטאָריעס פון איטאַליענישער אָקופּאַציע, איז שייך אויסשליסלעך די איטאַליענישע מאַכט. מיטן צוועק אויסצומיידן, אַז במשך די אונטערהאַנדלונגען פון גענעראַל אוואַרנאַ, זאָלן נישט אַדורכגעפירט ווערן קיין שום אַרעסטן אָדער דעפּאָרטאַציע־שריט קעגן

די יידן — בעטן מיר אייך צו ווירקן, אינצווישנצייט, אין די פארשידענע פרעפעקטורן און ביי די לאָקאלע פראנצויזישע אויטאָריטעטן, אז די אויבנדערמאָנטע מאָסנאָמען זאלן נישט (איך חזור איבער: „נישט") אָנגעווענדעט ווערן. איר קענט אייך, צו דעם צוועק, באזירן אויף דער אקציע, וועלכע איז מיט א קורצער צייט צוריק — און ביי ענלעכע באדינגונגען — אדורכגעפירט געוואָרן ביים פרעפעקט פון ניצע".

www.libtool.com.cn

א דאנק דער אנטשלאָסענער האלטונג פון די איטאליענער, וועלכע האָט געווירקט אין פיל פאלן, האָבן די יידן אין דער איטאליענישער זאָנע, געקענט געניסן פון א כמעט אבסאָלוטער זיכערקייט. די יידישע סאָציאלע אינסטיטוציעס האָבן געהאט די מעגלעכקייט צו אָרגאניזירן, אויף א מעטאָדישן אופן, די אויפנאם פון א גרויסער צאָל יידן, וועלכע זענען זיך אָנגעפאָרן פון אלע עקן פראנקרייך און צו רעגולירן זייערע פאפירן. צו דעם צוועק איז געשאפן געוואָרן א ספעציעלע פאָליטישע קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פון ה' יוסף פישער און צו וועלכער עס האָבן געהערט די ה"ה: יעפרויקין, הערמאן, קעלמאן, מאסים, טאָפיאָל און ערדמאן. די באציאונגען מיט דער איטאליענישער אויטאָריטעט האָבן געשטעלט די יידן פאר א ריי דעליקאטע פראָבלעמען, ווייל ווי צוגעלאָזן עס זאָל נישט האָבן געווען זייער פאקטישע האלטונג, האָבן דאָך די איטאליענער סימבאָליזירט מיט זיך דעם אָקופאנט און שוין דערמיט אליין — דעם שונא.

ה' דאנאטי האָט פאָרגעזעצט זיין ראָל אלס „פאָרט־פאראָל" צווישן די יידן און דער איטאליענישער מאכט און א דאנק זיין פערזענלעכן פרעסטיזש, אין די קרייזן פון דער איטאליענישער ארמיי גאָר באזונדער — איז זיין אקטיוויטעט געווען ביז גאָר א ווירקזאמע. (אויף אזוי ווייט, אז די דייטשע ס. ד. האָבן באשלאָסן אים אוועקצוגנבענען, כדי אויף אזא אופן, א סוף צו מאכן צו זיין טעטיקייט) — (1). א סאָציאלע קאָמיסיע, אונטערן פאָרזיץ פון ה' מאָדיאנאָ און וועמענס אקטיוופסטער מיטגליד איז געווען ה' דובינסקי — האָט זיך פארנומען מיט איינאָרדענען די פליטים און מיט די פינאנציעלע פראגן.

די יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון אנדערע טיילן פראנקרייך, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אן אויפנאם־צענטער, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן בולוואר דיבושאזש, דורך די ה"ה פינק און טאָפיאָל. די איטאליענישע מאכט האָט געגעבן די פולמאכט דעם אויפנאם־צענטער אויסצושטעלן פאר די פליטים דאָקומענטן מיט אידענטיטעטס־פאָטאָס. פון דעם מאָמענט אָן, האָבן זיך שוין די פליטים געפונען אונטערן שוץ פון דער איטאליענישער זשאנדארמעריע. דעריבער, בעת די ווישי־פאָליציי האָט זיך אונטערגעשטעלט צו אָרגאניזירן אָבלאַוועס פאר דעם אויפנאם־צענטער פון בולוו. דיבושאזש און פאר די ניצער סינאגאָגעס, ארעסטירנדיק די יידן מיט נישט רעגולירע פאפירן, האָט דער קאָמענדאנט פון דער זשאנדארמעריע אין ניצע, דער קאָלאָנעל מאריאָ באָדאָ און זיינע מיטארבע־

(1) — זען דאָקומענט 36.

טער, די קאַפּיטאַנען סאַלווי און טאָסטי — אַוועקגעשטעלט פּיקעטן פון קאַראַ־ביניערן אין אָט די ערטער, מיטן באַפעל צו אַרעסטירן די ווישי־פּאָליציאַנטן, אין פאַל פון אַן אינטערווענץ פון זייער זייט. דער האַזיקער באַשלוס איז דורך דעם קאַפּיטאַן סאַלווי איבערגעגעבן געוואָרן דעם אינטענדאַנט פון דער ניצער פּאָליציי.

www.1bbtool.com.cn

די פּליטים, וועמענס סיטואַציע איז אַזוי אַרום רעגולאַריזירט געוואָרן, זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע צענטערס, ווי: סאַן־מאַרטען — דע — וועזיבי, מעזשעוו, סאַן־זשערוועי, ווענס, באַרסעלאָנעט א. א. וו. צו דעם צוועק זענען, אין די צענטערן, מצד דער איטאַליענישער מאַכט, רעקווירירט געוואָרן מערערע האָטעלן, בעת די אויסהאַלטונגס־הוצאות זענען אויסגעטראָגן געוואָרן דורכן או, זש. י. פ. און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס סאָציאַלע לעבן פון די פּליטים האָט זיך שנעל אָרגאַניזירט אויף זייער אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן: עס זענען געעפנט געוואָרן שולן פאַר די קינדער; דער אָ. ר. ט. האָט איינגעריכטעט אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג א. א. וו. דער הויפּט־פּאַרדינסט פון אָט דער אָרגאַניזירונג דאַרף אָבער, אין דער ערשטער ריי, צוגעשריבן ווערן די פּליטים גופא, ווי אויך דעם צענטער פון בולוו. דיבושאַזש, אונטער דער אָנפירונג פון די ה״ה פינק און טאָפּיאָל.

אַזוי האָט זיך אָרגאַניזירט, אין הסכם מיט די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען, דאָס לעבן פון די פּליטים אין דער „מקלט־זאָנע".

מען מוז צוגעבן, אַז געפונענדיק זיך אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון די איטאַליענישע אויטאָריטעטן, האָבן די יידן פון זייער זייט, מיט אַלע מעגלעכקייטן, זיך געמיט צו שאַפן אַ שטימונג, וואָס זאָל זיין ווי צום גינסטיקסטן פאַר די אַליר־טע, סיי צווישן די איטאַליענישע טרופּן, סיי צווישן דער פראַנצויזישער באַפעל־קערונג. אין אַלגעמיין, ווערט זייער אָפט אונטערגעשאַצט דער יידישער צושטייער צו דער אַלירטער זאַך: אין דער פראַגע, וועלכע אינטערעסירט אונדז דאָ, זאָל דער פאָלגנדיקער אויסצוג פונעם ראַפּאָרט פון דר. קנאָכען (שעף פון דער ס. ד. אין פראַנקרייך) אונדז געבן וועגן דעם אַ בילד:

> „צווישן די איטאַליענישע טרופּן און דער יידישער באַפעלקע־רונג הערשט די בעסטע האַרמאָניע. די איטאַליענער וואוינען ביי די יידן; די לעצטע לאַדן זיי איין און צאָלן פאַר זיי, פון וואָס עס שאַפט זיך דאָרטן דער איינדרוק, אַז די דייטשע און איטאַליענישע קאָנצעפּציעס שיידן זיך שטאַרק צווישן זיך פונאַנדער. מען גיט אונדז איבער פון דער פראַנצויזישער זייט, אַז די יידישע השפּעה האָט שוין געבוירן אינעם מהות פון דעם איטאַליענישן סאָלדאַט, דעם צייכן פון פּאַציפיסטישער און קאָמוניסטישער צעפוילונג, שאַפנ־דיק אפילו אַ פּראָ־אַמעריקאַנישע טענדענץ. גלייכצייטיק, זאָרגן שוין די דאָזיקע יידישע פאַרמיטלער פאַר איינשטעלן גוטע באַציאונגען צווישן די איטאַליענישע סאָלדאַטן און דער פראַנצויזישער באַ־פעלקערונג. זיי דערקלערן, אַז פראַנצויזן און איטאַליענער, זייענדיק

ביידע פון דער לאטיינישער ראסע — פארשטייען זיך א סך גיכער, ווי פראנצויזן און דייטשן, אדער ווי דייטשן און איטאליענער. אלץ ווערט מעטאדיש אנגעווענדעט: שטרענגע קריטיק וועגן די דייטש־איטאליענישע באציאונגען און, פון דער אנדערער זייט, צוגרייטונג פאר א פראנצויזיש־איטאליענישער פארשטענדיקונג. צו דערזעלבער צייט, באמיט מען זיך צו דעפארמירן דעם אופן פון דענקען ביי דער גאנצער באפעלקערונג, אונטערן פרעטעקסט, אז אין פאל פון אן אמעריקאנער אטאקע, וועלן די איטאליענער זיך נישט פארטיידיקן, ווייל — פארקערט — די אמעריקאנער וועלן זיי ענדלעך ברענגען דעם שלום" (1).

www.libtool.com.cn

עס דארף נאך דערמאנט ווערן, אז מיטן אוועקגיין פון דעם פרעפעקט רי־ביער, וועלכער איז געווען א פערזענלעכער פריינט פון מארשאל פעטען און א הייסער קאלאבאראטאר, האט א נייער ווינט א בלאז געטאן אין דער אדמיניסטראציע פון די מאריטימער אלפן. ריביער האט פארלאזן ניצע אין חודש יולי 1943, כדי פארטרעטן צו ווערן דורך ה' אנדרעי שעניא, פאכמענישער אדמיניסטראטאר און ווידערשטענדלער פון דער ערשטער מינוט אן.

עטלעכע טעג נאכן איבערנעמען זיין אמט אין דער פרעפעקטור פון די מאריטימער אלפן, האט ה' שעניא גענומען אויף זיך די איניציאטיוו איינצולאדן דעם ה' מאדיאנא צוזאמען מיט מערערע אנדערע פארשטייער פון די יידישע ארגאניזאציעס אין ניצע, מיט וועלכע ער האט זיך לאנג בעראטן וועגן דער לאגע. במשך פון זייער שמועס האט דער נייער פרעפעקט אפן ארויסגעוויזן זיין דערשיטערונג און דעם צארן, וועלכע ברויזן אין אים צוליב די אנטיסעמיטישע פארפאלגונגען, אונטערשטרייכנדיק גלייכצייטיק זיין אויפריכטיקע סימפאטיע לטובת די גערודפטע יידן:

„איך וועל נישט דערלאזן פון איצט אן קיין שום ווילקירלעכן אקט אין באצוג צו די יידן, ווען זיי זאלן זיך אפילו געפונען אין

(1) — זען דאקומענט 5.

דעם 28־טן יאנואר 1941, האט דר. קנאכען געשריבן אין א ראפארט צו דער דייטשער מיליטערישער אדמיניסטראציע אין פראנקרייך:

„עס איז איצטער דער פאסיקסטער מאמענט צו שאפן קאנצענטראציע־לאגערן פאר די יידן. צוויי טעמים זענען, פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט, פון אן אנטשיידנדיקן הויפט־געוויכט:

1) — די הויפט־אונטערשטיצונג פון דער פרא־ענגלישער און פרא־גאליסטישער פראפאגאנדע קומט ווארשיינלעך מצד די אויסלענדישע יידן.

2) — עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז אומעגלעך צו קולטיווירן ביי די פראנצויזן א געפיל פון אנטיסעמיטיזם, וואס זאל זיך באזירן אויף אידעאלאגישע פרינציפן, אינדערצייט וואס א פארשלאג פון אן עקאנאמישן כאראקטער וועט לייכטער גורם זיין אויפצווועקן אין זיי סימפאטיעס פאר דעם אנטיסעמיטישן קאמף. (דאס אינטערנירן פון קרוב 100.000 אויסלענדישע יידן, וועלכע וואוינען אין פאריז, וועט שאפן פאר צאלרייכע פראנצויזן די געלעגנהייט זיך ארויסצוהויבן פון די נידעריקע שיכטן, ביז צום דורכשניטלעכן קלאס)".

צי איז דאס נישט, אויפן ריכטיקסטן אופן, רעזומירט די טעכניק פון דער דייטשער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער?

אַן אומרעגולערער, אָדער אומלעגאַלער סיטואַציע. איך וויל נישט איבערלאָזן פאַר די איטאַליענער די נאָבעלע פּריווילעגיע פון בלייבן די אויסשליסלעכע פאַרטיידיקער פון דער טראַדיציע פאַר טאָלעראַנץ און מענטשלעכקייט, וועלכע איז, אייגנטלעך, די ראָל פון פראַנקרייך".

און מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט ער אַרויסגעגעבן צו זיינע אָפּטיילונגען די פאָלגנדיקע אינסטרוקציעס:

www.libtool.com.cn

פּרעפעקטור פון די מאַריטימער אַלפּן
פּאָליציי־אַמט

www.libtool.com.cn

4־טע דיוויזיע

אָפּטיילונג פון אידענטיטעטס־קאַרטן
פאַר אויסלענדער

ניצע, דעם 23־טן יולי 1943.

דער פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן
צום
ה' דיוויזיע־קאָמיסאַר
שעף פון רעגיאָנאַלן אַמט
פאַר עפנטלעכער שוץ

אין ניצע.

איך האָב דעם כבוד אייך צו בעטן, צו פאַרזיכערן — ביז צום 1־טן סעפּטעמבער — די אויספירונג פון די פאָלגנדיקע פאַרשריפטן:

1) אַלע אויסלענדישע יידן, וועלכע זענען אומלעגאַל אַריינגעקומען אין די מאַריטימער אַלפּן און געפונען זיך איצט אין אַט דעם דעפּאַרטעמענט אין אַ נישט־רעגולערער סיטואַציע, וועלן רעגולאַריזירט ווערן, אַן דעם אַז עס זאָלן קעגן זיי אָנגעווענדעט ווערן וועלכע נישט איז שטראָפן פאַר זייער אומלעגאַלן אויפנהאַלט אינעם דעפּאַרטעמענט.

2) עס וועלן אויך לעגאַליזירט ווערן, ביי זייער אַרויסגיין פון תפיסה, אַלע יידן, וועלכע זענען אָפּגעזעסן אַ שטראָף פאַר נישט באַזיצן קיין פאַסיר־שיין, פאַר נישט לעגאַלן אויפנהאַלט, פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן א. א. וו.

פאַר דעם פּרעפעקט
לויט אויפטראַג. שעף פון דער אָפּטיילונג, פאָרשטייער

אונטערגעשריבן : י. גואַראַן

* * *

www.libtool.com.cn

די טראַגעדיע, פון וועלכער מיר דערמאָנען דאָ די גלגולים און פון וועלכער די יידן זענען דער פיינלעכער אָביעקט, אַנטהאַלט דריי פּראָטאַגאָניסטן: רוים, ווישי און בערלין. לפנים דער איטאַליענישער צודרינגלעכקייט, האָט זיך ווישי גאַנץ שנעל אונטערגעגעבן, פּרוּאווענדיק פונדעסטוועגן עטלעכע מאָל שטעלן אַ ווידערשטאַנד, וועלכער פאַרשאַפט אונז געגוג בושה ביים געדאַנק, אַז דיקטירט איז ער געוואָרן אויסשליסלעך דורכן ווילן זיך אָנצוקלאַמערן אין דער גאַנץ אילוזאָרישער „ממשלה־רעכט", וועלכע איז, אגב, צו יענער צייט דווקא נישט געווען אויפן אָרט. אָבער גאַנץ שנעל, האָבן די דייטשן געגומען זיך אַריינמישן. עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז אינפאָרמירט זענען זיי געוואָרן דורך די צאָלרייכע מוסרים און אינדיקאַטאָרן, וועלכע זיי האָבן אויסגעהאַלטן אויפן קאַט־ד'אַזיר און אַנדערשוואו. זיי זענען אויך אינפאָרמירט געוואָרן אַ דאַנק געוויסע פראַנצויזישע פונקציאָנאַרן, טאָפּלטע פאַרעטער, ווי למשל — זשאַזעף אַנטיניאַק, פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן, וועלכער האָט אויף אַ „פאַרטרויליכן" וועג אי־בערגעשיקט צו דער ס. ד. אַ קאָפּיע פונעם ראַפּאָרט מצד דעם פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן (1). גלייך דערויף אַלאַרמירט די פּאַריזער ס. ד. די צענטראַלע פון בערלין. אַן ערשטער ראַפּאָרט וועגן דעם ווערט צו איר אָפּגעשיקט דעם 13־טן יאַנואַר 1943 (2). אַנדערע ראַפּאָרטן פאָלגן נאָך.

די דייטשע פּאָליציי־אַמטן האָבן, פון זייער זייט, אויפגערודערט דאָס אויסערן־מיניסטעריום פון רייך; דער לעצטער האָט, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין אַמ־באַסאַדע־ראַט, פאָן ביסמאַרק, געמאַכט אין רוים די ערשטע אינטערווענץ, דעם 3־טן פעברואַר 1943. אין דער נאָטע, וועלכע פאָן ביסמאַרק האָט איבערגעגעבן דעם ה' ווידאו, דירעקטאָר פון דעפּאַרטעמענט פאַר אַלגעמיינע ענינים — האָט די רייכסרעגירונג דערקלערט, אַז די מאַסמיטלען, וועלכע האָבן געלאָזט אין גאַנג די איטאַליענישע אַקציע, זענען אָנגענומען געוואָרן מצד דעם פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן, אויפן אויסדרוקלעכן פאַרלאַנג פון דער רייכסרעגירונג. די נאָטע האָט באַטאָנט די נויטיקייט פון אַן ענגער איטאַליעניש־דייטשער צוזאַמענאַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט, פאָדערנדיק, אַז די איטאַליענישע מאַכט זאָל אינטערנירן אַלע יידן צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע געפונען זיך אין דער, דורך איטאַליע, אָקופּירטער זאָנע; די איטאַליענישע אויטאָריטעטן דאַרפן אונטער־שטיצן די ווישי־רעגירונג אין דער אויספירונג פון די אַנטיסעמיטישע מאַסמיטלען און דאַרפן מיטאַרבעטן מיט די דייטשע מיליטערישע און פּאָליציייאישע אָרגאַניזמען, בכדי צו שטערן דאָס אַריינדרינגען פון די יידן אין דער דערמאָנטער זאָנע.

ה' ווידאו האָט אויסגעפּועלט ביי זיין רעגירונג די דערלויבעניש, אַנטקעגנ־צושטעלן דער דאָזיקער נאָטע אַ נעגאַטיוון ענטפער. דעם 10־טן פעברואַר האָט ער

(1) — זען דאָקומענט 2.
(2) — זען דאָקומענט 1.

מודיע געווען פֿאָן ביסמאַרקן, אַז אין די מצד די איטאַליענישע טרופּן באַזעצטע זאָנעס, זענען אַלע יידן אויסלענדישע און פראַנצויזישע, אונטערגעוואָרפֿן אויס־שליסלעך די מאָסמיטלען, וואָס קומען פון די איטאַליענישע אויטאָריטעטן.
www.libtool.com.cn

אינגיכן זענען אָבער די דייטשן ווידער צוגעשטאַנען; דאָסמאָל איז עס געווען פֿאָן ריבענטראָפּ, וועלכער האָט ביי דער געלעגנהייט פון זיינס אַ רייזע קיין רוים, אויפגעהויבן די פראַגע פאַר מוסאָליניען אַליין. זיין הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז די אַקס דאַרף פאַר קיין פאַל נישט שאַפן דעם איינדרוק פון אַ דיסהאַרמאָניע צווישן די איטאַליענער און די דייטשן, און הויפּטזאַכלעך אויף אַזאַ וויכטיקן געביט, ווי עס איז דער קאַמף קעגן די יידן. פֿאָן ריבענטראָפּ האָט אונטערגעשפּאַרט זיינע אויספירונגען מיט אַ ברייטער דאָקומענטאַציע, באַשולדיקנדיק די איטאַליע־נישע אָקופּאַציע־מאַכט אין אַ געהיימער פאַרבינדונג מיט די יידן.

נאָכן אָפּפאָרן פון פֿאָן ריבענטראָפּ, איז אויף פֿאָן מאַקענזען, דעם אַמבאַסאַ־דאָר פון דריטן רייך אין איטאַליע, אויסגעפאַלן די ראָל צו געפונען אַ צופרידנ־שטעלנדיקע לייזונג פאַר דעם 3־טן רייך. דער באַריכט, וועלכן דער אַמבאַסאַדאָר האָט איבערגעשיקט קיין בערלין, וועגן זיינע צוויי געשפּרעכן, וואָס ער האָט נאָכ־אַנאַנד אָפּגעהאַלטן מיט מוסאָליניען, שטעלט מיט זיך, אָן ספק, פאָר איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן פון אונזער זאַמלונג. ער ווערט געבראַכט אין זיין אינטעגראַלן טעקסט אויף ז.ז. 60 און 61, אינם דאָקומענט מאַקענזען.

מיר ברענגען דאָ דעם כאַראַקטעריסטישסטן אויסצוג, וואו פֿאָן מאַקענזען גיט איבער זיין רעגירונג דעם דוטשעס ווערטער:

„...אויב זיינע גענעראַלן האָבן זיך אַריינגעמישט אין דער פראַגע, איז עס דערפאַר, ווייל צוליב זייער מענטאַליטעט, קענען זיי נישט באַגרייפן איר גאַנצע וויכטיקייט. עס האַנדלט זיך נישט וועגן שלעכטע כוונות, נאָר וועגן דער לאָגישער קאָנסעקווענץ פון אָט דער מענטאַליטעט. אין דער אמתן דאַרפן מיר זיין צופרידן מיט דער עקזיסטענץ פון אַ פראַנצויזישער רעגירונג, וועלכע איז גרייט אויסצופירן די פּאָליציייאישע פאָרשריפטן. עס איז אומזיניק זי צו צוימען, אָדער זי צו פּאַראַליזירן. זיינע גענעראַלן זען אויס צו האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען נישט אין פראַנקרייך קיין אָקופּירנדיקע מאַכט און אַז זיי זענען געקומען מער נישט, ווי אונז צו העלפן. זיי דאַרפן זיך נישט מישן אין די מאָסמיטלען, וועלכע ווערן אָנגענומען מצד דער פראַנצויזישער פּאָליציי. דער אופן, ווי אַזוי די פראַנצוי־זישע פּאָליציי פירט זיך אויף לגבי די יידן, איז בלויז אַזעלכער וועלכן מען ווייזט אַרויס אין באַצוג צו פאַרברעכער. דאָס אין אַ פראַגע, אין וועלכער די גענעראַלן דאַרפן זיך נישט מישן. זייער האַלטונג קומט נישט בלויז פון מאַנגל אין פאַרשטענדעניש, נאָר אויך פון אַ סענטימענטאַלן הומאַניטאַריזם, וועלכער איז נישט אין איינקלאַנג מיט אונזער שטרענגער עפּאָכע.

ער וועט דעריבער, נאָך היינט אַרויסגעבן די נויטיקע אינסט־
רוקציעס דעם גענעראַל אַמבראָזיאָ, איבערלאָזנדיק אויף ווייטער,
דער פראַנצויזישער פּאָליציי פולשטענדיק פרייע הענט אין אַט דעם
ענין...״

(ראַפּאָרט פון 18־טן מערץ 1943)

אַזוי זאָל דער איטאַליענישער דיקטאַטאָר האָבן גערעדט בעת דעם געשפּרעך, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 17־טן מערץ 1943.

אַזוי אויך האָט, דעם 18־טן מערץ, טריאומפירט דער אַמבאַסאַדאָר פון דריטן רייך. אָבער מיט 48 שעה שפּעטער, האָט ער געמוזט אַנדערש רעדן:

„באַסטיאַניני האָט מיך היינט גערופן, בכדי מיר איבערצוגעבן דאָס פאָלגנדיקע מצד דעם דוטשע, אין שייכות מיט אונזערביידנס געשפּרעך, דעם 17־טן מערץ:

„אין דער פראַגע פון אָנעמען מאַסנאַמען קעגן די יידן א. א. וו. (דאָס הייסט, קעגן די בירגער פון די שונאישע לענדער) אויף די פראַנצויזישע טעריטאָריעס, וועלכע זענען אָקופּירט דורך די איטאַ־ליענער, האָט דער דוטשע אויסגעקליבן די לייזונג נומ. 2 און האָט אַרויסגעגעבן די אַנטשפּרעכנדיקע אינסטרוקציעס... ער האָט גערופן דעם שעף פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, סענים, און האָט אים — אין דער אָנוועזנהייט פון באַסטיאַניני — געגעבן דעם באַפעל אָנצופירן מיט דער אַקציע, לויט אייגענע כוחות, אומאָפּהענגיק פון די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן.״

(ראַפּאָרט פון 20־טן מערץ 1943) (*

דער דאָזיקער באַריכט איז אין פולשטענדיקן הסכם מיט דער עקספּאָזע פון ה׳ ווידאַו, לויט וועלכער די פונקציאָנאַרן פון איטאַליענישן אויסערן־מיניסטעריום האָבן געהאַט דעם בולטן איינדרוק, אַז מוסאָליני האַלט ביים נאָכגעבן די דייטשע פאָדערונגען. פון זייער זייט, האָבן די אָפּטיילונגען פון מיניסטעריום צונויפגע־זאַמלט די גאַנצע דאָקומענטאַציע, וועלכע האָט זיך געפונען אין זייער רשות, וועגן אַט דער פראַגע, צולייגנדיק אַ ראַפּאָרט, וועלכער איז זיי נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען קיין איטאַליע, וואו עס זענען געווען, צום ערשטן מאָל, באַשריבן די שוידערלעכע שחיטות, וועלכע די ס. ס. האָבן אַדורכגעפירט אין פוילן. די דאָזיקע דאָקומענטאַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן מוסאָליני, צוזאַמען מיט אַ קורצער נאָטע, אין וועלכער עס ווערט בקיצור געזאָגט, אַז קיין שום מאַכט — מעג עס זיין אפילו דאָס פאַרבינדעטע דייטשלאַנד — איז נישט אימשטאַנד משתתף צו זיין איטאַליע צו אַזעלכע מיני פאַרברעכנס, פאַר וועלכע דאָס איטאַליענישע פאָלק גופא וועט נאָך אַמאָל דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון.

*) זען ז.ז. פון 60 ביז 65 דעם אינטעגראַלן טעקסט פוןביידע ראַפּאָרטן.



www.libtool.com.cn

די דאָזיקע נאָטע, דערציילט ה׳ ווידאָו, האָט אַרויסגערופֿן דעם געוואונטשע־נעם איינדרוק; מוסאָליני האָט זיך אויך דאָסמאָל, אין לעצטן מאָמענט, נישט גע־קענט אַנטשליסן. די יידן זענען נישט אויסגעליפֿערט געוואָרן (1).

www.libtool.com.cn

***

מיט אַלע מיטלען האָבן זיך די דייטשן באַמיט צו דערגרייכן זייערס. אַזוי אַרום, שיקט הימלער קיין רוים, נישט מיטן דיפּלאָמאַטישן וועג — איינעם פֿון זיינע הויפּט־אַדיוטאַנטן, דעם גרופּענפֿירער מיללער, שעף פֿון דער סעקציע IV ביי

---

(1) — די דאָזיקע אינטערווענץ פֿון פֿאָן ריבענטראָפּן איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פֿאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אין נירנבערג, בעת דעם פֿאַרהער פֿון פֿאָן ריבענטראָפּ דורך מר. עדגאַר פֿאַר, גענעראַל־פֿאַרשטייער פֿון דער פֿראַנצויזישער מאַכט. אַזוי געפֿונען מיר, איבערגעחזרט און באַשטעטיקט, אין זיינע אַלגעמיינע שטריכן, דעם באַריכט פֿון ה׳ ווידאָו. אָט איז אַן אויסצוג פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרהער (פּראָטאָקאָל פֿון דער זיצונג פֿון 2־טן אַפּריל 1946):

מר. פֿאַר: — צי איז אייער אויפֿמערקזאַמקייט געצויגן געוואָרן אויפֿן פֿאַקט, אַז די איטאַליענישע רעגירונג זאָל האָבן באַשיצט יידן קעגן די דייטשע פֿאַרפֿאָלגונגען?

פֿאָן ריבענטראָפּ: — יאָ, איך דערמאָן זיך עפּעס ענלעכס איז געווען, אָבער איך ווייס נישט גענוי וואָס.

מר. פֿאַר: — צי האָט איר אונטערגענומען וועלכע נישט איז אינטערווענצן וועגן דעם, ביי דער איטאַליענישער רעגירונג?

פֿאָן ריבענטראָפּ: — יאָ, איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב איינמאָל גערעדט וועגן דעם, דאָס איז געווען מיט מוסאָלינין, אָדער מיט דעם גראַף טשיאַנאָ — אַז אין פֿראַנקרייך זענען פֿאָרגע־קומען געוויסע אינצידענטן — איך גלויב — אַז דאָס איז געווען וועגן אַ סאַבאָטאַזש — און אַז מען וואָלט באַדאַרפֿט דאָרטן אויפֿפּאַסן, און טאַקי אין שייכות דערמיט, גלויב איך, איז די יידישע פֿראַגע אויפֿגעהויבן געוואָרן.

מר. פֿאַר: — איך וואָלט וועלן ווייזן דעם דאָקומענט D.734 וועלכן איך לייג דאָ ביי אַלס דעם פֿראַנצויזישן דאָקומענט 1051. די דאָזיקע נאָטע האָט פֿאַר אַ טיטל: „נאָטע אין שייכות מיט דער קאָנפֿערענץ צווישן אויסערן־מיניסטער פֿון רייך און דעם דוטשע אין פּאַלאַצאָ, אין דער אַנוועזנקייט פֿון די אַמבאַסאַדאָרן פֿאָן מאַקענזען און אַלפֿיערי און דעם רעגירונגס־סעקרעטאַר באַסטיאַניני, דעם 25־טן פֿעברואַר 1943״. איך וועל פֿאָרלייענען דעם צווייטן אָפּזאַץ:

„נאָכדעם האָט דער אויסערן־מיניסטער פֿון רייך, באַרירט די יידישע פֿראַגע. דער דוטשע האָט גוט געוואוסט, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט דער באַהאַנדלונג פֿון די יידן, איז דייטשלאַנד פֿאַר אַנ־ווענדן ראַדיקאַלע מאָסמיטלען. אין רעזולטאַט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער מלחמה אין רוסלאַנד, איז די פֿראַגע קלאָר געוואָרן. דייטשלאַנד האָט דעפּאָרטירט די יידן פֿון דייטשלאַנד, ווי אויך אַלע יידן פֿון די, דורך איר, באַזעצטע טעריטאָריעס — צו די מזרח־רעזערוון. דער אויסערן־מיניסטער פֿון רייך האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע שריט ווערן באַטראַכט אַלס אכזריותדיקע, הויפּטזאַכלעך, מצד דעם שונא, אָבער זיי זענען געווען נויטיק, כדי צו פֿירן דעם קריג מיט פֿולן דערפֿאָלג״.

איצטער וועל איך פֿאָרלייענען, נישט דעם נעכסטן אָפּזאַץ, נאָר דעם פֿירטן:

„פֿראַנקרייך האָט אויך אָנגענומען שריט קעגן די יידן, און זייער נויטיקע. זיי זענען אָבער געווען בלויז פּראָוויזאָרישע, ווייל זייער דעפֿיניטיווע לייזונג איז אויך געווען, דעפּאָרטאַציע אין מזרח. דעם אויסערן־מיניסטער פֿון רייך איז גוט באַקאַנט, אַז צווישן די איטאַליענישע מיליטערישע קרייזן, ווי אויך טיילמאָל אין דער דייטשער אַרמיי גופֿא, האָט מען נישט געהאַט די געהעריקע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער יידן־פֿראַגע. נאָר דערמיט קען מען דערקלערן דעם באַפֿעל מצד דער העכסטער קאָמענדאַטור, צו אַנולירן די מאָסמיטלען, וועלכע זענען — אין הסכם מיט די דייטשע פֿאָדערונגען — אָנגענומען געוואָרן דורך די פֿראַנצויזישע אויטאָריטעטן קעגן די יידן אין דער איטאַליענישער אָפּעראַציע־זאָנע אין פֿראַנקרייך. דער דוטשע לייקנט אָפּ די ריכטיקייט פֿון דער

דער ס. ד. (ד. ה.: שעף פון דער געסטאַפּאָ), בכדי דירעקט אונטערצוהאַנדלען מיט דער איטאַליענישער פּאָליציי.

www.libtool.com.cn

מיללער זעט אויס צו זיין זייער צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון זיין רייזע, פון וועלכער ער גיט אָפּ אַ באַריכט אין די פּאָלגנדיקע ווערטער:

„...די איטאַליענישע פּאָליציי האָט געשיקט דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּינאָסאָ מיט זיין אַדיוטאַנט, דעם וויצע־קאַסירער לוצערי, ווי אויך עטלעכע מיטאַרבעטער, אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, בכדי דאָרטן צו רעגולירן לויט דער דייטשער קאָנצעפּציע, און אין דער ענגסטער צוזאַמענאַרבעט מיט דער דייטשער פּאָליציי און עווענטועל אויך מיט דער פראַנצויזישער פּאָליציי — די יידישע פּראָבלעמען אַזוי ווי זיי שטעלן זיך איצט פאָר" (1).

דער עפּיזאָד, וועלכן מיר ווילן דאָ איצטער אַרויסברענגען, פאַרמאָגט אין זיך גענוג אייגנאַרטיקייט, פון דעם אָריגינעלן אייגנאַרט, וואָס גיט אָפּטמאָל אַ

---

דאָזיקער אינפאָרמאַציע און דערקלערט זי מיט די מאַכינאַציעס מצד די פראַנצויזן, כדי צו פאַרשפּרייטן אַ פיינטשאַפט צווישן דייטשלאַנד און איטאַליע".

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַן ריבענטראָפּ: — וואָס שייך דעם דאָזיקן דאָקומענט, האַנדלט זיך עס דערין: אין יענער עפּאָכע, גלויב איך, איז אין פראַנקרייך אויפגעדעקט געוואָרן אַ ברייטע שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע. צוליב מיינער אַ רייזע קיין איטאַליע, האָט דער פירער מיך געשיקט רעדן מיט מוסאָלינין, בכדי אַכטונג צו געבן, אַז די יידן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש, זאָלן אַרעסטירט ווערן און אַז די איטאַליענישע רעגירונג אָדער די מיליטערישע אויטאָריטעטן זאָלן נישט אינטערוועניר̄ן מיט זייערס אַן אָפּאָזיציע קעגן דעם אָנווענדן פון אָט די מאָסמיטלען. אַלנפאַלס, וועגן דעם ענין וואָלט איך וועלן גלייך זאָגן, אַז איך האָב געוואוסט, און דאָס איז אויך געווען דער פּלאַן פון פירער, אַז די יידן פון אייראָפּע האָבן געזאָלט איינגעאָרדנט ווערן, אין אַ ברייטן מאָסשטאַב אָדער אין מאַדאַגאַסקאַר, אָדער אין אַפריקע, צי גאָר אין די מזרח־רעזערוון. אַלע אין דייטשלאַנד האָבן וועגן דעם געוואוסט. בלויז וועגן דעם האַנדלט זיך עס דאָ און איך ווייס, אַז דעמאָלט זענען פאָרגעקומען עטלעכע זייער אומאַנגענעמע פאַלן, און דער פירער איז געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף זיי צושרייבן אויפן חשבון פון דער אַקטיוויטעט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך געפונען, גלויב איך, אין דרום פון פראַנקרייך. דעמאָלט — דאָס געדענק איך איצטער זייער גענוי — האָב איך גערעדט מיט מוסאָלינין וועגן דעם דאָזיקן ענין און האָב אים געבעטן אָנצונעמען די נויטיקע שריט, ווייל די יידן האָבן, אויף אַ רעגולערן אופן, איבערגעגעבן אויסקינפטן צו די ענגלישע און אַמעריקאַנישע שפּיאָנאַזש־אַמטן. אַלנפאַלס, אַזעלכע זענען געווען די אינפאָרמאַציעס, וועלכע זענען רעגולער אָנגעקומען צום פירער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּרעזידענט: — צי גיט דער אָנגעקלאָגטער צו, אַז ער דערקענט אַז דאָס איז, בקיצור, דער גענויער באַריכט פון זיין רעדע?

פאַן ריבענטראָפּ: — איך קען היינט נישט זאָגן גענוי, וואָס איך האָב געזאָגט אין יענער עפּאָכע, נאָר די רייד, אַז די יידן זענען די איבערטרעגער פון די ענגליש־אַמעריקאַנישע ידיעות, דערמאָנען מיך, אַז צו יענער צייט, האָט אַ גרויסע סאַבאָטאַזש־ און שפּראָנאַזש־אַפּערע אונז פאַרשאַפט אַ סך אַרבעט און אין שייכות דערמיט, האָט דער פירער מיר פאַראָרדנט צו רעדן מיט מוסאָלינין, ווייל די איטאַליענער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט געוויסע מאָסמיטלען אין פראַנקרייך, און אָט אין דעם זין האָב איך דעמאָלט גערעדט מיט מוסאָלינין, ווייל דער פירער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף שאַפן אַ קלאָרע סיטואַציע.

(1) — זען דאָקומענט 9.

דערשיין, גאָר אומגעריכט, אויפן דראַמאַטישן הינטערגרונט פון די דאָזיקע אומברחמנותדיקע יאָרן.

מיר זענען איצטער אימשטאַנד צו באַשרייבן, מיט געוויסע פּרטים, די אינספּעקציע־רייזע פון סעניאָר לאָ ספּינאָסאַ, גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער פּאָליציי.

www.ltbtool.com.cn

לאָ ספּינאָסאַ איז געווען אַ בראַווער פונקציאָנאַר, וועלכער איז פריער געהאַט געווען פּאָליציי־אינטענדאַנט אין דער פּראָווינץ פון באַרי. אויף אים איז דאָס אויסגעפאַלן דער אויסוואַל פון דער מוסאָליני־רעגירונג, וועלכע האָט אים אָנפאַרטרויט די מיסיע צו קאָאָרדינירן די פראַגן, וועלכע באַציען זיך צום יידישן פּראָבלעם, אין דער זאָנע פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע.

עס פעלן אונז פּרטים וועגן דעם, ביי וועלכער געלעגנהייט איז זיין נאָמינאַציע באַשטעטיקט געוואָרן, ווי אויך וועגן דעם אינהאַלט פון די אינסטרוקציעס, מיט וועלכע ער איז באַאויפטראַגט געוואָרן פאַר זיין אָפּפאָר.

וואָס שייך דעם אופן, ווי אַזוי לאָ ספּינאָסאַ האָט אויסגעפירט זיין מיסיע — זענען די אויסקונפטן, וועלכע שטאַמען פון די דייטשע דאָקומענטן, דערגאַנצט געוואָרן דורך געוויסע איינצלהייטן און זכרונות, וועלכע ה' דאָנאַטי האָט אונז איבערגעגעבן. עס קומט אויס, אַז לויט דער עצה פון ה' דאָנאַטי, מיט וועלכן ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג גלייך ביי זיין אָנקומען אין ניצע, האָט זיך לאָ ספּינאָסאַ געטראָפן מיטן קאַפּוצינער גלח בענוא־מאַרי, פראַנצויזישן הויכן גייסטלעכן, וועלכער איז געווען זייער געשעצט דורכן וואַטיקאַן ; דער לעצטער האָט אים געבעטן אויסצופירן זיינע פונקציעס מיט רחמים און מענטשלעכקייט.

לאָ ספּינאָסאַ האָט דאַן אויסגעדריקט אַ געוויסע פאַרוואונדערונג צו זען אַ קאַפּוצינער גייסטלעכן זיך פאַרנעמען מיט יידישע ענינים און האָט אים געבעטן צו דערקלערן אים, ווער איז דער גאָט פון די יידן. דער פּאַטער בענוא־מאַרי האָט אים באַרואיקט, מיט דער פאַרזיכערונג, אַז דער גאָט פון די יידן איז אויך דער גאָט פון די קריסטן.

נאָכן האָבן באַקומען די דאָזיקע פאַרזיכערונג, איז שוין די רעשט געווען אַ קינדערשפּיל. לאָ ספּינאָסאַ האָט זיך לייכט געלאָזט איבערצייגן, אַז פאַר קיין שום פּרייז, דאַרף ער זיך נישט אַריינלאָזן אין קאָנטאַקט מיט די דייטשן. און אינדערצייט וואָס קנאָכען, רעטהקע און זייערע גענאָסן, האָבנדיק צוטרוי צו די גוטע ידיעות, וועלכע מיללער האָט זיי טעלעגראַפירט פון בערלין, האָבן אויפגערודערט די ס. ד.־ביוראָס פון ווישי, מאַרסעיל און מענטאָן, כדי אויסצוגעפונען די שפּור פון דעם פאַרטרוילעכן שליח פון רוים (1) — האָט זיך דער נסתר, סעניאָר לאָ ספּינאָסאַ גאַנץ רואיק געלעבט אויף קאָט־ד'אַזיר, איבערלאָזנדיק פאַר דעם קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון די פּליטים גופא, די זאָרג זיך צו באַשעפטיקן מיט די ענינים, וועלכע ער האָט זיי אָנפאַרטרויט. לסוף האָט די מאַרסעילער ס. ד. טעלעגראַפירט דעם 26־טן מאַי 1943 :

(1) — זען דאָקומענטן : 10, 13, 17, 18.

„לויט ווי עס איז אונז באַקאַנט, האָט דאָס איטאַליעניש אי־נערן־מיניסטעריום געשאַפן אַ קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן אין ניצע, ווילאַ סוראַני, אין סימיעז — אונטער דער אָנפירונג פון איטאַליענער לאָ ספּינאָסאָ, וועלכער האָט דעם ראַנג פון גענע־ראַל. צו זיין אומיטלבאַרן שטאַב געהערן דער לייטענאַנט־קאָלאָנעל באָדאָ און דער קאַפּיטאַן סאַלווי. זיין וויכטיקסטער מיטאַרבעטער זאָל זיין דער האַלבער ייד — דאָנאַטי"... (1).

www.libtool.com.cn

עס איז זיכער, אַז רוים האָט גאָר נישט געקענט אויסוויילן קיין בעסערן שליח.

***

שטייענדיק אין קאָן פון אַט דעם ענגן און פאַרעטערישן פּאַפּיר־אויסטויש, האָט זיך דאָך מיט נסים אויפגעהאַלטן די דאָזיקע „מקלט־זאָנע". אָבער די גע־שיכטע איז זיך געפלאָסן איר וועג. אין יולי 1943, איז מוסאָלינים צוזאַמענברוך געפאַלן ווי אַ שווערע משא אויף דער וואָגשאָל פון די האָפענונגען ביי די אַלירטע. גלייכצייטיק, האָט אָט די געשעעניש, פון דער צווייטער זייט, אויפגעוועקט אין די הערצער פון די אומגליקלעכע פּליטים אַ שווערן אומרו: וואָס וועט דאָ ווערן פון דער זאָנע, וועלכע איז ביז איצט אָקופּירט געוואָרן דורך די איטאַליענער?

אין רוים איז — גלייך פון די ערשטע טעג אויגוסט 1943 — אָנגענומען גע־וואָרן דער באַשלוס צו עוואַקואירן די איטאַליענישע טרופּן פון דער זאָנע, וועלכע זיי האָבן ביז דאַן געהאַט אָקופּירט אין פראַנקרייך, מיטן אויסנאַם פון ניצע און איר אומגעגנט. (עס איז געווען פאָראויסגעזען, אַז די איטאַליענישע טרופּן וועלן זיך צוריקציען אויף מזרח־זייט פון דער ליניע טינעאַ־וואַר).

דער דאָזיקער באַשלוס איז גאַנץ גיך באַקאַנט געוואָרן אין די קרייזן פון די פּליטים. אַ גרויסע צאָל פון צווישן זיי האָט געוואָלט נאָכפאָלגן די איטאַליענישע טרופּן אין זייער ריקצוג. די דאָזיקע פראַגע איז באַטראַכט געוואָרן אויף אַ צווישן־מיניסטעריעלער זיצונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין רוים דעם 28־טן אויגוסט 1943, בעת וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך נישט אַנטקעגנצו־שטעלן דעם אַריינקומען פון די פּליטים אויף דער איטאַליענישער טעריטאָריע. אין רעזולטאַט, איז די פאָלגנדיקע טעלעגראַמע אָפּגעשיקט געוואָרן דורך דעם אויסערן־מיניסטעריום צו די איטאַליענישע דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער אין פראַנקרייך, דעם 7־טן סעפּטעמבער:

„דער ענטפער מצד דעם אויסערן־מיניסטעריום אויף דער דע־פּעשע פון קאָנסולאַט, נומ. 5497 פון 16־טן אויגוסט, איז איבער־געגעבן געוואָרן דעם זעלבן טאָג. לויט דעם דאָזיקן ענטפער קומט

(1) — זען דאָקומענט 20.

אויס, אַז די אונטערהאַנדלונגען זענען איצטער אין גאַנג. דער קאָנ־סולאַט קען, יעדנפאַלס, לעגקען קיין איטאַליע די מענטשן, פאַר וועלכע עס איז פאָראויסגעזען, אַז די איטאַליענישע בירגערשאַפט, אויב זי איז אפילו צווייפלהאַפט, וועט קענען אויף אַ דעפיניטיוון אופן, צוגעטיילט ווערן.

„וואָס שייך אַנדערע פערזאָנען — אין דער דערוואַרטונג פון אַן ענטגילטיקן רעזולטאַט — וואָלט געווען ווינטשנסווערט זיי צו טראַנספערירן אין דער זאָנע, וועלכע איז אָקופּירט דורך אונזערע טרופּן, מאַכנדיק פאַר זיי אַלע מעגלעכע פאַרלייכטערונגען.

אונטערגעשריבן : ראָססאָ".

איצטער קומען מיר צו צו אַ פּונקט, וועלכער — אַ דאַנק די פאָלגן, וואָס ער האָט געהאַט אויפן גורל פון די פּליטים — דינט נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַר אַ טעמע פון ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אין די יידישע קרייזן, זייענדיק אגב, פון דער אַנדערער זייט, ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אַרמיסטיס (וואָפנ־שטילשטאַנד) פון 3/8 סעפּטעמבער, וועלכע איז נאָך גאָר ווייניק באַקאַנט (1).

ווי אַזוי, ביי וועלכע אומשטענדן איז דאָס געשען, אַז די פּליטים פון דער „מקלט־זאָנע", אַנשטאָט זיך צו צעטיילן און באַהאַלטן אין די אַרומיקע ערטער, זענען גאָר צוזאַמענגעגרופּירט געוואָרן אין דעם ניצער רעגיאָן, קאָנצענטרירט ווי אין אַן אמתער מויזן־פאַסטקע, כדי לייכטער אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע איז — אין עטלעכע טעג אַרום — צוגעטרעטן צו איר משחית־דיקער אַרבעט ?

אָט ווי אַזוי — היסטאָריש גענומען — איז די זאַך זיך פאַרלאָפן :

מען דאַרף, קודם־כל זיך דערמאָנען, אַז אין הסכם מיטן פּלאַן פון איטאַליע־נישן שטאַב, האָט די געגנט פון דער מזרח־ליניע טינעאַ־וואַר באַדאַרפט פאַרבלייבן אַלס די איטאַליענישע אָקופּאַציע־זאָנע. מען האָט דעריבער גערעכנט האָפן, אַז לכל־הפחות אויף נאָך אַ געוויסע צייט, וועלן די יידן זיך פילן אין זיכערקייט.

אַ חוץ דעם, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ברייטער פּלאַן, פון וועלכן ה' דאָנאַטי איז געווען דער הויפּט־מחבר.

אין רעזולטאַט פון עטלעכע זיינע רייזעס קיין רוים, בעת וועלכע ער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט די מיטגלידער פון דעם נייעם קאַ־בינעט־באַדאָגליאָ און מיט די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון די אַלירטע ביים וואַטיקאַן — האָט ה' דאָנאַטי פאַרטראַכט אַ ברייטן עוואַקואַציע־פּלאַן פון אַלע פּליטים, וועלכע זענען געווען קאָנצענטרירט אין ניצע — אין דער באַפרייטער צפון־אַפריקע. דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָט ער פאָרגעשטעלט די פאָרשטייער פון די יידי־שע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך, מיט באַגייסטערונג, אין אים אָנגעשלאָסן.

(1) — דער אַרמיסטיס צווישן איטאַליע און די אַלירטע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 3־טן סעפּטעמבער און איז עפנטלעך באַקאַנט געוואָרן דעם 8־טן סעפּטעמבער 1943.



www.libtool.com.cn

דער פּראָיעקט האָט געזאָלט פאַרווירקלעכט ווערן אין די ראַמען פון אַ סטראַטעגישן פּלאַן, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער נייער איטאַליענישער רעגירונג און וואָס האָט געצילט צו דער טאָטאַלער באַפרייאונג פון איטאַליע, אין מאָמענט ווען דער אַרמיסטיס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן, ווייל צו דערזעלבער צייט, האָט איטאַליע געזאָלט איבערגיין אין דער זייט פון די אַלירטע. צוליב דער דאַזיקער אויסרעכענונג, האָט דער אַרמיסטיס באַדאַרפט ערשט פאַרעפנטלעכט ווערן אין חודש אָקטאָבער 1943. אין לעצטן מאָמענט און דאָס — צוליב טעמים, וועלכע זענען נאָך אומבאַקאַנט — האָט דער גענעראַל־שטאַב פון די אַלירטע אומגעריכטערהייט צונעאיילט דאָס באַקאַנט מאַכן פון דער דאָזיקער ידיעה.

די דאָזיקע פּריצייטיקע באַקאַנטמאַכונג פון דעם וואָפנשטילשטאַנד האָט אַלזאָ — טרעפנדיק פּלוצימדיקערהייט דעם באַדאָגליאָ־קאַבינעט — צונישט געמאַכט אַט די אַלע פּלענער און האָט, גלייכצייטיק, קעגנגעווירקט דעם רעטונגס־פּלאַן, אַוועקשטעלנדיק אַלע קאָנצענטרירטע פּליטים אין ניצע, אין אַ האָפענונגסלאָזער סיטואַציע (1).

---

(1) די לייענער וועלן אונז זיכער, דאַנקבאַר זיין, אויב מיר וועלן דאָ איבערגעבן די אינטערעסאַנטע שילדערונג פון ה׳ דאנאטי, וועגן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט דער באַדאָלגיאָ־רעגירונג און מיט די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון די אַלירטעביים וואַטיקאַן, אין לויף פון חודש אויגוסט 1943.

„...אין אָנהויב חודש אויגוסט 1943, זענען אָנגעקניפּט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגליש־אַמעריקאַנישער רעגירונג, בכדי אויסצופועלן, אַז מען זאָל אַוועקשיקן פון 20.000 ביז 30.000 יידן אין צפון־אַפריקע. די אונטערהאַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן אין וואַטיקאַן (וואו איך בין אַריינגעפירט געוואָרן דורכן פּאָטער בענוא־מארי — נאַטירלעך בגנבה) מיט סער אָסבאָרן, מיניסטער פון ענגלאַנד און ה׳ טיטמאַן — מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן ביים וואַטיקאַן.

„(ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן מיין אָנערקענונג דער וואונדערבאַרער טעטיקייט, דעם קוראַזש און אין דער זעלבסטאויפּאָפּפערונג פון די צוויי פראַנצויזישע הויכע גייסטלעכע, פּאָטער בענוא־מאַרי און בישאָף הערים.

דער ערשטער איז, במשך דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין רוים, געוואָרן פּרעזידענט פון דער דעלאַסעם (דעלעגאַציע פון אַסיסטאַנס פאַר עמיגראַנטן) און דער צווייטער, נישט קוקנדיק אויף זיין טיפן עלטער האָט אויך, במשך פון דעם זעלבן צייט־פּעריאָד, געדינט אַלס פאַרמיטלער צווישן די ענגליש־אַמעריקאַנישע אַמבאַסאַדאָרן ביים וואַטיקאַן און די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה אין רוים, מיטן ציל צוצושטעלן זיי די נויטיקע געלט־מיטלען פאַר דער הילף לטובת די אומגליקלעכע באַהאַלטענע יידן אין שטאָדט).

„נעמענדיק אין אַכט, אַז די איטאַליענישע רעגירונג האָט געוואוסט וועגן די טאָג־טעגלעכע געשפּרעכן און היות ווי זי האָט מסכים געווען אַריינצונעמען אין איטאַליע די צאָל יידן, וועלכע וואָלט, וואַרשיינלעך, געקענט עוואַקואירט ווערן אין צפון־אַפריקע, האָבן די צוויי אַנגלאָ־זאַקסישע מיניסטאָרן אינפאָרמירט וועגן דעם זייערע רעגירונגען. די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט אָפּגעענטפערט, אַז זי באַציט זיך צו דער דאָזיקער לייזונג מיט סימפּאַטיע און אַז זי שיקט איבער דעם פאָרשלאַג צום צווישן־אַלירטן פּליטים־קאָמיטעט אין לאָנדאָן. די ענגלישע רעגירונג האָט געענטפערט, אַז פּרינציפּיעל האָט זי גאָרנישט קעגן דער דאָזיקער לייזונג, וועלכע פאַרדינט ווי געהעריק באַטראַכט צו ווערן.

„אָבער מען האָט זיך געדאַרפט צואיילן און, אין הסכם פון אַן אָפּמאַך מיט דער איטאַליענישער מאַכט, איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצולאָזן דערווייל די יידן אין איטאַליע. האָבנדיק צוטרוי צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ניצע, האָט די איטאַליענישע רעגירונג אויסגעשטעלט אַ מין סאָרט פּאַספּאָרט, פון וועלכן 5.000 עקזעמפּלאַרן זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין רוים און



www.libtool.com.cn

מיר וועלן זיך איצטער צוריקערן צום היסטאָרישן פאַרלויף פון אָט דעם לעצטן פעריאָד:

צווישן די פּליטים האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט די נייעס, אַז מיטן אויסנאַם פון ניצע, וועט די גאַנצע איטאַליענישע אָקופּאַציע־זאָנע איבערגעלאָזט ווערן אין דייטשן רשות. אינדיווידועל, אָדער גרופּנווייז, דורך צוגן, אויטאָקאַרן, לאַסט־אויטאָס, אָדער טאַקסים, האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זייערע וואוינערטער און האָבן מאַסנווייז גענומען שטראָמען קיין ניצע. די „געצוואונגענע איינוואוינער" פון מעזשעוו און סאַן־זשערווע, אין דער צאָל פון בערך 2.000, זענען עוואַקוּאירט געוואָרן מיט דער הילף פון אַ 50 לאַסט־אויטאָס, וועלכע זענען געדונגען געוואָרן מצד דעם אויפנאַם־צענטער פון בולוואַר דיבושאַזש און זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די ניצער האָטעלן אויך אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דערמאָנטן אויפנאַם־צענטער.

זיי האָבן נאָך אפילו נישט באַוויזן, ווי עס איז, איינצואָרדענען זיך, ווי דעם

---

פון וועלכע אַ טייל דאַרף זיך נאָך, ביז היינט צו טאָג, געפינען אין די אַרכיוון פון אינפאָרמאַציע־מיניסטעריום — און וואָס האָבן געדאַרפט דינען אַלס פּאַסיר־שיינען, בכדי צו דערמעגלעכן די איטאַליענישע אויטאָריטעטן אַריינצולאָזן די יידן אין איטאַליע.

„סוף חודש אויגוסט, האָט די דייטשע רעגירונג געפאָדערט פון דער איטאַליענישער מאַכט אַ גרעסערן אָקופּאַציע־שטח פאַר זיך אין פראַנקרייך, בעת איטאַליע זאָל זיך רעזערווירן בלויז די ניצער געגנט. צו דער זעלבער צייט, האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרמיסטיס־אונטערהאַנדלונגען צווישן דער איטאַליענישער מאַכט און די אַלירטע, וואָס זענען פאַרענדיקט געוואָרן דעם 3־טן סעפּטעמבער 1943 מיט דער אונטערשריפט פון וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך. דער איטאַליענישער פּלאַן, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן מצד די אַלירטע, האָט געצילט אָנצופאַלן אויף די דייטשן דעם זעלבן טאָג, וואָס דער וואָפנשטילשטאַנד וועט עפנטלעך באַקאַנט ווערן, פאַרניכטנדיק גלייכצייטיק די אַמוניציע־ און ברענשטאָף־רעזערוון און אָרגאַניזירנדיק אַ לאַנדונג אין צפון־איטאַליע.

„מען האָט אויך פּראָיעקטירט צו גרופּירן אַרום און אַרום רוים, אַ געוויסע צאָל איטאַליענישע דיוויזיעס, אונטער דער אָנפירונג פון איינעם פון די בעסטע איטאַליענישע גענעראַלן, וואָס האָט געזאָלט באַשטימט ווערן דורך באַדאָלגיאָ. צוליב אָט די אַלע טעמים, האָט דער אַרמיסטיס געזאָלט באַקאַנט ווערן ערשט מיט אַ צייט שפּעטער. דער צוזאַמענברוך פון דער דייטשער אַרמיי און איטאַליע האָט געזאָלט צוזאַמענפאַלן מיט דער באַפרייאונג פון איטאַליע.

„סוף אויגוסט האָט אַ צווישן־מיניסטאָרן־זיצונג — ביי דער מיטבאַטייליקונג פון אויסערן־מיניסטער גואַריגליאַ, דעם אינערן־מיניסטער, דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון זיכערקייטס־פּאָליציי — סעניס און דעם מאַרשאַל באַדאָגליאָ — אָפּגעשטימט אפילו, אין וועלכע געגנטן זאָלן זיך די יידן באַזעצן, פאַרזיכערנדיק דערביי, אַז עס זענען פאַראַן אַלע מעגלעכקייטן אַדורכצופירן די געפּלאַנטע אָפּעראַציע, ווייל מען איז דאָך געווען זיכער, אַז מערערע וואָכן וועלן פאַריבערגיין, ביז וואַנען עס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן דער אַרמיסטיס־אָפּמאַך.

„ביי אָט די פאַרהעלטענישן, האָב איך אָנגעקניפּט אונטערהאַנדלונגען וועגן אָפּדינגען די 4 שיפן, וועלכע האָבן שוין איינמאָל געדינט אויף אַראָפּצוברענגען די איטאַליענער פון מזרח־אַפריקע קיין איטאַליע, און וועלכע וואָלטן איצטער געקענט אַריבערפירן די יידן פון איטאַליע קיין צפון־אַפריקע.

„דעם 8־טן סעפּטעמבער 9 אַ זייגער אינדערפרי, האָב איך געהאַט אַ געשפּרעך מיט ה׳ באַנאָמי, וועלכער האָט געזאָלט פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אינערן־מיניסטער — בעת וועלכן איך האָב אים הייס געבעטן זיך צו פאַרנעמען, אין דער ערשטער ריי, מיט דער יידישער פראַגע און אַרויסגעבן אינסטרוקציעס צו די זיכערהייטס־אַמטן, וועלכע זענען געווען אָפּהענגיק פון אינערן־מיניסטעריום, אַז מען זאָל פאַרלייכטערן אַלע גרענעץ־פאָרמאַליטעטן, אָנשטאָט זיי צו קאָמפּליצירן. ה׳ באַנאָמי האָט געגעבן זיין פאַרזיכערונג, אַז תיכף ביי זיין קומען צו דער מאַכט, וועט ער גלייך אָננעמען די נויטיקע שריט.



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

8־טן סעפּטעמבער האָט אויסגעבראָכן ווי אַ דונער, די ידיעה וועגן אַרמיסטיס. אויך דאָסמאָל האָט די ווירקלעכקייט געדראָט איבערצושטייגן די ערגסטע פּאָראויסזעונגען. די איטאַליענישע טרופּן האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַנאַנדערצולויפן אין אַ בהלה. דריי טעג נאָך דער באַקאַנטמאַכונג פון וואָפנשטילשטאַנד, זענען די דייטשע טרופּן אַריין אין ניצע.

עטלעכע הונדערט פּליטים האָט זיך איינגעגעבן מיטצוגיין מיט די איטאַליענישע טרופּן אין זייער ריקצוג. די איבעריקע זענען פאַר די דייטשן געווען אַ לייכטער רויב, שוין אַ שטיק צוליב דעם, וואָס זיי האָבן, צום גרעסטן טייל, געוואוינט אין האָטעלן און וואָס, זייענדיק פריש־אָנגעקומענע, האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום לאָקאַלע פאַרבינדונגען און געווען אָפּגעשניטן פון יעדן מין הילף אויפן אָרט. עס איז זיי דעריבער נישט מעגלעך געווען אָנצוקומען צו די קלאַסישע „הילפס־מיטלען", וואָס זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן במשך פון דער אָקופּאַציע־צייט, ווי: פאַלשע פּאַפּירן, אויסבאַהאַלטן זיך א. א. וו.

דערווייל איז די געסטאַפּאָ תיכּף צוגעטרעטן צו דער אַטאַקע. דעם 4־טן סעפּטעמבער האָט די פּאַריזער ס. ד. אויסגעאַרבעט אַן „אַקציע־פּלאַן" אונטערן טיטל: „צוגרייטונגען צו דער איינפירונג פון די אַנטיסעמיטישע מאָסמיטלען אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע (1), פון וועלכן מיר ברענגען דאָ דעם פאָלגנדיקן אויסצוג:

„דעמזעלבן פרימאָרגן זענען סיר אָסבאָרן און ה׳ טיטמאַן אינפאָרמירט געוואָרן וועגן מיין שמועס מיט ה׳ באַנאַמי און איך בין נאָכמיטאָג אָפּגעפאָרן פון רוים קיין ניצע, בכדי צו אָרגאַניזירן דעם אָפּפאָר פון די יידן קיין איטאַליע.

„אינצווישנצייט האָבן די איטאַליענישע אויטאָריטעטן, אין דער זאָרג צו ראַטעווען די יידן, וועלכע זענען באַדראָט צוליב דער פאַרקלענערונג פון איטאַליענישן אָקופּאַציע־שטח, אַרונטערצופאַלן אונטער דער דייטשער קאָנטראָל — אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דאָס אַריבערפירן אין דער ניצער געגנט פון די יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מעזשעוו, סאַן־זשערוועי און אין אַנדערע ערטער, וואָס האָבן געזאָלט אַריבערגיין אין די דייטשע הענט.

„אָבער דעם זעלבן 8־טן סעפּטעמבער, ביים סוף נאָכמיטאָג, האָט דער גענעראַל־שטאַב פון אייזענהויער, נישט אינפאָרמירנדיק פריער די איטאַליענישע רעגירונג — פאַרעפנטלעכט די ידיעה וועגן דעם אַרמיסטיס, צונישט מאַכנדיק אַזוי אַרום, מיטאיינמאָל, אַלע אַטאַקע־פּלענער קעגן די דייטשן, מצד די איטאַליענער, וועלכע האָבן דעמאָלט געהאַלטן אין סאַמע מיטן איבערגרופּירן זייערע כּוחות. די דייטשן האָבן גלייך פאַרכאַפּט אונטער זייער קאָנטראָל דעם באַן־פאַרקער פון גאַנץ איטאַליע און האָבן אָנגעהויבן מאַכן אָבלאַוועס און דעפּאָרטאַציעס אויף מיליטער־לייט, ציווילע און יידן.

„אַ געוויסער צאָל יידן פון די מאַריטימער אַלפּן האָט זיך דאָך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן זיך אין צפון־איטאַליע, אין פלאָרענץ און אין רוים. די צאָל אַנטלאָפענע יידן פון דרום־פראַנקרייך, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין רוים אַליין, איז געווען בערך 1.000.

„בלויז די פּריצייטיקע פאַרעפנטלעכונג פון דעם אַרמיסטיס־אָפּמאַך דורך דעם גענעראַל אייזענהויער, אָן דעם וויסן פון דער איטאַליענישער מאַכט — אַ פאַרעפנטלעכונג, וועמענס סיבה עס איז נאָך ביז היינט צו טאָג נישט באַקאַנט — האָט געשטערט דערפאָלגרייך צו פאַרענדיקן דעם פּלאַן פון ראַטעווען די יידישע פּליטים אין דער זאָנע פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע, אַ דאַנק דעם אַריבערפירן זיי קיין צפון־אַפריקע..."

(1) — זען דאָקומענט 33.

„דער קאַט־ד׳אַזיר, די דעפּאַרטאַמענטן פון סאַוואַוא און אָט־סאַוואַוא, גרענאָבל און אויך אַלע אומגעגנטן פון אַרום דער גרעניעץ, וועלן זיין די הויפּט־פּונקטן פון אָט דער אַקציע... בכדי צו פאַרהיטן דאָס אַנטלויפן פון די יידן, דאַרף מען קודם־כל אָנהויבן ביי די פראָנט־ערטער און נאָכדעם אויסרייניקן אַלע דערמאָנטע געגנטן, פון מזרח ביז מערב.

www.ifbtool.com.cn

„די יידן וועלן אַרעסטירט ווערן צוזאַמען מיט אַלע זייערע פאַמיליע־מיטגלידער. זיי קענען מיטנעמען מיט זיך די נויטיקסטע מלבושים, ווי אויך זאַכן פון טעגלעכן געברויך, אויף אַזוי פיל, וויפיל זייער תיכפדיקער טראַנספּער אין די פּראָוויזאָרישע זאַמל־לאַגערן וועט זיך נישט אַרויסווייזן באַזונדער דרינגנד צוליב ספּעציעלע טעמים.

„די ביוראָען פון ליאָן און מאַרסעיל האָבן צוגעגרייט פּראָוויזאָרישע זאַמל־פּונקטן אין די דאָזיקע צוויי שטעדט (יידישע שולן, נישט־טעטיקע פאַבריקן א. א. וו.). דער האַופּטשטורמפירער ברונער, אין דער באַגלייטונג פון האַופּטשאַרפירער בריקלער, וועט קומען קיין ליאָן און מאַרסעיל, דעם 5־טן אָדער 6־טן ה. ח., בכדי בשתיקה צוצוגרייטן אַלץ אויפן אָרט גופא און כדי זיך צו קענען אָפּגעבן אַ חשבון פון די לאָקאַלע באַדינגונגען.

„ווען דאָס כאַפּן די יידן וועט זיין פאַרענדיקט, וועלן זיי אַריבערגעפירט ווערן פון די פּראָוויזאָרישע לאַגערן מיט טראַנספּאָרטן צו 1.000 ביז 2.000 קעפּ, אין יידישן לאַגער אין דראַנסי, וואו נאָך אַ גענויער קאָנטראָל פון זייער בירגערשאַפט, וועלן זיי גלייך עוואַקוירט ווערן אין מזרח, לויט ווי זיי וועלן אימשטאַנד זיין דעפּאָרטירט צו ווערן.

„דאָס גענויע אויסרוימען פון די יידן אין דער געוועזענער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע איז נישט נאָר נויטיק אין די אינטערעסן פון דער ענטגילטיקער ליזונג פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך, נאָר איז אויך אַ דרינגנדיקע באַדערפעניש לטובת דער זיכערקייט פאַר די דייטשע טרופּן".

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דער דאָזיקער „אַקציע־פּלאַן" איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער גענויעסטער פּינקטלעכקייט און בוכשטעבלעכער פּולקאָמענהייט. די „יאַגד אויף מענטשן" אויפן קאָט־ד׳אַזיר אין אָט דעם האַרבסט פון יאָר 1943, האָט אַריבערגעשטיגן אין שוידערלעכקייט און אין אכזריות אַלץ, וואָס איז ביז דעמאָלט באַקאַנט געווען לכל־הפּחות אויף בלויז מערב־אייראָפּע. גלייך ביי זייער אָנקומען אין ניצע, האָט די ברונער־בריקלער־אָפּטיילונג געפאָדערט ביי דער פּרעפעקטור די רשימות פון די יידן. דער פּרעפעקט שעניאָ האָט זיי געהייסן אָפּענטפערן, אַז די רשימות זענען מיטגענומען געוואָרן דורך די

איטאַליענער (וואָס האָט, אַגב, געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט), אָפּרוימענדיק גלייכצייטיק די דובליקאַטן פון די ליסטעס, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַט געפונען אין דער פּרעפעקטור. אַזוי אַרום האָבן די דייטשן געמוזט אָנווענדן אַנדערע מעטאָדן. פּאַראַלעל צו די אַבלאַוועס אין די האָטעלן, איז דער באַליבסטער אַק־ציע־מיטל פון די ס. ס. באַשטאַנען אין דער א. ג. שנעלער „מעדיציניש אונ־טערזוכונג" איבער די מענער, וועלכע זענען גאַנץ צופעליק אָפּגעשטעלט געוואָרן אין גאַס (דאָס הייסט, אַז מען האָט זיך אין דער גיך, גלייך אויפן אָרט פּאַרזי־כערט, צי דער אינמיטן גאַס אָפּגעשטעלטער פאַרבייגייער איז געמל'עט אָדער נישט: די וואָס זענען געווען געמל'עט, זענען אויטאָמאַטיש אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דראַנסי).

נאָר, אָפּשטעלן זיך ווענגן דעם, וואָלט געהייסן איבערשרייטן די ראַמען פון אונזער טעמע; אַזוי אויך מוזן מיר בלויז אין קורצן, דערמאָנען די וואונדערבאַ־רע אַקטיוויטעט פון אַ הייפל יונגע לייט און מיידלעך, סקויטן און סאָציאַלע אַסיס־טענטינס, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די רעטונגס־אַקציע, פאַרזאָרגנדיק די פּליטים מיט פאַלשע פּאַפּירן און מיט געלט, אויסגעפונענדיק פאַר זיי באַהאַלטענע פּלעצער, וואָקואירנדיק זיי מחוץ ניצע. אַ גרויסע צאָל פון צווישן זיי, האָבן — פאַר זייער מסירת־נפש — באַצאָלט מיטן לעבן.

***

אַזוי אַרום האָט די אַקציע פון דער איטאַליענישער רעגירונג, וועלכע איז אויפגעהאַלטן געוואָרן במשך פון 9 חדשים — נישט געקענט דערפירט ווערן צו אַ גוטן סוף. עס האָט אָבער קיין סך נישט געפעלט, אַז די פּליטים פון דער איטאַ־ליענישער אָקופּאַציע־זאָנע זאָלן זיך — אין דעם דאָזיקן זומער 1943, האָבן פול־שטענדיק געראַטעוועט. זיי האָבן, לכל־הפחות, אין די דאָזיקע 9 חדשים צייט, געקענט לעבן אין אַן אַבסאָלוטער זיכערקייט.

אין דער אַקציע פון דער רוים־רעגירונג האָבן מן־הסתם געשטעקט מערערע מאָטיוון: דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן „די פּערמאַנענץ פון די נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן", געוויסע ווייטערע אויסרעכענונגען, אַן אומקלאָרער דראַנג נאָך ווידער־פאַרזיכערונג, אָדער גאָר, אַ פאַרבאָרגענער פּחד פאַר די דייטשן; אפשר פון אַט די אַלע טעמים צו ביסלעך.

עס בלייבט פונדעסטוועגן איבער פעסטצושטעלן, אַז בלויז די האַלטונג פונם איטאַליענישן פאָלק אין זיין אַנסאַמבל, האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף דער שטעלונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער רעגירונג. די מוטיקע האַלטונג פון איטאַליענישן פאָלק האָט געשאַפן די אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די אַקציע פון די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע, וואָס האָט גע־צוואונגען — ווי מיר האָבן עס געזען — מוסאָליניען אַליין זיך אַנטקעגנצושטעלן די דייטשע פאָדערונגען.

עס זענען פאַראַן זאַכן, גאָר איינפאַכע, וועלכע מען דאַרף קיינמאָל נישט

מיד ווערן איבערצוחזרן. באַזירנדיק זיך, אין תוך נענומען, אויף די זעלבע פּרינציפּן, באַצוועקנדיק די זעלבע צילן — האָבן דער פאַשיזם און דער נאַציזם דאָך נישט אָפּערירט מיט די זעלבע מעטאָדן, און נישט אויפן זעלבן אופן. דער־מיט דערקלערט זיך, וואָס די כשוף־תלמידים פונעם פאַשיזם האָבן זיך שטענדיק צוריקגעצויגן, אויף אַלע געביטן און אין אַלע הינזיכטן, ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט אין עקסצעסן, וועלכע זענען געווען צום האַרצן דעם נאַצישן באַרבאַ־ריזם. דער גאַנצער פאַרדינסט דאַרף צוגעשריבן ווערן דעם איטאַליענישן פאָלק, וועלכעס איז, ביז אין זיינע טיפסטע טיפענישן אַדורכגעדרונגען מיט דער אַלטער הומאַניטאַרער טראַדיציע פון מענטשלעכקייט און קריסטנטום. אָנהויבנדיק פונעם איינפאַכן זשאַנדאַרם ביז דעם דיוויזיע־גענעראַל, פון דעם פּאָליציי־אַגענט ביז דעם מיניסטעריום־דירעקטאָר, האָט די דאָזיקע הויפּט־איינשאַפט פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, געשאַפן אַן עקשנותדיקן און אומצעשטערבאַרן ווידערשטאַנד לגבי אַלע באַפעלן, וועלכע זענען געוואָרן אויפגעצוואונגען געוואָרן דורך בערלין.

אינדערצייט וואָס דער היטלעריסטישער ראַסיזם האָט אין די דייטשע רייען געפונען אַן אָפּקלאַנג און אַ פולשטענדיקע אחדות, איז ער, פון מוסאָלינים זייט, געבליבן אָן דעם מינדעסטן רעזאָנאַנס. אויף קיין שום אַנדער געביט, האָט זיך דער דאָזיקער ראַדיקאַלער נאַטור־אונטערשייד נישט אַרויסגעוויזן אַזוי בולט, ווי בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אַזוי קלאַסישן פּראָוואָר־שטיין, ווי עס איז די יידישע פראַגע. אין אַ צייט, ווען דורך טויזנטער קעגנגעזעצלעכע אינטע־רעסן ווערט באַהאַנדלט דער גורל פון דייטשלאַנד, איז צוועקמעסיק צו דערמאָנען צו דער ריכטיקער מינוט, דאָס אייביק־אומקלאָרע און ווילדע, דאָס אכזריותדיק־איינגעוואָרצלטע, וואָס לעבט אין דער גערמאַנישער נשמה.

# נאָטע וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער ס. ד.

(זיכערהייטסדינסט)

www.libtool.com.cn

אין נאָוועמבער 1939, זענען אַלע אָרגאַניזמען פון דער דייטשער פּאָליציי גרופּירט געוואָרן אין אַן איינהייטלעכן אָרגאַניזם, די „זיכערהייטסדינסט". די געסטאַפּאָ, גאָר באַזונדער, איז געוואָרן דאָס ביוראָ IV (אַמט IV) פון דער ס. ד.

היינריך הימלער איז געווען רייכספירער ס. ס. — שעף פון דער דייטשער פּאָליציי. דער אומיטלבאַרער שעף פון דער ס. ד. איז געווען ריכאַרד היידריך, נאָך וועמענס דערמאָרדונג אין 1942, עס איז באַשטימט געוואָרן קאַלטענברונער.
די ס. ד. איז באַשטאַנען פון זיבן ביוראָס:

| | | |
|---|---|---|
| ביוראָ I | : | פּערסאָנאַל און אָרגאַניזאַציע. |
| | : | אַדמיניסטראַציע און פינאַנצן. |
| ביוראָ II | : | אויסקינפט־אַמט אין דייטשלאַנד גופא. |
| ביוראָ III | : | (געסטאַפּאָ) — אויסשפּיר־אַמט פון די קעגנער און קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע. |
| ביוראָ IV | : | (קריפּאָ) — קאַמף קעגן דער קרימינאַליטעט. |
| ביוראָ V | : | (ס. ד.) — אויסקינפט־אַמט אין אויסלאַנד; שפּיאָנאַזש־אַמט פאַר אויסקינפטן. |
| ביוראָ VI | | |
| ביוראָ VII | : | אויסשפּיר — און אָפּשאַפונג פון די אידעאָלאָגישע קעגנער. |

דאָס האָט זיך די סעקציע B פון ביוראָ IV פאַרנומען מיט די יידישע פראַגן.
דעריבער טראָגן אַ סך פון די רעפּראָדוצירטע דאָקומענטן די צושריפט " IV B "

די זעלבע סטרוקטור געפינט מען אין די אָקופּירטע לענדער. אַזוי אַרום האָט אין פראַנקרייך דער בריגאַדעפירער אָבערג פאַרנומען אַ פּאָזיציע, וואָס האָט לויט דער סימעטריע, אַנטשפּראָכן דעם פּאָסטן פון הימלער, און דער שטאַנדאַרטענפירער דר. קנאָכען — אַזוי ווי היידריך אָדער קאַלטענברונער.

דער טיטל פון קנאָכען איז געווען בעפעלסהאַבער דעם זיכערהייטסדינסטעס (B.d.S.). אַלע מיטגלידער פון דער ס. ד. זענען אָבליגאַטאָריש געווען מיטגלידער פון דער ס. ס. און האָבן געהאַט דעם אַנטשפּרעכנדיקן גראַד. אָט איז די רשימה פון דער שטופן־היעראַרכיע:

| | |
|---|---|
| גרופּענפירער : | דיוויזיע־גענעראַל. |
| בריגאַדעפירער : | בריגאַדע־גענעראַל. |
| שטאַנדאַרטענפירער : | קאָלאָנעל. |
| שטורמבאַנפירער : | קאָמענדאַנט. |
| האויפּטשטורמפירער : | קאַפּיטאַן. |
| אָבערשטורמפירער : | לויטענאַנט. |
| שטורמפירער : | געהילפס־לויטענאַנט. |

www.libtool.com.cn

# דאָקומענטן

www.libtool.com.cn

## דערקלערונג:

דאָ זענען רעפּראָדוצירט בלויז די דאָקומענטן, וועלכע זענען ארויסגע־נומען פון די ס. ד.־ארכיוון און וועמענס פאָטאָקאָפּיעס דער „היינט־צייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע־צענטער" באַזיצט אין זיין רשות. געוויסע אַנדערע דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע קוועלעס, זענען דערמאָנט אין דער איינליי־טונג.

אין דער צוגאָב־אָפּטיילונג רע־פּראָדוצירן מיר עטלעכע פאַקסימי־ליען פון דייטשן אָריגינאַל, וועלכע מיר ברענגען אין זייער איבערזעצונג בלויז צוליב זייער דאָקומענטאַרן ווערט, אָדער אַלס מוסטער.

די דאָקומענטן, וועלכע זענען איבערזעצט פון דייטש, זענען באַ־צייכנט מיטן וואָרט „איבערזעצונג". אַלע ענדערונגען זענען פון פראַנצוי־זישן אָריגינאַל. עס איז פאַרשטענד־לעך, אַז מיר האָבן אין זיי נישט אריינגעבראַכט קיין שום ענדערונגען.

# דאָקומענט 1.

www.libtool.com.cn

B.d.S.

טעלעגראַמע נומ. 1870

דרינגנד!

**צום רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט**

**ס. ס.־גרופּענפירער מילער,**

**בערלין.**

ענין: באהאנדלונג פון די יידן אויף די פריש־אָקופּירטע פראַנ־צויזישע טעריטאָריעס.

מיין גרופּענפירער,

לעגעי, דעלעגאַט פון בוסקע, רעגירונגס־סעקרעטאַר אין דער פּאָליציי, האָט אונז אינפאָרמירט, אין א געשפּרעך, אַז די איטאַליע־נישע רעגירונג האָט צוגעשיקט דעם פּרעזידענט לאַוואַל א נאָטע מיט דער פאָלגנדיקער דערקלערונג:

די איטאַליענישע רעגירונג איז לחלוטין נישט קעגן די פּאַר־אָרדנטע מאָסנאָמען אין דער ניי־אָקופּירטער זאָנע, לגבי די יידן פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט (אָפּשטעמפּלען פון דער אידענטי־טעטס־קאַרטע, באַשפּייזונגס־קאַרטע א. א. וו.). אָבער זי איז קעגן דעם אָנווענדן פון די דערמאָנטע מאָסנאָמען לגבי די יידן פון אויס־לענדישער בירגערשאַפט, וואָס באַדייט, אַז די איטאַליענער נעמען אונטער זייער שוץ נישט בלויז די איטאַליענישע יידן, נאָר אויך, צו דערזעלבער צייט, אַלע אַנדערע אויסלענדישע יידן.

לאַוואַל אינפאָרמירט אונז וועגן דעם אָפּיציעל און איז אונז מודיע, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען, פאַרשאַפט אים די איטאַליע־נישע שטעלונג כסדר גרויסע שוועריקייטן אין זיינע באַציאונגען מיט די פראַנצויזן; ער בעט אונז, דעריבער, אונזער אונטערשטי־צונג אויף דעם דאָזיקן געביט.

בעת זיין באַזוך אין פּאַריז און אין מאַרסעיל, איז דער אָבערסטגרופּענפירער דאַלועזש שוין אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דער

באהאנדלונג פון די יידן מצד די איטאַליענער און ער האָט געוואָלט וועגן דעם אָפּגעבן אַ באַריכט דעם רייכספירער ס. ס.

www.libtool.com.cn

מיין גרופּענפירער, איך דערלויב מיר אייך צו בעטן צו אינפאָרמירן דעם רייכספירער ס. ס. אַזוי שנעל ווי מעגלעך, וועגן די מעטאָדן, וועלכע ווערן אָנגעווענדעט מצד די איטאַליענער און אויסצופועלן, אַז די ספּעציעלע באַהאַנדלונג פון די יידן מצד די איטאַליענער, זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. די אויסנאַמען, וועלכע זענען אָנגעווענדעט געוואָרן לטובת די יידן פון דער איטאַליענישער בירגערשאַפט, וועמענס צאָל איז פאַרהעלטנסמעסיק אַ קליינע, זענען כסדר ביז איצט, געווען אַ קוועלע פון גרויסע שוועריקייטן, ווייל מען פאַרשטייט נישט ווי אַזוי אונזער אַקס־שותף זאָל נישט זיין קיין אָנהענגער פון אונזער פּאָליטיק אין שייכות צו דער יידן־פראַגע און, אין רעזולטאַט, ציט מען אַרויס אַרגומענטן קעגן אונז. אויב איצטער נעמען די איטאַליענער אונטער זייער שוץ אַלע יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, וועט דאָס פאַרזעצן פון דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק, לויט אונזער קאָנצעפּציע — ווערן אַן אומעגלעכע זאַך. דעריבער, דאַרף מען נישט רעכענען, אַז אין די קומענדיקע חדשים, זאָל אונז די פראַנצויזישע פּאָליציי אויסליווערן די יידן פון דער פראַנצויזישער בירגערשאַפט צו דעפּאָרטאַציע־צוועקן.

אונטערגעשריבן: קנאָכען

ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער.

# דאָקומענט 2.

פראַנצויזישע מדינה.

www.libtxt.com.cn

פאַריז, דעם 28־טן יאַנואַר
פלאַס דע פעטי־פער (2).

גענעראַל־קאָמיסאַריאַט
פאַר יידישע פראַגן.

רעפ. קאַב.
J. A. / 5. N.

**גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן**
**צום**
**באַפעלסהאַבער פון דער זיכערהייטספּאָליציי**
**אין פראַנקרייך**

82, אַוועני פאָש — פ אַ ר י ז

פ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון הער אָבערשטורמפירער רעטהקע.**

אין רעזולטאַט פון מיין היינטיקן וויזיט, האָב איך דעם כבוד אייך בייצולייגן, אויף אַ שטרענג פּאַרטרוילעכן וועג די קאָפּיע פון ראַפּאָרט פון הער רעגיאָנאַל־פּרעפעקט פון ניצע צום הער מלוכה־שעף.

אונטערשריפט

דאָקומענט בייגעלייגט :

## ביילאַגע צום דאָקומענט 2.

www.libtool.com.cn

קאָפּיע

פּרעפעקטור פון די

מאַריטימער אַלפּן.

ניצע, דעם 14־טן יאַנואַר 1943.

נומ. 145

געהיים

רעגירונגס־ראַט

פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן

צום הער רעגירונגס־שעף

גענעראַל־סעקרעטאַר

קאַבינעט.

מיטיילונג צו: גענעראַל־סעקרעטאַריאַט
פאַר דער פּאָליציי (קאַבינעט).

איך האָב דעם כבוד אייך אָפּצוגעבן דעם פאָלגנדיקן באַריכט וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע די מיליטערישע און ציווילע איטאַליענישע אויטאָריטעטן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אָנווענדונג, אין דעם דעפּאַרטעמענט פון די מאַריטימער אַלפּן — פון די פאַרשידענע, דורך דער פּראַצווייזישער פּאָליציי, פאַראָרדנטע מאָס־נאָמען לגבי די אויסלענדישע יידן.

דריי סעריעס מאָסנאָמען זענען פאַראָרדנט געוואָרן אָנצו־ווענדן:

1) איר האָט פאַראָרדנט, דורך אייער צירקולאַר נומ. 18743, צו דערוווייטערן, פון אַ זאָנע וואָס נעמט אַרום דעם שטח צווישן ים און 30 קילאָמעטער טעריטאָריע — אַלע אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דעם דעפּאַרטעמענט, נאָך דעם 1־טן יאַנואַר 1938. די פאַראינטערעסירטע האָבן זיך געזאָלט באַזעצן אין די צוויי דעפּאַרטעמענטן, וועלכע איר האָט באַשטימט: אַרדעש און דראָם.

ווי נאָר די דאָזיקע פאַראָרדנונג איז אַריין אין קראַפט,

האָט ה' קאַליס, גענעראַל־קאָנסול פון איטאַליע, מיך געבעטן צו מאַכן אַן אויסנאַם פאַר די יידן — איטאַליענישע בירגער, און — מיט עטלעכע טעג שפּעטער — האָט דער גענעראַל וואָס קאָמאַנדירט מיט דער איטאַליענישער דיוויזיע אין ניצע, מיך געבעטן פּראָסט־פּשוט אָפּצושטעלן דאָס אָנווענדן פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג.

www.fltbtool.com.cn

דעם 31־טן דעצעמבער, האָט דער גענעראַל־פּרעזידענט פון דער איטאַליענישער קאָנטראָל־דעלעגאַציע פאַר דעם אַלפּן־צוזאַמענ־שטעל, מיר צוגעשיקט אַ בריוו מיט דער מעלדונג, אַז „דער קאָמענ־דאַנט פון דער 4־טער אַרמיי האָט פאַראָרדנט צו פאַרבאָטן דאָס אינטערנירן פּערזאָנען פון דער יידישער ראַסע, מצד דעם פּרע־פעקט, ווייל די איטאַליענישע רעגירונג איז נישט מסכים, אַז די מענטשן, וועלכע זענען מסוגל זיך אָפּצוגעבן מיט אַנטי־איטאַליע־נישער אָדער אַנטי־דייטשער פּראָפּאַגאַנדע — זאָלן נישט שטיין אונטער איר כסדרדיקער אויפזיכט און אַז — אין רעזולטאַט — קען ער נישט באַשטעטיקן די אויבנדערמאָנטע מאָסנאַמען".

אין אַ טעלעגראַמע פון 31־טן דעצעמבער, נומ. 19871, האָט איר מיר צו וויסן געגעבן אַז עס איז דאָ אַ גרונט אָפּצולייגן די אָנ־ווענדונג פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג.

2) אין טעלעגראַמעס פון 6־טן דעצעמבער, נומ. 18.736 און פון 8־טן דעצעמבער, נומ. 18.844, האָט די רעגירונג אינפאָרמירט די פּרעפעקטן, אַז מען דאַרף צוטרעטן צום אַריינגלידערן אין די אויסלענדישע אַרבעטס־לאַגערן :

א) — די אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם קאָנסולאַרן שוץ, אין עלטער פון 18 ביז 55 יאָר, און אָנערקענט אַלס פיזיש אַרבעטספעאיק ;

ב) — די יידן, בירגער פון נייטראַלע לענדער, פאַרבינדעטע אָדער שונאים פון אַקס, וואָס געפינען זיך אין פראַנקרייך פון 1־טן יאַנואַר 1933, אין עלטער פון 18 ביז 55 יאָר און אָנערקענט אַלס פיזיש אַרבעטספעאיק.

ווי נאָר די ציילונג פון די אויסלענדישע יידן, אויף וועלכע עס איז חל די דאָזיקע פאַראָרדענונג, איז אַדורכגעפירט געוואָרן — זענען די פאַראינטערעסירטע אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך אָנצו־שליסן אין דער 702־טער קאָמפּאַניע פון אויסלענדישע אַרבעטער אין ענטרעוואָ (באַס־אַלפּ).

צוליב דעם, וואָס די איטאַליענישע אויטאָריטעטן האָבן קיין איינמאָל נישט אינטערווענירט אין שייכות מיט דער דאָזיקער צווייטער פאַראָרדענונג, איז מען צוגעטרעטן צו איר אויספירונג אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר.

אַ חוץ דעם, האָט דאָ נישט געקענט זיין דער פאַל ווען „נישט

שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דער איטאַליענישער רעגירונג בנוגע פּערזאָנען, וואָס זענען מסוגל זיך אָפּצוגעבן מיט אַנטי־איטאַ־ליענישער אָדער אַנטי־דייטשער פּראָפּאַגאַנדע", ווייל דער הויפּט־זיץ פון דער 702־טער קאָמפּאַניע געפינט זיך אין די באַס־אַלפּ, אין ענטרעוואָ, דאָס הייסט, אין דער אָקופּאַציע־זאָנע פון דער איטאַ־ליענישער אַרמיי. די מאָטיוון, וועלכע זענען אַרויסגערוקט געוואָרן מצד דעם קאָמענדאַנט פון דער 4־טער אַרמיי, זענען אַלזאָ נישט־מאַסגעבנד בנוגע דעם שאַפן אין ענטרעוואָ פון אַרבעטס־איינ־הייטן, וואָס קומען פון די מאַריטימער אַלפּן.

ערשט דעם 10־טן יאַנואַר, האָט ה' קאַליס, גענעראַל־קאָנסול פון איטאַליע, מיך געבעטן, מונדלעך, דערנאָך שריפטלעך — אָפּ־צולייגן דאָס אַריינגלידערן פון די אויסלענדישע יידן.

דעם 12־טן יאַנואַר, האָט דער גענעראַל, וואָס קאָמאַנדירט די איטאַליענישע דיוויזיע אין ניצע — אַדורכגעפירט ביי מיר אַן ענ־לעכע אינטערווענץ. איך האָב דעמאָלט, אָנגעפרעגט דורך דער טעלע־גראַמע נום. 00067, פון אייך אינסטרוקציעס — און אין דער דער־וואַרטונג פון אַן ענטפער, האָב איך דערווייל אָפּגעלייגט די אָנווענ־דונג פון דער צווייטער פאַראָרדענונג.

3) און, צום סוף: אַ געזעץ פון 11־טן דעצעמבער 1942, פאַרפליכטעט אַלע פראַנצויזישע און אויסלענדישע יידן, וועלכע וואוינען כסדר אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע — אַרויפצו־לייגן אויף זייערע אידענטיטעטס־קאַרטן אָדער אויפנטהאַלטס־פּאַ־פּירן, דעם שטעמפּל: „ייד". דאָס דאָזיקע געזעץ איז אַריין אין קראַפט אין די מאַריטימער אַלפּן, דעם 1־טן יאַנואַר 1943.

אויף דער ביטע פון ה' קאַליס, גענעראַל־קאָנסול פון איטאַליע, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דאָס אָנווענדן פון דעם דאָזיקן געזעץ לגבי די יידן פון דער איטאַליענישער בירגערשאַפט, וואָס וואוינען אין די מאַריטימער אַלפּן.

היינט, באַקום איך פון ה' קאַליס אַ נייעם בריוו מיט דער ביטע אָפּצולייגן דאָס אַריינפירן פון אָט דעם געזעץ אין באַצוג צו די אויסלענדישער יידן, וועלכע געפינען זיך אין די מאַריטימער אַלפּן.

איך נעם אַרויס פון ה' קאַליסעס בריוו דעם פאָלגנדיקן אויס־צוג:

„איך האָב דעם כבוד אייך צו באַשטעטיקן דאָס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט מונדלעך, נעמלעך, אַז דאָס אַרויפלייגן דעם שטעמפּל „ייד" דאַרף נישט חל זיין אויף די יידן, וועלכע וואוינען אין די זאָנעס, וואו עס זענען איינגעקוואַרטירט די איטאַליענישע טרופּן, נעמענדיק אין אַכט, אַז אַלע פאַראָרדענונגען וואָס זענען

נוגע דעם ייִדן־פּראָבלעם אין דער דערמאָנטער זאָנע, דאַרפֿן אַדורכגעפֿירט ווערן, אויסשליסלעך, דורך די איטאַליענישע אָרגאַניזמען".

דערפֿון איז געדרונגען, אַז די איטאַליענישע רעגירונג איז גורם אַ דורכפֿאַל פֿאַר די דריי גרויסע פֿאַראָרדענונגען, פֿון דער פֿראַנצויזישער מאַכט, לגבי די אויסלענדישע ייִדן.

www.libtool.com.cn

די איטאַליענער האָבן זיך לכתחילה אַנטקעגנגעשטעלט דעם טראַנספּערירן די אויסלענדישע ייִדן אין דראָם און אין אַרדעש, מיטן אויסרייד, אַז זיי קענען נישט מסכים זיין, אַז די אַנטי־איטאַליענישע און די אַנטי־דייטשע פּראָפּאַגאַנדע זאָל נישט שטיין אונטער זייער אויפֿזיכט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שאַפֿן פֿון די אַרבעטער־איינהייטן, וועמענס צענטער איז באַשטימט געוואָרן אין ענטרעוואָ, דאָס הייסט — אין דער אָקופּאַציע־זאָנע פֿון די איטאַליענישע מיליטערישע כוחות.

צום סוף, האָבן זיי געפֿאָדערט דאָס נישט־אַרויפֿלייגן אויף די אידענטיטעטס־קאַרטן פֿון די אויסלענדישע ייִדן — דעם שטעמפּל „ייִד", דערקלערנדיק אַז אַלע מאָסנאָמען אין שייכות צום דעם ייִדן־פּראָבלעם אין דער זאָנע, וואו עס אָפּערירן די איטאַליענישע טרופּן, דאַרף רעגולירט ווערן אויסשליסלעך דורך זיי.

די פּרינציפּיעלע שטעלונג מצד דער איטאַליענישער רעגירונג צו דער ייִדן־פֿראַגע, דאַרף מען זוכן, אין דער ערשטער ריי, אין דעם בריוו פֿון ה' קאַליס, פֿון וועלכן איך האָב אייך ציטירט דעם וויכטיקסטן אויסצוג. די איטאַליענישע מאַכט האָט בדעה, נישט צוליב זיכערקייטס־מאָטיוון לטובת איר אַרמיי, נאָר צוליב פּאָליטישע טעמים — אַליין צו רעגולירן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. אין די ייִדישע קרייזן פֿונעם דעפּאַרטעמענט שאַפֿט זיך אַ סימפּאַטיע־שטראָם אין באַצוג צו די איטאַליענער, וועלכע — לויט ווי מען זאָגט — „שיצן די ייִדן". דער גענעראַל־קאָנסולאַט פֿון איטאַליע, די אויסקינפֿטס־אַמטן פֿון דער איטאַליענישער אַרמיי, ווערן באַזוכט דורך ייִדן פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע קומען זוכן ביי זיי הילף און שוץ. אויפֿן לאָקאַלן פּלאַן, הויבן זיך שוין אָן צו פֿילן די רעזולטאַטן פֿון דער איטאַליענישער פּאָליטיק. איך האַלט אָבער, אַז די זאָרגן, מיט וועלכע עס זענען אַדורכגעדרונגען די איטאַליענישע אויטאָריטעטן, האָבן נישט בלויז פֿאַר אַ ציל צוצוציען צו זיך די סימפּאַטיעס פֿון די קרייזן, וועלכע האָבן צוגעהאָלפֿן צום וואוילשטאַנד פֿון קאָט־ד'אַזיר: מען דאַרף דערין גיכער זען די כוונות, זיך אָפּצוטיילן פֿון דער פּאָליטיק, וועלכע ווערט אָנגעפֿירט דורך די דייטשן.

איך בין געוואויער געוואָרן, אויף אַ פּאַרטרויליכן וועג, אַז די פֿאַרשידענע אינטערווענצן, מיט וועלכע מען האָט זיך צו מיר גע־

ווענדעט, סיי מצד דער ציווילער, סיי מצד דער מיליטערישער מאכט, זענען געווען לויטן פערזענלעכן אויפטראג פון גראף טשיאנא, וועלכער האלט, ווי עס ווייזט אויס, די ליניע פון דער דאזיקער פראגע, פון דער גרעסטער וויכטיקייט.

www.libtool.com.cn

אין הסכם מיט די אינסטרוקציעס, וועלכע זענען היינט אנגעקומען דירעקט טעלעפאניש מצד דעם רעגירונגס־שעף, האב איך געהאט א געשפרעך מיט די מיליטערישע און ציווילע איטאליענישע אויטאריטעטן, בעת וועלכן איך האב זיי פארגעשלאגן — צוליב דעם אינטערעס, וועלכן די איטאליענישע רעגירונג ווייזט ארויס צו דער פראגע — אויפצונעמען אין איטאליע די אויסלענדישע יידן, וועלכע פאלן ארונטער אונטער די פארשידענע מאסנאמען פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

דער גענעראל האט געענטפערט, אז ניט ווייל ער האנדלט זיך אויף דעם וועגן דעם; דער ווילן פון דער איטאליענישער קאמענדאטור איז אויפצוהאלטן אין דער אפעראציע־זאנע, די יידן, וועלכע געפינען זיך דארט, אגב צוגלייך מיט די אנדערע אויסלענדער, בכדי ניט צו ענדערן דעם „סטאטוס־קווא". וואס אנבאלאנגט דעם גענעראל־קאנסול, האט ער דערקלערט, אז זיין רעגירונג האט ברעה אנצווווענדן, בנוגע די יידן, וועלכע וואוינען אין די איטאליענישע אפעראציע־זאנעס — די זעלבע געזעצגעבונג ווי די, וועלכע איז חל אין איטאליע אויף די יידן. דאס הייסט, האט ער באטאנט „א הומאניטארע געזעצגעבונג".

דער פרעפעקט

אונטערגעשריבן: ריביער.

# דאָקומענט 3.

www.libtool.com.cn

IV J - B.d.S.
SA 225a

2־טער פעברואַר 1943.

פּאַרטרויליך

צום רייכזיכערהייטסהויפּטאַמט
צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־גרופּענפירער מיללער.
בערלין.

ענין: באַהאַנדלונג פון די יידן אין פריש־אָקופּירטן פראַנקרייך.

דאַ ביינעלייגט: 2 קאָפּיעס.

מיין גרופּענפירער,

אַלס המשך צו מיין דרינגנדיקער טעלעגראַמע פון 13־טן יאַנואַר 1943, לייג איך דאָ ביי אַ געהיימען ראַפּאָרט פון ניצער פּרעפעקט, געשיקט צו לאַוואַל דעם 14־טן יאַנואַר 1943 (2 קאָפּיעס) (1).

דער דאָזיקער ראַפּאָרט שילדערט אויספירלעך דעם אופן, ווי אַזוי די איטאַליענישע אַמטן פון דעם דעפּאַרטעמענט — מאַריטימער אַלפּן, האָבן גענומען די יידן אונטער זייער שוץ און ווי אַזוי די איטאַליענער האָבן געשטערט אַדורכצופירן אַלע אַנטי־יידישע מאַסנאַמען, וועלכע זענען פאַראָרדנט געוואָרן מצד דער פראַנצויזישער מאַכט אויף די — דורך די איטאַליענער אָקופּירטע טעריטאָריעס.

איך וואָלט איך זיין זייער דאַנקבאַר, ווען איר וואָלט אייך געבן די מי איבערצוזעצן דעם ראַפּאָרט דורך דעם צענטראַלן זיכערהייטס־אַמט און אים פאָרשטעלן, תיכף אויב מעגלעך, דעם רייכספירער ס. ס., ווייל ער באַלייכט אויף אַ מאָדנע אַנטשיידנדיקן אופן די האַלטונג פון די איטאַליענער אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע.

אונטערגעשריבן: ד״ר. קנאָכען,
ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער

(1) — זען דאָקומענט 2, ביילאַגע.

## דאָקומענט 4.

www.libtool.com.cn

דייטשע אַמבאַסאַדע
פּאַריז
ET 932/43g

פּאַריז, דעם 8־טן פעברואַר 1943.

ס. ס.־אָבערשטורמפירער רעטהקע
קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטספּאָליציי
און פון דער ס. ד. אין דעם סעקטאָר
פון מיליטערבעפעלסהאַבער אין פראַנקרייך,
פּאַריז.

ענין: באהאנדלונג פון די איטאַליענישע יידן אין דער פריש־אָקו־
פירטער זאָנע.

דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט אונז אריינגעשיקט דעם פּאָל־
גנדיקן ראַפּאָרט מצד דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין רוים:

„איך האָב צוויים געגעבן ד'אַזשעטאַ'ן, אין אַ אַנטשפּרעכנ־
דיקער פאָרעם, וועגן דעם אינהאַלט פון דער אויבנדערמאָנטער פאַר־
אָרדענונג, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן טעלעגראַפיש, און האָב
אים מודיע געווען וועגן דער ברייטסטער צוזאַמענאַרבעט אין ענין
פון דעפּאָרטירן אַלע יידן פון די דעפּאַרטעמענטן לענגאויס דעם ים־
ברעג; איך האָב באַזונדער געצווינגען זיין אויפמערקזאַמקייט דערויף,
וואָס מיר האָבן גערעכנט, אַז די פאַראָרדענונגען פון 4־טן דעצעמבער
1942, מצד דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַטור, זענען
אריין אין קראַפט און אַז מיר זענען איבעראַשט פונעם פאַקט, וואָס
די איטאַליענישע ארמיסטים־קאָמיסיע האָט אויפגעהויבן געוויסע
באַשטרייטונגען.

„איך האָב אויסדריקלעך געבעטן, אַז עס זאָלן געגעבן ווערן
אינסטרוקציעס צו דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַטור אין
דרום־פראַנקרייך, אַז זי זאָל מיטהעלפן דער פראַנצויזישער מאַכט
אין דער אָנווענדונג פון אירע פאַראָרדענונגען אין באַצוג צו די־

ייִדן פֿון נישט־איטאַליענישער בירגערשאַפֿט, און אַז די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט זאָל זיך אויסברייטערן אין איינקלאַנג מיט די דייטשע אַמטן. אויסער דעם, האָב איך איבערגעגעבן די אינפֿאָרמאַציע פֿון „טיימס” (1), אָנפֿרעגנדיק צי זי שטימט מיט דערווירקלעכקייט. ד׳אַזשעטאַ האָט מיר געענטפֿערט, אַז עס האַנדלט זיך — וואָס שייך די מאָסנאַמען בנוגע די פֿראַנצויזישע און אויסלענדישע ייִדן (ד. ה. — נישט־איטאַליענישע) אין דער זאָנע, וואָס איז אָקופּירט מצד די איטאַליענישע טרופּן — אין אַ נייער און וויכטיקער פֿראַגע פֿון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, וועלכע קען אויסשליסלעך, רעגולירט ווערן דורך די ביידע רעגירונגען, און נישט דורך די קאָמענדאַטורן און מיליטערישע שטעפּן. ווען איך האָב אים געוויזן דעם בריוו פֿון 3־טן דעצעמבער 1942, מצד דער העכסטער קאָמענדאַטור צום דייטשן גענעראַל ביים הויכן איטאַליענישן גענעראַל־שטאַב, אין וועלכן די העכסטע קאָמענדאַטור אינפֿאָרמירט, אַז פֿון דער איטאַליענישער זייט, וועט געטאָן ווערן דאָס נויטיקע, בכדי „אַלע ייִדן מיט זייערע פֿאַמיליעס זאָלן אינטערנירט ווערן”, האָט ער מיר דערקלערט, אַז אים איז די דאָזיקע אינסטרוקציע באַקאַנט. לויט ווי ער ווייסט, זענען די דאָזיקע אינטערנירונגס־פֿאַראָרדענונגען אָנגעווענדעט געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינעם אופֿן. איך צווייפֿל אין דער ריכטיקייט פֿון דער דאָזיקער באַהויפּטונג. ד׳אַזשעטאַ האָט צוגעזאָגט פֿאַרצו־

www.libtool.com.cn

---

(1) — טעקסט פֿון באַטרעפֿנדיקן „טיימס” (21.1.1943), איבערזעצט פֿון ענגליש :

## ייִדישער אָפּצייכן אין פֿראַנקרייך

### די געזעצן פֿון ווישי אַנולירט דורך איטאַליע.

(פֿון אונזער ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט).

פֿראַנצויזישער פֿראָנט, דעם 20־טן יאַנואַר.

איידער די דייטשע טרופּן אין געוויסע דעפּאַרטעמענטן אין פֿראַנקרייך, זענען פֿאַרביטן געוואָרן מיט איטאַליענישע, האָט ווישי — לויט דער אָנרעגונג פֿון בערלין — מודיע געווען אַלע פּרעפֿעקטן פֿון אָט די דעפּאַרטעמענטן, אַז מען דאַרף אויפֿצווינגען אויף אַלע ייִדן, וועלכע וואוינען דאָרט, צו טראָגן כסדר אין דער עפֿנטלעכקייט, דעם קענצייכן פֿון דער געלער קאָליר מיט דער בוכשטאַב י, וואָס איז פֿאַראָרדנט געוואָרן, אַזוי ווי איבעראַל, אין די געגנטן, וועלכע פֿאַלן אַרונטער דער דייטשער דאָמינירונג.

די פֿאַרגאַנגענע וואָך, האָט די איטאַליענישע מאַכט פֿון די דעפּאַרטעמענטן, וואָס זענען פֿאַרנומען דורך די איטאַליענער : סאַוואָוא, באַס־אַלפּ, אָט־אַלפּ, אַלפּ־מאַריטים און וואַר — צו־וויסן געגעבן די פּרעפֿעקטן, אַז עס איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער ווירדע פֿון דער איטאַליענישער אַרמיי, אַז אויף די טעריטאָריעס פֿון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע זאָלן די ייִדן זיין געצוואונגען צו באַווייזן זיך עפֿנטלעך מיט אַ קענצייכן, וועלכער סטיגמאַטיזירט זיי און אַז, אין רעזולטאַט, ווערן די פּרעפֿעקטן אינפֿאָרמירט, אַז די ווישי־באַפֿעלן דאַרפֿן אַנולירט ווערן.

ווען די פּרעפֿעקטן, זייענדיק אין פֿאַרלעגנהייט, האָבן אָנגעפֿרעגט ביי ווישי, וואָס זיי זאָלן טאָן, האָט מען זיי געענטפֿערט, אַז זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפֿן די איטאַליענישע אינסטרוקציעס.

שטעלן די דאָזיקע פראַגע, אין איר גאַנצקייט, צו א טיפערער באַ־
טראַכטונג, און אינצווישנצייט, האָט ער מיר געגעבן דעם פאָלגנ־
דיקן ענטפער:

www.libtool.com.cn

„וואָס שייך דער נאָטע וועגן דער לאַגע פון די איטאַליענישע,
פראַנצויזישע און אויסלענדישע יידן אין דער זאָנע, וואָס איז אָקו־
פּירט מצד די איטאַליענישע טרופּן אין פראַנקרייך, גרייט זיך דאָס אי־
טאַליענישע מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע ענינים, אַזוי שנעל ווי
מעגלעך, צו געבן אַן ענטפער וועגן די מאָסמיטלען, וועלכע זענען
אָנגענומען געוואָרן און וועגן די, וועלכע דאַרפן נאָך אָנגענומען
ווערן, קעגן די יידן פון די באַטרעפנדיקע פראַנצויזישע טערי־
טאָריעס".

לויט אויפטראַג,

אונטערגעשריבן: **אַשענבאַך.**

**צוגעשריבענע באַמערקונג פון רעטהקע:**

1) צום שטאַנדאַרטענפירער דר. קנאָכען, צו אינפאָרמאַציע.
(דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון מערב האָט זיך, אגב, דערקלערט
אַלס נישט־קאָמפּעטענט צו באַרעכטיקן אונזערע באַמיאונגען. ער
האָט אָפּגעשיקט צו דער O. K. W. (גענעראַל־שטאַב פון דער אַרמיי־
קאָמענדאַטור) א קאָפּיע פון אונזער בריוו, פאַר א שפּעטערער גע־
לעגנהייט. די דייטשע אַמבאַסאַדע אין פּאַריז האָט אויך באַקומען
א קאָפּיע מצד דעם הויפּט־קאָמענדאַנט פון מערב, אַזוי ווי עס האָט
מיר מודיע געווען היינט ה' פאָן נאָסטיץ).

2) צוריקשיקן צום IV B (געוועזענער IV J) — B.d.S.

**צוגעשריבענע באַמערקונג פון קנאָכען:**

טעלעגראַפירן אויפסניי צו דער RSHA — מיטן ציל קלאָר צו
מאַכן דעם נייעם אַספּעקט פון דער פראַגע.

# דאָקומענט 5.

www.libtool.com.cn

B.d.S.

12־טן פעברואַר 1943.

צום רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט
ביוראָ בערלין,
ס. ס.־גרופּענפירער מיללער,

ענין: ענטגילטיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך.

רעפערענץ: געשפּרעך מיטן ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער אייכמאַן אין פּאַריז.

די מעלדונג פון אָבערשטורמבאַנפירער אייכמאַן וועגן דער עוואַקואַציע פון אַלע יידן פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט, פאַר־פליכטעט מיך צו נעמען, בקיצור, שטעלונג צו דער דאָזיקער פראַגע און ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף די באַדינגונגען, וועלכע וואָלטן מסוגל געווען, אין אַט דער סיטואַציע, אונדז צו פאַרשאַפן וואָס ווייניקער שוועריקייטן מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג.

1) אַזוי ווי מיר האָבן שוין געמאָלדן אין אונזערע פאַרשי־דענע באַריכטן, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג, אונטערן דרוק פון די דייטשן — זיך דערקלערט פאַר גרייט צו אַרעסטירן די יידן פון נישט־פראַנצויזישער נאַציאָנאַליטעט, שטאַטלאָזע יידן אַריינגע־רעכנט און איבערגעבן זיי, מיט דער הילף פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי ← צו דער דייטשער פּאָליציי מיטן ציל צו דעפּאָרטירן זיי אין דעם רייך.

2) די פראַנצויזישע רעגירונג און הויפּטזאַכלעך, דער מאַר־שאַל פּעטען, איז קעגן יעדן מין פּרואוו אויסצוברייטערן די דאָזיקע מאַסמיטלען אויף יידן פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט. די פראַנ־צויזישע מאַכט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרעפנטלעכן די פאַראָר־דענונג וועגן דער איינפירונג פון דער געלער לאַטע. אין דער זאָנע, וועלכע איז שוין פון לאַנג פאַרנומען דורך די דייטשן, איז די געלע לאַטע איינגעפירט געוואָרן אויפן דייטשן באַפעל. זי איז נאָך נישט איינגעפירט געוואָרן אין דער פריש־אָקופּירטער זאָנע, ווייל די פראַנצויזישע רעגירונג האַלט זיך אַלץ אין איין אַנטקעגנשטעלן —

אזוי ווי פריער — דער אמטלעכער פארעפנטלעכונג פון די פארא־דענונגען, וועלכע זענען אויסגעארבעט מצד דער דייטשער אדמי־ניסטראציע אין דער פון פריער אקופירטער זאנע. די פראנצויזישע מאכט האט נאך אלץ צו באפעלן אין דער ניי־אקופירטער זאנע.

3) אלע פרואוון צו ענדערן די שטעלונג פון דער פראנצויזי־שער רעגירונג — זענען אדורכגעפאלן. די באמיאונגען מצד דעם קאמיסאר פאר יידישע פראגן, דארקעי דע פעלעפוא, זענען אויך געבליבן אן רעזולטאט, אפילו בעת דער פרעזידענט לאוואל דער־קלערט, אז ער פערזענלעך, איז גרייט אנצוווענדן די דאזיקע פאר־ארדענונג לגבי אלע יידן, ווייזט זיך די דאזיקע באהויפטונג אויס אלס נישט ערנסטע, ווייל אין דעם אנטשיידנדיקן מאמענט, האלט ער כסדר אין איין צעגערן, ארויסשטעלנדיק די פאלגנדיקע פעסט־שטעלונגען:

א) נישט בלויז וואס די איטאליענער זענען נישט מסכים אויף קיין באגרענעצונגען לגבי די יידן, נאר פארקערט — אין זייער זאנע נעמען זיי די יידן פון אלע נאציאנאליטעטן אונטער זייער שוץ און זיי פארבאטן דער פראנצויזישער מאכט אנצונעמען באגרענעצונגען אפילו קעגן יידן פון פראנצויזישער בירגערשאפט.

ב) דער מארשאל פעטען וועט זיך זיכער, קאטעגאריש אנט־קעגנשטעלן די אינטערנירונגען און דעפארטאציעס פון די יידן פון פראנצויזישער בירגערשאפט. ער וועט נאך אפשר דראען מיט אנ־געבן זיך אין דעמיסיע.

4) די שטעלונג פון מארשאל פעטען ווערט קלאר, בעת מען קוקט זיך צו, ווי אזוי די פראנצויזישע פאליציי — און דער שעף פון דער פראנצויזישער פאליציי, בוסקע, פערזענלעך — טוען אלץ כדי צו שטערן די דעפארטאציע פון די פראנצויזישע יידן. אט איז א ביישפיל:

די יידן פון דער פראנצויזישער בירגערשאפט, וועלכע ווערן ארעסטירט פאר נישט טראגן די געלע לאטע, אדער פאר אנדערע איבערשטרייטונגען פון געזעץ, דארפן דעפארטירט ווערן. בוסקע האט דערקלערט, אז די דאזיקע יידן קען מען דעפארטירן, אבער די פראנצויזישע פאליציי וועט זיך נישט באטייליקן אין אויספירן די דאזיקע פארארדענונג. אויף אונזער ענטפער, אז דאס וועט קענען אויסגעפירט ווערן דורך די דייטשן, האט די פראנצויזישע פאליציי — אלס קעגן־ענטפער — ארגאניזירט אן אבלאווע, ארעסטירנדיק 1.300 יידן פון אויסלענדישער נאציאנאליטעט. די דאזיקע יידן זע־נען איבערגעגעבן געווארן דער דייטשער פאליציי, מיט דער אנוויי־זונג, זיי צו דעפארטירן אנשטאט די יידן פון פראנצויזישער נאציא־

נאַליטעט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די צוויי קאַטעגאָריעס יידן וועלן — אין דעם פאַל — דעפּאָרטירט ווערן.

www.libtool.com.cn

5) אויב עס זאָלן איצטער איינגעפירט ווערן באַגרענעצונגען אין אַ גרויסן פאַרנעם, קעגן אַלע יידן פון אויסלענדישער נאַציאָנאַליטעט, דאַרף מען זיך ריכטן אויף קאָנסעקווענצן פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. אויב, אין אַנדערע לענדער, וועט — צוליב דער אַלגעמיינער פּאָליטישער סיטואַציע — קלאָר ווערן דער געדאַנק, אַז דייטשלאַנד האַלט ביי פאַרשפּילן די מלחמה, איז עס נאָך מער וואַרשיינלעך פאַר פראַנקרייך, וואו מען וואַרט אָפּ, מצד די אַמעריקאַנער, די נויטיקע גאַראַנטיעס פאַר אַ פאַרשטאַרקט פראַנקרייך און פאַר צוריקגעבן איר צפון־אַפריקע. אויפן סמך פון אָט דער „אָפּוואַרטנדיקער פּאָזיציע", וועלכע איז אין איצטיקן מאָמענט, זייער אַ פעסטע, וועט מען אין פראַנקרייך פּרובירן זיך אַנטקעגנצושטעלן נייע אַנטי־יידישע געזעצן, בכדי צו באַווייזן די אַמעריקאַנער, אַז מען וואַרפט זיך נישט אונטער די דירעקטיוון פון דער דייטשער מאַכט.

מען ציט אַרויס אַרגומענטן פון דער איטאַליענישער באַציאונג לגבי די דייטשן. מען דערקלערט — און דאָס זענען פאַקטן, וועלכע ווערן אָנגעוויזן און אונטערגעשטראָכן מצד אַלע ס. ד.־אַמטן און אַלע אַנדערע דייטשע אָפּטיילונגען — אַז אומעטום, אין די מזרח־געביטן פון ראָן, שטעלן זיך די איטאַליענער איין לטובת די יידן. נישט בלויז וואָס די אָפיציעלע איטאַליענישע אַמטן שיקן צו מעלדונגען צו דער פראַנצויזישער רעגירונג מיטן פאַרבאָט צו „באַצייכענען" די יידן, באַשיצנדיק אַזוי אַרום די יידן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר צווישן די איטאַליענישע טרופּן און דער יידישער באַפעלקערונג הערשט די בעסטע האַרמאָניע. די איטאַליענער וואוינען ביי די יידן; די יידן לאַדן זיי איין און צאָלן פאַר זיי, פון וואָס עס שאַפט זיך דאָרט דער איינדרוק, אַז די דייטשע און איטאַליענישע קאָנצעפּציעס שיידן זיך שטאַרק צווישן זיך פונאַנדער. מען גיט אונדז איבער פון דער פראַנצויזישער זייט, אַז די יידישע השפּעה האָט שוין געבוירן אינעם מהות פון דעם איטאַליענישן סאָלדאַט דעם צייכן פון פּאַציפיסטישער און קאָמוניסטישער צעפוילונג, שאַפנדיק אפילו אַ פּראָ־אַמעריקאַנישע טענדענץ. גלייכצייטיק, זאָגן שוין די דאָזיקע יידישע פאַרמיטלער פאַר איינשטעלן גוטע באַציאונגען צווישן די איטאַליענישע סאָלדאַטן און דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג. זיי דערקלערן, אַז פראַנצויזן און איטאַליענער, זייענדיק ביידע פון דער לאַטיינישער ראַסע, פאַרשטייען זיך אַ סך גיכער, ווי פראַנצויזן און דייטשן, אָדער ווי דייטשן און איטאַליענער. אַלץ ווערט מעטאָדיש אָנגעווענדעט: פון איין זייט — שטרענגע קריטיק

וועגן די דייטש־איטאַליענישע באַציאונגען און, פון דער אַנדערער זייט, צוגרייטונג פאַר אַ פראַנצויזיש־איטאַליענישער פאַרשטענדיקונג. צו דערזעלבער צייט, באַמיט מען זיך צו דעמאָרמירן דעם אופן פון דענקען ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג, אונטערן פּרעטעקסט, אַז אין פאַל פון אַן אַמעריקאַנער אַטאַקע, וועלן די איטאַליענער זיך נישט פאַרטיידיקן, ווייל — פאַרקערט — די אַמעריקאַנער וועלן זיי ענדלעך, ברענגען דעם שלום.

נעמענדיק אין אַכט די איצטיקע מיליטערישע סיטואַציע, קען די פראַנצויזישע מאַכט אָנעמען, פון איין זייט, אַ פעסטע שטעלונג לגבי איטאַליע, ווייל די גאַנצע צייט, האָט מען זיך דאָ געפילט העכער פון די איטאַליענער, און — פון דער אַנדערער זייט — זיך אַנטקעגנשטעלן די דייטשע פאָדערונגען אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע.

6) אויב די דעפיניטיווע לייזונג פון דער יידן־פראַגע זאָל איצטער פאַראָרדנט ווערן אין פראַנקרייך, דאַרף מען פאָראויסזען, אַז:

א) פעטען וועט זיך אַנטקעגנשטעלן, פאַרבאָטנדיק דאָס אויספירן די פאַראָרדענונגען מצד דער פראַנצויזישער פּאָליציי, אָדער גאָר דראָענדיק מיט דעמיסיע. צוליב דער אַלגעמיינער סיטואַציע אין אַפריקע און צוליב דעם, וואָס די פראַנצויזן באַמיען זיך בסדר צו געווינען אַפריקע, בעת פעטען נעמט נישט אָן קיין ענטגילטיקע שטעלונג און עס ווערן נישט אָנגענומען קיין מאָסמיטלען — דאַרף מען זיך שטעלן די פראַגע, צי פעטען — אַלס שעף פון דער פראַנצויזישער רעגירונג — קען נאָך ווייטער דינען די אינטערעסן פון דייטשן רייך, אָדער צי פעטען, וועלכער האָט אַמאָל סימבאָליזירט מיט זיך די פּאָליטיק פון פראַנצויזיש־דייטשער פאַרשטענדיקונג, איז איצטער נישט געוואָרן דער סימבאָל פון אַלע פראַנצויזן, וועלכע פּאָלגן נאָך די געשעענישן אין צפון־אַפריקע, האָפנדיק אויף אַ גליקלעכן אויסגאַנג לטובת פראַנקרייך?

ב) לאַוואַל גופא וועט באַרעכטיקן די אַנטי־יידישע געזעצן, אויב ער וועט באַקומען — אַלס קאָמפּענסאַציע — געוויסע פּאָליטישע פאַרזיכערונגען לטובת פראַנקרייך. לאַוואַל האָט דערקלערט, בעת אַ געשפּרעך, דעם 12טן פעברואַר 1943, אַז די אַמעריקאַנער האָבן שוין צוגעזאָגט די פראַנצויזן אַלע געוועזענע איטאַליענישע קאָלאָניעס, דאָס צוריקגעבן זיי זייערע אייגענע קאָלאָניעס, און אין אייראָפּע — מערער ווי די רהיין־גרענעץ. דייטשלאַנד האָט גאָרנישט צוגעזאָגט פראַנקרייך אויף נאָך דעם קריג. איך גלויב, אַז לאַוואַל וועט פאַרדייען די אַנטי־יידישע געזעצן, אויב ער וועט באַקומען אַ פּאָליטישע גאַראַנטיע, אונטער וועלכער פאָרם עס זאָל נישט זיין.

www.libtool.com.cn

7) כדי אַדורכצופירן די אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען אין דער פּריש־אָקופּירטער זאָנע, דאַרף מען האָבן די מיטבאַטייליקונג פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי. דאָס דאַרף גאַראַנטירט ווערן דורך לאַוואַלן אַליין, אונטער די פּאָר־באַדינגונגען, וועלכע זענען אויס־גערעכנט אינעם פּאַראַגראַף נומער 6.

8) דער פּאָר־באַדינג אויף איינצופירן די דאָזיקע פּאַראָרדע־נונגען אין גאַנץ פראַנקרייך — איז, דאָס אָנווענדן זיי אין דער איטאַליענישער זאָנע, אויב נישט וועט דער צופלוס פון די יידן צו דער דאָזיקער זאָנע — אַ צופלוס, וועלכער האַלט איצטער בלויז ביי זיין אָנהויב — אָננעמען אַן אויסערגע־וויינלעכע פּראָפּאָרץ, און דערפון וועלן אַרויסדרינגען בלויז האַלבע מאָסמיטלען.

אונטערגעשריבן: **ד"ר. קנאָכען,**

ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער.



www.libtool.com.cn

# דאָקומענט .6 (1)

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע נומ. 9675

B.d.S. (געוועזענער IV J) IV B

SA 225a

Ro./Ne

פּאַריז, דעם 22־טן פעברואַר 1943

פּאַרטרווילעך!

**צום רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט**

**ביוראָ IV,**

**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון גרופּענפירער מיללער**

**בערלין.**

ענין: דעפיניטיווע לייזונג פון דער יידן־פּראַגע אין פראַנקרייך; ספּעציעל: די האַלטונג פון די איטאַליענער אין דער יידן־פּראַגע.

רעפערענץ: מיין ראַפּאָרט פון 12.2.1943.

לויט א קאָמוניקאַט מצד דעם פּאָליציי־אינטענדאַנט פון ליאָן, דאַטירט פון 20.2.1943, האָט די פראַנצויזישע מאַכט פאַראָרדנט צו אַרעסטירן פון 200 ביז 300 יידן אין דער אַדמיניסטראַטיווער געגנט פון ליאָן. די דאָזיקע יידן האָבן געזאָלט איבערגעפירט ווערן אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, פון וואַנען זיי וואָלטן איבערגעשיקט געוואָרן אין אוישוויץ אויף צוואַנגס־אַרבעט. דער פּאָליציי־אינטענדאַנט פון ליאָן האָט אַרויסגעגעבן א באַפעל צו אַלע פּרעפעקטן, וועלכע זענען פון אים אָפּהענגיק, אַדורכצופירן די דאָזיקע אַרעסטן. די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן האָבן אויפגעהויבן אַן אָפיציעלן פּראָטעסט ביים רעגיאָנאַלן פּרעפעקט, קעגן די אַרעסטן פון די יידן. אין רעזולטאַט פון א קאָמוניקאַט מצד דעם

(1) זען פאַקסימיליע ז.ז. 189—187.

פּאָליציי־אינטענדאַנט, האָט דער איטאַליענישער גענעראַל פון גרענאָבל, געפאָדערט ביי דער פראַנצויזישער מאַכט צו אַנולירן אָט די אַרעסטן. דער פּאָליציי־אינטענדאַנט האָט געמוזט נאָכקומען די דאָזיקע פאָדערונג.
www.libtool.com.cn

די דערמאָנטע אַרעסטן האָבן געצילט די יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, ווי די געוועזענע דייטשע און פוילישע בירגער א. א. וו.

דעריבער, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז אַ דאַנק די איטאַליענער, איז דאָס אויספירן אין זייער אָקופּאַציע־זאָנע, פון די געזעצן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן מצד דער פראַנצויזישער רעגירונג, קעגן די יידן — פולשטענדיק אַדורכגעפאַלן. מיט זייער פּאַרבאָט צו אַרעסטירן, האָבן די איטאַליענער אויפסניי גענומען די אויסלענדישע יידן אונטער זייער שוץ. די אַרעסט־באַפעלן זענען נישט חל געווען אויף די איטאַליענישע יידן.

די אינטערוועניץ מצד די איטאַליענער לטובת די יידן, האָט באַוויזן דער פראַנצויזישער מאַכט דעם אַבסאָלוטן אונטערשייד צווישן די דייטשע און איטאַליענישע קאָנצעפּציעס, אין שייכות צו דער יידן־פראַגע.

איך וואָלט נאָך וועלן דערמאָנען, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג, וועלכע ווייזט אַרויס גענוג ווידערווילן צו פאַרנעמען זיך מיט דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע, ווערט פעסטער אין איר אָפּאָזיציע צוליב די באַשלוסן, וועלכע ווערן אָנגענומען מצד די איטאַליענישע אויטאָריטעטן. אומאָפּהענגיק דערפון, איז נישט דערלאָזבאַר סוף־כל־סוף, אַז די ענטגילטיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין די פריש־אָקופּירטע געביטן, זאָל באַשווערט ווערן און — אין אַ געוויסער מאָס — אפילו אַדורכפאַלן, גראַד צוליב די איטאַליענער, וועלכע זענען די פאַרבינדעטע מיט דייטשלאַנד.

אַזוי ווי איך האָב עס שוין איבערגעגעבן אין מיין ראַפּאָרט פון 12.2.1943, באַמיען זיך די יידן צו שאַפן גוטע באַציאונגען צווישן די איטאַליענישע סאָלדאַטן מיט דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, אונטערשטרייכנדיק, אַז די פראַנצויזן און די איטאַליענער — זייענדיק ביידע פון דער לאַטיינישער ראַסע — קענען זיך לייכטער פאַרשטענדיקן, ווי פראַנצויזן און דייטשן, אָדער ווי דייטשן און איטאַליענער. אויב איצטער נעמען די העכסטע איטאַליענישע אויטאָריטעטן די יידן אונטער זייער שוץ, קעגן די אַרעסטן, וועלכע ווערן אַדורכגעפירט מצד דער פראַנצויזישער פּאָליציי — באַוועגן זיי דירעקט, נישט נאָר בלויז די פראַנצויזישע מאַכט, נאָר אויך די גאַנצע פראַנצויזישע עפנטלעכע מיינונג — שאַרף צו קריטיקירן די דייטש־איטאַליענישע באַציאונגען. אַ חוץ דעם, דאַרף מען נאָך

רעכענען אויף להבא, אויף א פארשטארקטן ווידערשטאנד מצד דער פראנצויזישער רעגירונג, קעגן אונזערע פאָדערונגען אין שייכות צו דער דעפיניטיווער לייזונג פון דער יידן־פראגע.

www.libtool.com.cn

איך בעט אייך דריבער, צו טאָן דאָס נויטיקע, אז די איטאַליענישע מאכט זאָל ארויסגעבן צו די מיליטערישע און ציווילע אויטאָריטעטן — פאָרמעלע אינסטרוקציעס וועגן דער דעפיניטיווער לייזונג פון דער יידן־פראגע אויף די, דורך די איטאַליענער, אָקופירטע טעריטאָריעס. אויב די דאָזיקע פאָדערונג וועט נישט באפרידיקט ווערן, דארף מען שוין פון איצט אָן פאָראויסזען, אז די ענטגילטיקע לייזונג פון יידישן פראָבלעם אין פראנקרייך וועט נאָכאַמאָל אָוועקגעשטעלט ווערן צו באהאנדלען. גראָד אויף די טעריטאָריעס, וועלכע זענען פארנומען געוואָרן מצד די איטאַליענער, האָבן זיך קאָנצענטרירט די יידן נאָך זייער אנטלויפן פון דער פריש־אָקופירטער זאָנע. ליאָן און גאָר באזונדערס, דער קאָט־ד׳אזיר, זענען פארפלייצט פון רייכע און איינפלוסרייכע יידן. דאָס אריבערגיין פון די יידן פון דער דייטשער אָקופאציע־זאָנע אין דער איטאַליענישער — ווערט כסדר אַלץ אינטענסיווער. לויט די ידיעות, וועלכע זענען צו מיר דערגאנגען, זאָלן די איטאַליענער אדורכלאָזן אומלעגאַל די יידן, נישט בלויז אין דער שווייץ, נאָר אויך אויף דער איטאַליענישער טעריטאָריע.

אונטערגעשריבן : **דר. קנאָכען,**

ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער.

# דאָקומענט 7. (1)

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

בערלין — NUE NR 37143 26-2-43 1655 — GR

צו B.d.S.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער
דר. קנאָכען, פּאַריז.

פּ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

ענין : דעפיניטיווע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך ;
ספּעציעל : די האַלטונג פון די איטאַליענער אין דער יידן־
פראַגע.

רעפערענץ : אייערע טעלעגראַמעס נומ. 1870 פון 13.1.1943,
נומ. 7541 פון 12.2.1943, נומ. 9675 פון 22.2.43.

איך האָב איבערגעגעבן אין אויסערן־מיניסטעריום דעם עיקר־
אינהאַלט פון די אויבנדערמאָנטע טעלעגראַמעס. שטיצנדיק זיך אויף
די דערהאַלטענע אינפאָרמאַציעס, וועט דער רייכסמיניסטער פאַר אויס־
סערלעכע ענינים, אוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער איטאַליענישער
האַלטונג אין שייכות צו דער יידן־פראַגע, בעת זיינע קומענדיקע
פערזענלעכע אונטערהאַנדלונגען מיטן דוטשע. אַזוי שנעל ווי איך
וועל דערהאַלטן פון אויסערן־מיניסטעריום דעם רעזולטאַט פון די
אונטערהאַנדלונגען אין דעם דאָזיקן ענין, וועל איך אייך גלייך וועגן
דעם אינפאָרמירן.

RSHA IV B 4-43/g (81)

לויט אויפטראַג,
אונטערגעשריבן : אייכמאַן,
ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

---

(1) זען דעם פאַקסימיליע ז. 190.

# דאָקומענט מאַקענזען, נומ. 8.

www.libtool.com.cn

NG 2242

CXXIII-91

געהיימער רייכס־ענין.

## קאָפּיע פון א קאָפּיע

טעלעגראַמע פון רוים פון 18־טן מערץ 1943.

האָב אַדורכגעפירט היינט מיין מיסיע ביים דוטשע.

ער האָט אויפמערקזאַם אַדורכגעלייענט די עקספּאָזע מיט דער נאָטע און האָט כאַראַקטעריזירט די לעצטע אַלס זייער אינטערע־סאַנטע פאַר אים, באַמערקנדיק, פונדעסטוועגן, צום פּונקט 1, אַז די דאָזיקע אינפאָרמאַציע שטימט זיכער נישט מיט די פאַקטן, ווייל ער האָט געהאַט פּרינציפּיעל פאַרבאָטן דאָס אָנעמען מתנות מצד אויסלאַנד, ווי צום ביישפּיל, גאָר לעצטנס, די געלט־זאַמלונג פון טעססין לטובת די קינדער.

באַזירנדיק זיך אויפן אויבערדערמאָנטן טעלעגראַפישן באַפעל — האָב איך אים נאָכדעם געגעבן די דערקלערונגען, וועלכע זענען מיר באַאויפטראַגט געוואָרן. ער האָט אויסגעהערט, נישט איבעררייסנ־דיק מיינע לאַנגע באַגרינדונגען און האָט בלויז אונטערגעשטראָכן געוויסע פּראַזן, מיט לעבעדיקע הסכמה־זשעסטן, און הויפּטזאַכלעך, די באַמערקונג (לייזונג נומ. 1), וואָס מיר האָבן נישט געקענט באַ־גרייפן, צוליב וועלכע טעמים האָבן די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן געשטערט די אַקציע פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, אינדערצייט וואָס זי האָט גאָר באַדאַרפט זיין צופרידן פונעם פאַקט, אַז דאָס זענען גראָד די פראַנצויזן, וועלכע האָבן ענערגיש אונטערגע־נומען די נויטיקע רייניקונגס־אַקציע.

נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט, האָט ער מיך געבעטן צו באַדאַנ־קען, קודם־כל, דעם מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים, צוליב דעם באַזאָרגן די דאָקומענטאַציע, וועלכע איז פאַר אים פון אַ גרויסן ווערט, און איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו אויספירלעכע באַמער־קונגען, וועלכע מען קען בקיצור רעזומירן אַזוי: אונזער הויפּט־שטעלונג וועגן דער אַבסאָלוטער נויטיקייט פון ענערגישע מאַסמיט־לען קעגן די יידן און קעגן די פּערזאָנען פון ענגלישער און אַמערי־קאַנישער בירגערשאַפט, וועלכע געפונען זיך נאָך אויף דער אָקו־

פירטער טעריטאָריע — איז קלאָר און אומבאַשטרייטבאַר. אויב זיינע גענעראַלן האָבן זיך אַריינגעמישט אין דער פראַגע, איז עס דערפאַר ווייל צוליב זייער מענטאַליטעט קענען זיי נישט באַגרייפן איר גאַנצע וויכטיקייט. עס האַנדלט זיך נישט וועגן שלעכטע כוונות, נאָר וועגן דער לאָגישער קאָנסעקווענץ פון אָט דער מענטאַליטעט. אין דער אמתן דאַרפן מיר זיין צופרידן מיט דער עקזיסטענץ פון אַ פראַנצויזישער רעגירונג, וועלכע איז גרייט אויסצופירן די פּאָליצייאישע פאַרשריפטן. עס איז אומזיניק זי צו צוימען אָדער זי צו פּאַראַליזירן. זיינע גענעראַלן זעען אויס צו האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען נישט אין פראַנקרייך קיין אָקופּירנדיקע מאַכט און אַז זיי זענען, געקומען מער נישט, ווי אונז צו העלפן. זיי דאַרפן זיך נישט מישן אין די מאָסמיטלען, וועלכע ווערן אָנגענומען מצד דער פראַנצויזישער פּאָליציי. דער אופן ווי אַזוי די פראַנצויזישע פּאָליציי פירט זיך אויף לגבי די יידן, איז בלויז אַזעלכער, וועלכן מען ווייזט אַרויס אין באַצוג צו פאַרברעכער. דאָס איז אַ פראַגע, אין וועלכער די גענעראַלן דאַרפן זיך נישט מישן. זייער האַלטונג קומט נישט בלויז פון מאַנגל אין פאַרשטענדעניש, נאָר אויך פון אַ סענטימענטאַלן הומאַניטאַריזם, וועלכער איז נישט אין איינקלאַנג מיט אונזער שטרענגער עפּאָכע. ער וועט נאָך היינט אַרויסגעבן — און איך זאָל עס מעלדן דעם הער מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים — די נויטיקע אינסטרוקציעס דעם גענעראַל אַמבראָזיאָ, איבערלאָזנדיק אויף ווייטער, דער פראַנצויזישער פּאָליציי, פולשטענדיקע פרייע הענט אין אָט דעם ענין.

אויף מיין באַמערקונג, אַז דער גענעראַל אַמבראָזיאָ וועט זיכער איינווענדן, אַז אַזאַ מין באַפעל מצד דעם דוטשע איז נישט דערלאָזבאַר, ווייל ער דיסקרעדיטירט די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן אין די אויגן פון די פראַנצויזן, האָט דער דוטשע, לאַכנדיק אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען אין אַ באַוועגונג, וואָס האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן נישט אַנדערש ווי: „דער איינציקער, וואָס באַפעלט דאָ, בין איך", און וואָס איך האָב אַגב, אויסגעטייטשט אין דעם זין, אָן דעם אַז ער זאָל עס מיר באַשטרייטן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט דעם בולטן איינדרוק, אַז דער דוטשע איז דעצידירט אויף דער לייזונג, וועלכע אַנטשפּרעכט אונזער פאַרשלאָג נומער 1.

די רעאַקציע מצד דער איטאַליענישער פּרעסע דאַרף אויפן אָרט אָבסערווירט ווערן. אויב, אויף להבא, עס וועלן פעסטגעשטעלט ווערן געוויסע פאַלן, וואָס וועלן באַווייזן, אַז די לאָקאַלע אויטאָריטעטן סאַבאָטירן דעם קלאָרן און בולטן ווילן פון דוטשע, וועל

www.libtool.com.cn

איך שטענדיק זיין אימשטאַנד, אַ דאַנק דעם היינטיקן געשפּרעך, צו מאַכן אַן אַפּעל צום דוטשע. זיין שטעלונג איז ווייט נישט קיין צווייִדייטיקע און האָט באַוויזן, אַן איבעריק מאָל, אַז זיין אופן פון דענקען איז אַ צו ברייטער, אַז ער זאָל לאָזן אַדורכפאַלן, צוליב פּרעסטיזש־טעמים — די מאָסמיטלען, וועלכע ער האַלט פאַר באַרעכטיקטע.

אונטערגעשריבן: מאַקענזען.

www.libtool.com.cn

CXXIII-91

געהיימער רייכס־ענין.

www.libtool.com.cn

# ק אָ פּ י ע

טעלעגראַמע פון רוים פון 20־טן מערץ 1943.

באַסטיאַניני האָט מיך היינט גערופן, כדי מיר צו איבערגעבן דאָס פאָלגנדיקע מצד דעם דוטשע, אין שייכות מיט אונזער ביידנס געשפּרעך, דעם 17־טן מערץ.

אין דער פראַגע אָנצונעמען מאָסנאָמען לגבי די יידן א. א. וו. (דאָס הייסט, קעגן די בירגער פון שונאישע לענדער) אויף די פראַנצויזישע טעריטאָריעס, וועלכע זענען אָקופּירט דורך די איטאַליענער, האָט דער דוטשע אויסגעקליבן די לייזונג נומ 2 און האָט ארויסגעגעבן די אַנטשפּרעכנדיקע אינסטרוקציעס. איך האָב געענטפערט באַסטיאַנינין, אַז די דאָזיקע אינפאָרמאַציע איבעראַשט מיך, אין א געוויסער מאָס, ווייל בעת זיין געשפּרעך מיט מיר, האָט דער דוטשע זיך געהאַט אַנטשלאָסן פאַר דער לייזונג נומ 1 און האָט מאָטיווירט זיין באַשלוס מיט אַרגומענטן, וועלכע זענען — לויט מיין מיינונג — אַנטשיידנדיק. באַסטיאַניני האָט געענטפערט, אַז מיין איינדרוק איז א ריכטיקער, לויט ווי ער האָט עס געקענט פעסטשטעלן בעת זיין געשפּרעך מיטן דוטשע, באַלד נאָך מיינעם. דער דוטשע האָט נאָכדעם גערופן דעם גענעראַל אַמבראָזיאָ, כדי אים צו געבן די נויטיקע אינסטרוקציעס. פונעם ראַפּאָרט מצד דעם לעצטן, האָט דער דוטשע באַקומען דעם איינדרוק, אַז צוליב די טעמים וועלכע זענען ארויסגערוקט דורך דעם גענעראַל אַמבראָזיאָ, קען דער ציל, וועלכן ער אַליין און מיר אַלע באַטראַכטן פאַר נויטיק — בשום־אופן, אין דעם איצטיקן צושטאַנד, נישט דערגרייכט ווערן דורך דער פּאָליציי אַליין. אַמבראָזיאָ האָט דערקלערט, אַז לויט אַלע באַריכטן, וועלכע ער האָט אין זיין רשות, און באַזונדער — לויטן באַריכט פון גענעראַל ווערסעלינאָ, האָט די פראַנצויזישע פּאָליציי — אין געוויסע פאַלן — געהאַנדלט ענערגיש, אָדער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַזוי צו האַנדלען, אָבער אין צאָלרייכע אַנדערע פאַלן, האָט געקענט אומבאַשטרייטבאַר פעסטגעשטעלט ווערן, אַז צווישן די יידן א. א. וו. און דער פראַנצויזישער פּאָליציי האָט געהערשט א פאַרשטענדעניש, וואו דאָס יידישע געלט, די יידישע דאַמען, ווי אויך דער פאַקט, וואָס צאָלרייכע איטאַליענישע אָפיצירן זענען געווען איינגעקוואַרטירט אין יידישע הייזער — האָבן געשפּילט א

ראַל, וואָס האָט דערמעגלעכט פאַר אַ גרויסער צאָל יידן זיך צו ראַטעווען פון דער אַקציע.

www.libtool.com.cn

אויף מיין באַמערקונג, אַז ווי איך האָב עס שוין באַוויזן דעם דוטשע אַ דאַנק קאָנקרעטע פאַקטן, אַז די אַקציע פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי איז אַדורכגעפאַלן הויפּטזאַכלעך דערפאַר, — לויט אונזער מיינונג, ווייל די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן האָבן געשטערט און אפילו אַנולירט די שוין־אַדורכגעפירטע אַרעסטן, האָט בעסטיאַניני געענטפערט, אַז דאָ האַנדלט זיך — לויט דער דערקלערונג פון אַמבראָזיאָ, וועלכער האָט אגב, נישט אָפּגעלייקנט די פאַקטן — אין עטלעכע אויסנאַמס־פאַלן, וועלכע זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סיטואַציע אין איר אַנסאַמבל. לויטן אָנגענומענעם כלל, נעמט די פראַנצויזישע פּאָליציי נישט אָן קיין ענערגישע מאָסמיטלען, אָדער ווייל זיי נישט אָנעמען, ווייל אומאָפּהענגיק פון די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון, פירט זי אויס — קעגן איר ווילן — די פאַראָרדענונגען, וועלכע קומען פון דער אַקס בערלין־רוים. דעריבער האָט דער דוטשע אויסגעקליבן די 2־טע לייזונג, וועלכע מיר האָבן אַלע באַצייכנט אַלס ווינטשנסווערט און — צו דעם צוועק — תיכף נאָך דער אוידיענץ מיט אַמבראָזיאָ, האָט ער גערופן דעם איטאַליענישן פּאָליציי־שעף, סעניס, און האָט אים באַפוילן — אין דער קעגנוואַרט פון באַסטיאַניני — אָנצופירן מיט דער אַקציע לויט אייגענע כוחות, אומאָפּהענגיק פון די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן. צוליב דעם, האָט ער אויסגעקליבן אין דער ליסטע פון 4 נעמען, וועלכע איז אים געהאַט פאָרגעשטעלט געוואָרן מצד סעניסן, אַ וויצע־אינספּעקטאָר פון דער פּאָליציי און האָט אים, נעכטן אינאָוונט, געשיקט אין אָקופּירטן פראַנקרייך, מיטגעבנדיק אים אַנטשפּרעכנדיקע פאַראָרדענונגען. צווישן די 4 נעמען, האָט דער דוטשע אויסגעקליבן דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר לאָספּינאָסאָ, וועלכן ער האָט פּערזענלעך געקענט, אַלס זייער אַן ענערגישן מאַן. צו דער זעלבער צייט, האָט דער דוטשע אים געגעבן, ווי אויך דעם גענעראַל ווערסעלינאָ, שריפטלעכע, בולט־פאָרמולירטע באַפעלן. די דאָזיקע באַפעלן זענען איבערגעשיקט געוואָרן צום גענעראַל ווערסעלינאָ מיט אַ ספּעציעלן אָפיציר. אויף מיין פראַגע, צי באַזיצט די איטאַליענישע פּאָליציי די נויטיקע קרעפטן אויף אונטערצונעמען די אַקציע, האָט באַסטיאַניני געענטפערט, אַז די דאָזיקע קרעפטן זענען גענוגנדיקע אויף צו אַרעסטירן אַלע יידן, א. א. וו. אָבער נאַטירלעך, אַז אויף צו רעאַליזירן די מאָסמיטלען, וועלכע זענען דורך אונז פאַראָרדנט געוואָרן: אַרעסטן, דעפּאָרטאַציעס א. א. וו., וועט זי זיך באַנוצן מיט די אָרגאַניזמען פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי.

וואָס שייך דעם גאַנג פון דער אַקציע, האָט באַסטיאַניני דער־קלערט, אַז עס זענען שוין אַרויסגעגעבן די אינסטרוקציעס, אַז אַלע יידן פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציעזאָנע אין פֿראַנקרייך, זאָלן נישט טאָרן מער פאַרלאָזן זייער וואוינאָרט, אינדערצייט וואָס ביז איצט, האָבן זיי נאָך גענאָסן פון אַ געוויסער פרייהייט זיך צו באַ־וועגן. דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר, לאָספּינאָסאָ, האָט באַקומען דעם באַפעל צוצוטרעטן, אָן שום צעגערונג — צו דער אַקציע, וואָס איז באַשטאַנען אין באַלדיקן טראַנספּערירן אַלע יידן א. א. וו., פון די פראַנצויזישע איזאָלירטע געגנטן, ביז אין די מער־באַוואוינטע, בכדי זיי זאָלן קענען בעסער צוגעהיטן ווערן. נעמענדיק אין אַכט, אַז קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן דאָרט נישט עקזיסטירט און אַז זייער אָרגאַניזירונג וואָלט באַדאַרפט דויערן מערערע חדשים — וועלן די יידן אַריינגעזעצט ווערן, אונטער אויפזיכט, אין פרייע הייזער און האָטעלן, וועלכע וועלן, צו דעם צוועק, רעקווייזירט ווערן. אויף מיין פראַגע צו וויסן, וואָס אַזעלכעס וועט מיט זיי דאָרטן גע־שען, דאָס הייסט, צי האָט מען בדעה זיי צו דעפּאָרטירן — האָט באַסטיאַניני געענטפערט, אַז ביז איצט, איז דאָס נאָך נישט פאָראויס־געזען געוואָרן.

דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר לאָספּינאָסאָ איז געוואָרן באַאויפ־טראַגט, צו קומען — נאָך אַ געוויסער צייט — קיין רוים, בכדי אָפּ־צוגעבן אַ פּערזענלעכן באַריכט וועגן די מאַסמיטלען, וועלכע זענען דורך אים אונטערגענומען געוואָרן און וועגן זייער אויספירונג.

אויף מיין לעצטער פראַגע, צי עס עקזיסטירט אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע, אַז די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן וועלן נישט שטערן — ווי עס איז געשען ביז איצט — דער אַקציע פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, האָט באַסטיאַניני דערקלערט, אַז דעם דוטשעס באַפעל צום גענעראַל ווערסעלינאָ וועגן דעם, איז נישט קיין צווייַדייטיקער נאָר זייער אַ קלאָרער און דערגייט אַזש ביז סאַנקציעס לגבי די איטאַליענישע מיליטער־לייט, וועלכע וועלן — אונטער וועלכער נישט איז פאָרם — זיך אַרויסווייזן אַלס באַשיצער פון די יידן און פון אַנדערע אומגעוואונטשענע עלעמענטן.

אונטערגעשריבן: **מאַקענזען.**

www.libtool.com.cn

## דאָקומענט 9.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

בערלין NUE 59 803 2-4-1943 — 1300 SCHUE

**צום קאָמענדאַנט פון דער סיפּאָ און פון דער ס. ד. אין פּאַריז.**

פּאַרטרויליך!

בעת מיין באַזוך אין רוים, דעם 27־טן מערץ 1943, האָב איך — אויף דעם באַפעל פון רייכספירער ס. ס. — געהאַט אַ געשפּרעך מיטן אַמבאַסאַדאָר פון דייטשלאַנד, ווי אויך מיטן איטאַליענישן פּאָליציי־שעף, וועגן דער יידן־פראַגע אויף די פראַנצויזישע פּריש־אָקופּירטע טעריטאָריעס. אין הסכם מיט די קלאָרע און שאַרפע אינסטרוקציעס מצד דעם דוטשע, האָט די איטאַליענישע פּאָליציי געשיקט דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּינאָסאָ, מיט זיין אַדיו־טאַנט, דעם וויצע־קאָסערער, לוצערי, ווי אויך עטלעכע מיטאַרבע־טער — אין דער איטאַלייענישער אָקופּאַציע־זאָנע, בכדי דאָרטן צו רעגולירן, לויט דער דייטשער קאָנצעפּציע — אין דער ענגסטער צוזאַמענאַרבעט מיט דער דייטשער פּאָליציי, און עווענטועל אויך מיט דער פראַנצויזישער פּאָליציי — די יידישע פּראָבלעמען, אַזוי ווי זיי שטעלן זיך איצטער פאָר. דער גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּינאָסאָ, געפינט זיך שוין אין פראַנקרייך זינט עטלעכע טעג. איך אינפאָרמיר אייך וועגן זיין אָנקומען און בעט אייך גלייך אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט לאָ ספּינאָסאָ, ווי אויך אייך צו אינפאָרמירן וועגן די באַפעלן, וועלכע ער האָט באַקומען. איך בעט אייך מיר וועגן אַלץ צו וויסן צו געבן.

RSHA — IV

אונטערגעשריבן : **מילער.**

# דאָקומענט 10.

www.libtool.com.cn

**טעלעגראַמע נומ. 13323**

פּאַריז, דעם 5־טן אַפּריל 1943.

פּ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

**צום רייכסזיכערהייטסהויפּט־אַמט**

**ביוראָ IV,**

**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־גרופּענפירער מיללער**

ענין : יידן־פראַגע אויף די פראַנצויזישע טעריטאָריעס, וואָס זע־נען אָקופּירט פון די איטאַליענער.

רעפערענץ : אייער טעלעגראַמע פון 2־טן אַפּריל 1943, נומ. 59.803.

מיר האָבן פּרובירט צו האָבן אויספירלעכע פּרטים דורך די איטאַליענישע אַמטן אין פּאַריז, וועגן דער רייזע פון גענע־ראַל־אינספּעקטאָר פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, לאָ ספּי־נאָסאָ. אַלס ענטפער אויף אַ ווענדונג אין מענטאָן, מעלדעט מען אונז, אַז ביז איצט, ווייסט מען נאָך גאָר נישט וועגן אָט דער רייזע.

אונטערגעשריבן : **ד ר. קנאָכען,**
ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער
און קאָלאָנעל פון דער פּאָליציי.

# דאָקומענט 11.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

VI B

פּאַריז, דעם 6־טן אַפּריל 1943.

**צום רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט**

**1) ביוראָ IV,**

**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־שטאַנדאַרטנפירער שעלענבערג;**

**2) ביוראָ IV,**

**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער אייכמאַן.**

ענין: מאַסן־אַפּפאַר פון די יידן צו די פראַנצויזישע טעריטאָריעס, וועלכע זענען אָקופּירט דורך די איטאַליענער.

די קאָמאַנדאָ פון מארסעיל אינפאָרמירט אונז, אז דאָס אַנטלויפן פון די יידן צו די טעריטאָריעס, וועלכע זענען אָקופּירט דורך די איטאַליענער — דויערט ווייטער. מען האָט געקענט, אינצווישנצייט, געוואויר ווערן, אז אין דער איטאַליענישער זאָנע, עקזיסטירט אַ מעכטיקע פינאַנציעלע גרופּע פון איטאַליענישע יידן, אונטער דער אָנפירונג פון דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון דער „באַנק פראַנקרייך־איטאַליע" — דאָנאַטי, וועלכער שיצט די יידן. איך וועל צוווישן געבן דעם רעזולטאַט פון מיינע ווייטערדיקע נאָכפאָרשונגען.

אונטערגעשריבן: **דר. קנאָכען,**
ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער
און קאָלאָנעל פון דער פּאָליציי.

## דאָקומענט 12.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

בערלין — GR — NUE N° 63762 7-4-43, 1645

צום B.d.S.,

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער קנאָכען.

פּאַריז

אלס ענטפער אויף אייער טעלעגראַמע פון 5.4.43 — איידער איך ווענדע זיך אויפסניי צום שעף פון דער איטאַליענישער פּאָ־ליציי, בעט איך אייך, זיך צו פארזיכערן, צי לאָ ספּינאָסאָ געפינט זיך ווירקלעך אין פראַנקרייך. אַזוי ווי איך האָב אייך שוין וועגן דעם אינפאָרמירט, האָט דער שעף פון דער איטאַליענישער פּאָליציי מיר לעצטנס דערקלערט, אַז לאָ ספּינאָסאָ געפינט זיך שוין אין פראַנקרייך זינט עטלעכע טעג.

RSHA — IV

אונטערגעשריבן : מיללער,

ס. ס.־גרופּענפירער.

# דאָקומענט 13. (1)

www.libtool.com.cn

IV B — B.d.S.

טעלעגראַמע נום. 20.263

פּאַריז, דעם 8־טן אַפּריל 1943.

פּ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

**דרינגנד. גלייך איבערצוגעבן!**

**צום רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט,**
**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־גרופּענפירער מיללער,**
**בערלין.**

ענין : אָנפראַגן מצד די איטאַליענער אין שייכות צו דער יידן־פראַגע.

רעפערענץ : מיינע פריערדיקע ראַפּאָרטן איבער דער האַלטונג פון די איטאַליענער אין דער יידן־פראַגע, אין דער נייער אָקופּאַציע־זאָנע אין פראַנקרייך. אייער טעלעגראַמע פון 7.4.43.

לויט ווי איך בין נאָר־וואָס געוואויער געוואָרן, האָט דער גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּינאָסאַ, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו קאָנפערירן איבער דער יידן־פראַגע — זיך צוריקגעקערט קיין רוים, נאָך אַ אויפנהאַלט פון 3 טעג אין מענטאָן. דורך דער פאַרמיטלונג פון לויטענאַנט מאַלפּאַטטי, פון דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, האָט ער אונז געבעטן צו ענטפערן אויף די פאָלגנדיקע פראַגן :

1) אין דער נייער אָקופּאַציע־זאָנע, צי וועלן די אַנטיסעמיטישע פאַראָרדענונגען אויסגעפירט ווערן דורך די פראַנצויזן ?

(1) זען פאַקסימיליע ז"ז 192—191.

2) צי האָבן מיר געפאָדערט מאַסן־אינטערנירונגען פון פראַנצויזישע יידן, אין דער נייער אָקופּאַציע־זאָנע ?

www.libtool.com.cn

3) צי האָבן שוין די דייטשע אויטאָריטעטן אַדורכגעפירט מאַסן־אינטערנירונגען פון יידן פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט ?

ביז איצט האָב איך נישט אָפּגעענטפערט, ווייל, צוליב דער האַלטונג, וועלכע עס האָבן אָנגענומען די איטאַליענישע אַמטן אין דער יידן־פראַגע, האַלט איך, אַז — צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון דיסקוטירן איבער אַזאַ וויכטיקן פּראָבלעם, מיט אַ לויטענאַנט, אָדער אפילו צו ענטפערן אויף די פראַגן פון לויטענאַנט מאַלפּאַטטי, איבערהויפּט ווען מען מעלדעט אונז, אַז ספּינאָסאָ אַליין וועט וועגן דעם אונטערהאַנדלען.

לויט מיין מיינונג, האָט דער גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּינאָסאָ פּערזענלעך, אונז באַדאַרפט אַריינשיקן די דאָזיקע פראַגן. איך אינפאָרמיר אייך וועגן דעם און בעט אייך, מיר צוצושיקן — אויב מעגלעך, מיט דער נאָענטסטער פּאָסט — די אָנווייזונגען וועגן דער פּראָצעדור אָנצוווענדן אויף ווייטער. מאַלפּאַטטי דערקלערט, אַז די פראַגן וואָלטן זיכער נישט געווען געשטעלט דורך לאָ ספּינאָסאָ, נאָר דורך דער 4־טער איטאַליענישער אַרמיי.

אונטערגעשריבן : **ד״ר. קנאָכען,**
ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער
און קאָלאָנעל פון דער פּאָליציי.

## דאָקומענט 14.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

בערלין WUE — NUE 65 638 9-4-43 1735

צום קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטספּאָליציי
און פון דער ס. ד., פּאַריז.

אין רעזולטאַט פון אייער טעלעגראַמע פון 8.4.1943, האָב איך געבעטן דעם פּאָליציי־אַטאַשע פון רוים, צו ווירקן ביים שעף פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, אַז לאָ ספּינאָסאָ זאָל קומען קיין בער־לין, אָדער אַז ער זאָל זיך דירעקט און פּערזענלעך פאַרבינדן מיט אייך, אַזוי שנעל ווי מעגלעך. איך וועל אייך וועגן דעם באַקאַנט מאַכן.

RSHA

אונטערגעשריבן : מיללער,
ס. ס.־גרופּענפירער.

# דאָקומענט 15.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע נומ. 28.058

B.d.S. — IV B

פּאַריז, דעם 12־טן מאַי 1943.

פּ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

**צו דער קאָמאַנדאָ פון דער זיכערהייטספּאָליציי**
**אין דיזשאָן און פון דער ס. ד.**
**און צו די קאָמאַנדאָס פון ליאָן און מאַרסעיל.**

ענין : אַנטיסעמיטישע באַגרענעצונגען אין דער איטאַליענישער זאָנע.

רעפערענץ : קיינע.

אַזוי ווי מיר זענען דאָ געוואויער געוואָרן, וועט די יידן־פראגע אין דער פראַנצויזישער זאָנע, וואָס איז אָקופּירט דורך די איטאַליענער — פון איצט אָן, רעגולירט ווערן דורך דער איטאַליענישער פּאָליציי.

מיר בעטן אייך אונז צו אינפאָרמירן און אונז איבערצושיקן גלייך, אַלע באַמערקונגען אין שייכות מיט דעם אָנטייל פון דער איטאַליענישער פּאָליציי אין דער רעגולירונג פון דער יידן־פראַגע; הויפּטזאַכלעך, איז וויכטיק צו וויסן די גענויע דאַטע פון אָנווענדן די מאָסמיטלען, ווי אויך דעם אופן פון אויספירן זיי מצד דער איטאַליענישער פּאָליציי, אין די פאַרשידענע געגנטן.

לויט אויפטראָג,

אונטערגעשריבן : **רעטהקע,**
ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

# דאָקומענט 16.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

ליאָן — WE — 2743 15/5 0028

צום — B.d.S. — פּאַריז — IV B

ענין : דאָס באַזעצן פון 1.000 יידן אין מעזשעוו (אַט־סאַוואָוא).

רעפערענץ : אייער אינסטרוקציע־טעלעגראַמע נומ. 28.061 פון .12.5.43 — SA 225 A — IV B Roem.

לויט אַ קאָמוניקאַט מצד דעם דעלעגאַט פאַר יידישע פראַגן פון די פראַנצויזישע אויטאָריטעטן אין ליאָן, האָט די איטאַליענישע מאַכט באַזעצט, ביז איצט, 400 יידן, פון וועלכע 399 פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, כמעט אַלע דייטשן — אין די האָטעלן פון מעזשעוו. די יידן זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אויטאָבוסן פון דעם מיטלענדישן ים־ברעג (ניצע, קאַן, א. א. וו.) זיי זענען אונטערגעבראַכט, אַזוי אַז צוויי מאָל אין טאָג קומט פאַר אַ אַפּעל און דער אויסנאַם־צושטאַנד איז באַשטימט אויף 9 אַ זייגער. ווארשיינלעך, וועלן נאָך 1.200 אַנדערע יידן אַריבערגעפירט ווערן פון דעם מיטלענדישן ים־ברעג קיין מעזשעוו. איצטער קומען פאַר אונטערהאַנדלונגען צווישן די פראַנצויזישע אויטאָריטעטן און די האָטעלאייגנטימער אין מעזשעוו, ווייל די פראַנצויזישע רעגירונג האָט פאַרנעלייגט דער איטאַליענישער מאַכט אַריבערצושיקן קיין מעזשעוו די קינדער פון די פראַנצויזישע שטעדט, וואָס ליגן ביים ים־ברעג און וואָס זענען באַדראָאט פון באָמבאַרדירונגען. צווישן די יידן געפינען זיך 12, וואָס ווערן שוין לאַנג אַרומגעזוכט פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, דאָך, זאָגן זיך די איטאַליענער אָפּ, זיי אַרויסצוגעבן.

קאָמאַנדאָ סיפּאָ — ס. ד. — ליאָן — 1994/43.

דער קאָמענדאַנט,

לויט אויפטראַג,

אונטערגעשריבן : באַרביע,

ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

צוגעשריבענע נאָטע פון רעטהקע :

1) צום שטאַנדאַרטענפירער דר. קנאָכען, אויף אינפאָרמאַציע. (די קאָמאַנדאָס פון מאַרסעיל און ליאָן האָבן דעסגלייכן באַקומען אינסטרוקציעס, צוצושטעלן ראַפּאָרטן וועגן אַלע מאָסמיטלען, וועלכע דאַרפן אָנגענומען ווערן מצד די איטאַליענער קעגן די יידן).

2) צוריקשיקן צום BdS IV B

www.libtool.com.cn

## דאָקומענט 17.

www.libtool.com.cn

VI B — B.d.S.

פּאַריז, דעם 24־טן מאַי 1943.

**נאָטע צום ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער דר. קנאָכען**

ענין : רעגולירונג פון דער יידן־פראַגע אין דער פראַנצויזישער זאָנע פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע.

דער ס. ס.־האַופּטשטורמפירער גודעקונסט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם לויטענאַנט מאַלפאַטטי, וועגן דער אָנגעמאָלדענער וויזיט מצד דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, לאָ ספּינאָסאָ. מאַלפאַטטי האָט דערקלערט, אַז די איטאַליענישע אַמבאַסאַדע האָט במשך פון דער צייט, נישט געהאַט לאָ ספּינאָסאָ׳ס באַזוך און אַז זי איז נישט באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן רייזע־פּראָיעקט.

לויט אויפטראַג,
אונטערגעשריבן : **רעטהקע,**
ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

# דאָקומענט 18.

www.libtool.com.cn

IV B — B.d.S.

24־טער מאַי 1943.

פאַרטרויליך!

**צום רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט,**
**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־גרופּענפירער מיללער,**
**בערלין.**

ענין: די יידן־פראַגע אין דער פראַנצויזישער זאָנע, וואָס איז אָקו־פּירט מצד די איטאַליענער.

רעפערענץ: געשפּרעך מיט דעם ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער אייכ־מאַן, דעם 28־טן אפּריל 1943, און מיין טעלעגראַמע נום. 26,162 פון 4־טן מאַי 1943.

נעמענדיק אין אַכט, אַז דער גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, לאָ ספּינאָסאָ, איז ביז היינט נישט געקומען מיך זען און אַז אונז איז גאָרנישט באַקאַנט וועגן זיין עווענטועלער אָנוועזנקייט אין דער איטאַליענישער זאָנע, האָב איך באַאויפטראַגט זיך צו ווענדן אין דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, וועגן אויסקונפטן בנוגע אָט דעם באַזוך. די איטאַליענישע אַמבאַ־סאַדע האָט אונז אינפאָרמירט, אַז לאָ ספּינאָסאָ איז נישט אָנגעקו־מען און אַז איר איז נישט באַקאַנט דער דאָזיקער רייזע־פּראָיעקט.

די דאָזיקע פאַקטן באַשטעטיקן בלויז מיין השערה, אַז געוויסע איטאַליענישע אַמטן אינטערעסירן זיך לחלוטין נישט מיט דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך, און אַז זיי ווענדן אָן בנוגע דעם — ווי ווייט מעגלעך — אַן אָפּשלעפּנדיקע טאַקטיק.

צוליב דער דרינגנדיקער וויכטיקייט אָנצוווענדן, ווי צום שנעלסטן, די אַנטיסעמיטישע מאָסמיטלען אין דער איטאַליענישער זאָנע, פאַרוף איך מיך אויף מיינע פריערדיקע ראַפּאָרטן און גע־שפּרעכן און בעט אייך נאָכאַמאָל, אָנצופרעגן ביי דער איטאַליעני־

שער רעגירונג, צי קען מען נאָך רעכענען אויף דעם באַזוך פון לאַ ספּינאָסאָ, און אויב יאָ, אין וועלכער דאַטע וועט ער פאָרקומען.

איך לייג אייך דאָ ביי דריי קאָפּיעס אין טאָפּלטע עקזעמפּלאַרן, צוגעשיקט פון בוסקע, וועגן די אַרגומענטן, וואָס ווערן אַרויסגע־רוקט מצד די איטאַליענישע מיליטערישע אַמטן, קעגן די אַנטיסע־מיטישע מאָסמיטלען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

די נאָטעס פון די איטאַליענישע אויטאָריטעטן זענען כאַראַק־טעריסטיש און וואַרפן אַ בולטן שיין אויף דער איטאַליענישער באַ־ציאונג צו דער יידן־פראַגע.

איך וועל אייך כסדר האַלטן אין קאָנטאַקט.

אונטערגעשריבן : דר. קנאָכען,
ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער
און קאָלאָנעל פון דער פּאָליציי.

www.libtool.com.cn

## אַנעקס (צוגאָב) 1

www.libtool.com.cn

**גענעראַל־פּאָרשטייער**
**העכסטע איטאַליענישע קאָמענדאַטור**
**אין ווישי.**

ווישי, דעם 2־טן מערץ 1943.

**צום הער אַדמיראַל פּלאַטאָן**
**מלוכה־סעקרעטאַר**
**ביים רעגירונגס־שעף.**

הער אדמיראַל,

אין נאָמען פון דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַטור, האָב איך דעם כבוד אייך צו אינפאָרמירן דאָס פאָלגנדיקע:

די פּרעפעקטן פון וואַלענס, שאַמבערי און אַנעסי, האָבן לעצ־טנס אַדורכגעפירט — אין הסכם מיטן באַפעל מצד דער פּראָוויזי־שער רעגירונג — צאָלרייכע אַרעסטן אויף יידן פון אויסלענדישער נאַציאָנאַליטעט.

אַכט פּערזאָן, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין אַנעסי, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די פּירענייען.

אויף דער אינטערווענץ פון די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן, האָבן די פּרעפעקטן אָפּגעענטפערט, אַז זיי זענען פאַרפליכטעט צו פאָלגן די באַפעלן פון ווישי.

אויפן סמך פון אַט די אינצידענטן, האָט די העכסטע איטאַליע־נישע קאָמענדאַטור דערקלערט, אַז די פראַגע וועגן די אַרעסטן, וואָס זענען לעצטנס אַדורכגעפירט געוואָרן — איז פון זעלבן מין, ווי די וואָס זענען פאָרגעקומען אין לויף פון חודש דעצעמבער — אין רעזולטאַט פון די אַנטיסעמיטישע פאַראָרדענונגען מצד דעם פּרעפעקט פון די מאַריטימער אַלפּן.

אחוץ דעם, קען די העכסטע איטאַליענישע קאָמענדאַטור נישט געבן איר הסכמה אויף די פאַראָרדענונגען, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן מצד די פּרעפעקטן, בנוגע די אַרעסטן און אינטערנירונגען פון די יידן וועלכע וואוינען אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין פראַנקרייך, סיי צי עס האַנדלט זיך וועגן יידן פון איטאַ־ליענישער, פראַנצויזישער אָדער אויסלענדישער נאַציאָנאַליטעט.

די דאָזיקע מאָסמיטלען געהערן צו דער אויסשליסלעכער קאָמ־
פעטענץ פון די איטאַליענישע מיליטערישע אָקופּאַציע־אויטאָרי־
www.libtool.com.cn
טעטן.

דערמיט דערקלערט זיך די צודרינגלעכקייט פון דער העכסטער
איטאַליענישער קאָמענדאַטור, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג זאָל אָנו־
לירן די ביז־איצט פאַראָרדנטע אַרעסטן און אינטערנירונגען און
אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן צו די פּרעפעקטן פון אַלע טעריטאָ־
ריעס, וועלכע ווערן קאָנטראָלירט מצד די איטאַליענישע מיליטע־
רישע איינהייטן — דער באַפעל, אַ סוף צו מאַכן צו די דאָזיקע
מאָסמיטלען, סיי ווען עס האַנדלט זיך אין אַרעסטן און אינטערני־
רונגען פון איטאַליענישע יידן, צי גאָר פון פראַנצויזישע, אָדער
אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן זייער רעזידענץ אויף די אָנגעווי־
זענע טעריטאָריעס.

אונטערגעשריבן: קאַרלאָ אַוואַרנאַ די גואַלטיערי,
בריגאַדע־גענעראַל.

# אַנעקס 2.

www.libtool.com.cn

גענעראַל־פּאָרשטייער
העכסטע איטאַליענישע קאָמענדאַנטור
אין ווישי.

ווישי, דעם 29־טן מערץ 1943.

צום אַדמיראַל בורראַג,
דירעקטאָר פון די אַרמיסטיס־אַמטן.

הער אדמיראַל,

אין נאָמען פון דער קאָמענדאַטור פון דער 4־טער ארמיי, האָב איך דעם כבוד אייך צו אינפאָרמירן דאָס פאָלגנדיקע :

די קאָמענדאַטור פון דער 4־טער ארמיי שטייט פאַר דער דרינגענדיקער און אומפאַרמיידלעכער נויטווענדיקייט, אריינצוגיין אין באַזיץ — און דאָס, צוליב זיכערקייטס־טעמים — פון די פּולקאָמע פּרטים איבער אַלע יידן, אויסלענדישע און פראַנצויזישע בירגער, וועלכע וואוינען אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, וואָס איז אָקופּירט דורך די איטאַליענישע טרופּן.

די קאָמענדאַטור פון דער 4־טער ארמיי בעט די פראַנצויזישע מאַכט אויסצובררייטערן די אינסטרוקציעס, וועלכע זענען אויסגעגערעכנט אין דעם בריוו DN/SL 997 N° פון 20־טן ה. ח., ארויסגעגבנדיק צו די פּרעפעקטן פון די דעפּאַרטעמענטן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, תיכפדיקע און גענויע פאַראָרדענונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו באַפרידיקן די בקשות וועגן אויסקונפטן, וועלכע קומען פון דער איטאַליענישער קאָמענדאַטור — און וואָס זענען נוגע די יידן, פראַנצויזישע און אויסלענדישע.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, שטרייך איך אונטער, אַז די נאָטעס 679 און 857, פון 2־טן און 17־טן ה. ח., וועלכע איך האָב צוגעשיקט, אין נאָמען פון דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַטור און וואָס באַשטימען, אַז יעדע פראַגע, וואָס איז שייך דער פּאָליטיק לגבי די יידן אויף די פראַנצויזישע טעריטאָריעס פון אי־

טאַליענישער אָקופּאַציע, ליגט אויסשליסלעך אין דער **קאָמפּעטענץ** פון דער איטאַליענישער מאַכט — טראָגן דעם כאַראַקטער, נישט פון אַ ביטע אָדער פאָרשלאַג, נאָר שטעלן מיט זיך פאַר אַ **באַשטימטע** דערקלערונג פאַר דער פראַנצויזישער רעגירונג.

נעמט אָן, אַדמיראַל, די אויסדרוקן פון מיין העכסטער אכטונג.

אונטערגעשריבן: קאַרלאָ אַוואַרנאַ די גואַלטיערי,
בריגאַדע־גענעראַל.

www.libtool.com.cn

# אַנעקס 3.

www.libtool.com.cn

גענעראַל־פּאַרשטייער
העכסטע איטאַליענישע קאָמענדאַטור
אין ווישי.

ווישי, דעם 27־טן אַפּריל 1943.

גענעראַל פון קאָרפּוס ברידו־אַרמיי,
סעקרעטאַר פון דער מלוכה־פּאַרטיידיקונג.

עקסעלענץ,

פּאַרופנדיק זיך אויפן בריוו DN/SL 1079 N° פון פּאַרגאַנגע־נעם 27־טן מערץ, און אין רעזולטאַט פון די נאָטעס 670 און 857, דאַטירט פון 2־טן און 17־טן לעצטן מערץ, אין נאָמען פון דער אי־טאַליענישער קאָמענדאַטור, האָב איך דעם כבוד אייך מודיע צו זיין דאָס פאָלגנדיקע:

1) צוליב מיליטערישע זיכערקייטס־טעמים, דאַרפן די אָקופּאַ־ציע־אויטאָריטעטן רעזערווירן פולשטענדיק פאַר זיך, די מאַסמיט־לען לגבי די יידן, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט.

2) בעת די פראַנצויזישע אויטאָריטעטן פירן אַדורך יידן־אַרעסטן, דאַרפן די איטאַליענישע אָקופּאַציע־אויטאָריטעטן זיין אינ־פאָרמירט וועגן די מאָטיוון, וואָס האָבן גורם געווען די אַרעסטן, כדי צו באַשטימען, צי דאָס פאַרברעך הענגט אָפּ פון ציווילן שטראָף־קאָדעקס. אין פאַל ווען — אין הסכם מיט ד יהערשנדיקע גע־זעצן פון ציווילן שטראָף־קאָדעקס — געהערט די קאָמפּעטענץ פון דער געזעצגעבונג צו אַ יורידישער אויטאָריטעט, וועלכע איז טעטיק מחוץ פון אונזער אָקופּאַציע־זאָנע, וועט דאָס אַריבערפירן פון דעם באַשולדיקטן קענען פאָרקומען בלויז נאָכדעם, ווי די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן וועלן צוטיילן די אַנטשפּרעכנדיקע דער־לויבעניש צו יעדן באַזונדערן פאַל און בלויז, כדי צו דערמעגלעכן דעם אורטייל און דאָס אויספירן פון דער שטראָף אין פראַנקרייך גופא.

3) די העכסטע מיליטערישע קאָמענדאַטור באַטאָנט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג דאַרף אַנולירן די אַרעסטן און אינטערני־רונגען פון די יידן, וועלכע האָבן זייער וואוינאָרט אין דער דורך־אונדז אָקופּירטער זאָנע.

נעמט אָן, עקסעלענץ, די אויסדרוקן פון מיין העכער אַכטונג.

אונטערגעשריבן: קאַרלאָ אַוואַרנאַ די גוואַלטיערי,
בריגאַדע־גענעראַל.

# דאָקומענט 19. (1)

www.libtool.com.cn

**דר. קאַרלטהעאָ צייטשעל.**

פאַריז, דעם 24־טן מאַי, 1943.

פּאַרטײלעך!

**צום קאָמענדאַנט פון דער
זיכערהייטספּאָליציי און דער ס. ד.
אין דעם סעקטאָר
פון מיליטערבעפעלסהאַבער אין פראַנקרייך.**

ענין: דאָס אנטלויפן פון די יידן צו דער דרום־זאָנע אין פראַנקרייך, וואָס איז אָקופירט דורך די איטאַליענער.

דורך דער צייט פון מיין אַקטיוויטעט אין טוניס, אַ דאַנק דער פרייגטלעכקייט פון אָבערשטורמבאַנפירער ראַוף, זענען די ראַפּאָרטן פון פּאָליציי־שעף און פון דער ס. ד., מיר רעגולער איבערגעגעבן געוואָרן. אַזוי אַרום איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז דאָ אין פראַנקרייך, דאָס וואָס פאַרשאַפט צום מייסטן זאָרגן אין דער יידן־פראַגע, איז דאָס מאַסנווייזע אַנטלויפן פון די איינפלוסרייכע יידן צו דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, וואו זיי געפינען זיך אין פולשטענדיקער זיכערקייט. האַבנדיק באַמערקט אין די לעצטע וואָכן, אַז די דייטשע צייטונגען, און הויפּטזאַכלעך דער פ. ב. („פעלקישער באַאָבאַכטער") ווידמען זיך אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָב איך — במשך פון מיין אויפנטהאַלט אין רוים — אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי אַדורכצושמועסן זיך וועגן דעם פּראָבלעם, מיט אַלע אַנטשפּרעכנדיקע אַמטן. אָט זענען די פעסטשטעלונגען, וועלכע עס איז מיר געלונגען צו מאַכן:

1) די דייטשע אַמבאַסאַדע אין רוים, האָט — זינט יאָרן — דעם שטרענגסטן באַפעל פון בערלין, גאָרנישט אונטערצונעמען, וואָס קען שטערן, אויף וועלכן ניט איז אופן — די פריינטלעכע באַציאונגען צווישן איטאַליע און דייטשלאַנד. עס קען בכלל נישט קומען אין באַטראַכט, ווי עס ווייזט אויס, אַז די דייטשע אַמבאַסאַדע אין רוים זאָל באַרירן אַזאַ ברענענדיקע פּראַגע, ווי עס איז די יידישע פּראַגע אין איטאַליע. אויף די פּאָזיטיווע פראַגן, וועלכע

(1) זען די פאַקסימיליע ז"ז 193—194.

זענען געשטעלט געוואָרן צו די פּאָליטישע אָנפירער פון דער אמבאַ־סאַדע — האָט מען באַקומען די זעלבע תשובות.

2) די איטאַליענישע רעגירונג אונטערנעמט אויך נישט מיט דער יידן־פראַגע, ווייל קוים וואָס עס עקזיסטירט אין איטאַליע א יידן־פּראָבלעם, אלס אַזעלכער. פון דער דאָזיקער זייט, איז נישט צו דערוואַרטן קיין שום אונטערשטיצונג.

3) די איטאַליענישע אַרמיי. לויט אַן אינפאָרמאַציע מצד דעם אָבערשטורמבאַנפירער, דר. דאָלמאַן, געפינען זיך נאָך אין איטאַ־ליענישן אָקופּירן־קאָרפּוס, יידן און צאָלרייכע האלבע יידן, אַזוי אַז — לויט מיין מיינונג — קען מען נישט רעכענען, אַז די אַרמיי זאָל אונטערנעמען וועלכע נישט איז אַקציע קעגן די יידן.

4) די פאַשיסטישע פּאַרטיי איז, אין די לעצטע טעג, ווידער רעאָרגאַניזירט געוואָרן, אָבער מען קען נאָך נישט בולט פּאָראויס־זען, ווי אַזוי וועט אויסזען די באַציאונג פון דעם נייעם פּאַרטיי־סע־קרעטאַר און פון די פונקציאָנאַרן, וועלכע ער האָט באַשטימט. מען ווייסט, אַז ביז־איצט איז די פאַשיסטישע פּאַרטיי נישט געווען זייער אַקטיוו, אָבער מען גלויבט, אַז אַלס באַווייז פון איר אַקטיוויטעט, וועט זי זיך עווענטועל, פאַרנעמען מיט דער יידן־פראַגע — וואָס וואָלט, אגב, מעגלעך געווען, בלויז אויפן דרינגנדיקן און נענויען באַפעל מצד דעם דוטשע פּערזענלעך.

5) די געשפּרעכן מיט דעם אָבערשטורמבאַנפירער, דר. דאָל־מאַן און מיט זיין פאָרשטייער, דעם קאַפּיטאַן ווענער, באַווייזן אַז די ס. ד. גופא, קען קוים זיך באַשעפטיקן מיט דעם דאָזיקן פּראָב־לעם אין איטאַליע, ווייל זי קען זיך קוים דערשלאָגן צום דוטשע פּערזענלעך, און די אונטערגעאָרדנטע אַמטן ווייזן נישט אַרויס אַזא ספּעציעלן אינטערעס בנוגע דער יידן־פראַגע, אַזוי אַז מען זאָל קע־נען האָפן, אַז זיי זאָלן זיך דערפאָלגרייך דערמיט פאַרנעמען. אין רעזולטאַט, האָט דער דר. דאָלמאַן מיר פּערזענלעך געעצהט, צוצו־שטעלן א דרינגנדיקע עקספּאָזע צום שעף פון דער זיכערהייטספּאָלי־ציי און פון דער ס. ד. אין פּאַריז, דעם שטאַנדאַרטענפירער דר. קנאָכען, בעטנדיק אים, אַז ער זאָל צושיקן — גלייך, אויב מעגלעך — א קלאָרן און זייער דרינגנדיקן ראַפּאָרט צום רייכספירער ס. ס., וועמענס באַזוך מען דערוואַרט אומגעפער אין דריי וואָכן אַרום, אין רוים.

דער דר. דאָלמאַן האָפט, אַז א דאַנק דער פערזענלעכער עקס־פּאָזע מצד דעם רייכספירער צום דוטשע, וועט די דאָזיקע פראַגע קענען נאָכאַמאָל באַטראַכט ווערן מיט דערפאָלג.

אונטערגעשריבן: ציטשעל.



www.libtool.com.cn

## דאָקומענט 20. (1)

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע

מאַרסעיל — NR 3978 26-5-43 2330 GR

צום B.d.S. — IV B — פּאַריז,
צו דער אויפמערקזאַמקייט פון אָבערשטורמפירער רעטהקע.

גלייך איבערצוגעבן.

ענין: פּאָליציייאישע מאָסמיטלען קעגן די יידן אין דער פראַנצויזישער זאָנע פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע.

רעפערענץ: אייער טעלעגראַמע פון 12.5.43 N° 28.058/IV B

לויט ווי עס איז אונז באַקאַנט, האָט דאָס איטאַליענישע אינערן־מיניסטעריום געשאַפן אַ קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן אין ניצע, ווילדאַ סוראַגי אין סימיע — אונטער דער אָנפירונג פון איטאַליענער לאָ ספּינאָסאַ, וועלכער האָט דעם ראַנג פון גענעראַל. צו זיין אומיטלבאַרן גענעראַל־שטאַב געהערן — דער לייטענאַנט־קאָלאָנעל באַדאָ און דער קאַפּיטאַן סאַלווי. זיין וויכטיקסטער מיטאַרבעטער זאָל זיין דער האַלבער ייד דאָנאַטי, וועלכער וואוינט אין ניצע, 37, פּראָמענאַד דעז אַנגלעי. די איטאַליענער האָבן בדעה אַפּצורייניקן פון די יידן, דעם גאַנצן ים־ברעג, אויף אַ שטח פון 50 קילאָמעטער די טיף און דאָס — אין לויף פון דריי מאָנאַטן. די דאָזיקע מאָסמיטלען זענען פּאַרזיכערט, אויסשליסלעך, מצד די איטאַליענער. די יידן זענען אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן זייערע וואוינערטער מיט קאָמיאָנען, גרופּנווייז און ביז טיפער אין לאַנד. ביז היינט צו טאָג, זענען 2.000 יידן, מייסטנטיילס אָרעמע — עוואַקואירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, פון ניצע און איר אומגעגנט, ביז סאַן מאַרטען־וועזיבי, ווענס, לע מוסטיע, מעזשעוו, סאַן־זשערוועי און קאָמבלו. עס פאָלגן אַנדערע ראַפּאָרטן.

קאָמאַנדאָ פון ס. פּ. און ס. ד. — מאַרסעיל IV B

דער קאָמענדאַנט: לויט אויפטראָג,

אונטערגעשריבן: **מאָריטץ,**

ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

---

(1) זען פאַקסימיליע ז״ז 195—196.

**צוגעשריבענע נאָטע פון רעטהקע:**

1) פּאָרצושטעלן צום שטאַנדאַרטענפירער דר. קנאָכען, מיט דער ביטע איבערצולייענען.

www.libtool.com.cn

צי דאַרף מען איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער טעלעגראַמע, קיין בערלין? דאַנאַטי איז אפילו אפשר א 100־פּראָצענ־טיקער ייד; בעת דעם וועלט־קריג איז ער געווען פאַרבינדונגס־אָפיציר צווישן די איטאַליענישע און פראַנצויזישע אַרמייען; שפּעטער איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון דער פראַנצויזיש־איטאַליענישער באַנק אין פּאַריז, ער איז אין די בעסטע באַציאונגען מיט די איטאַליעני־שע אָפיצירן; שוין פון א לענגערער צייט, איז ער זייער גענוי באַ־קאַנט מיט אַלע איטאַליענישע מאָסמיטלען בנוגע די יידן.

עס איז באמת מערקווירדיק, אז די איטאַליענישע אַמבאַסאַדע זאָל כלומרשט גאָרנישט וויסן וועגן דער אַקטיווויטעט פון לאָ ספּי־נאָסאָ.

2) צוריקצושיקן צום BdS — IV B.

**צוגעשריבענע נאָטע פון קנאָכען:**

יאָ, אָבער פריער מוז גודעקונסט (אן אומלעזבאַר וואָרט) אָנ־פרעגן, צי ל. וועט קומען אהער.

# דאָקומענט 21.

www.libtool.com.cn

## אַלגעמיינע באַטראַכטונגען איבער דער יידן־פּראַגע אין דרום־פראַנקרייך.

צוגעשריבענע נאָטע צום דאָזיקן דאָקומענט:

איבערצוגעבן צום שטאַנדאַרטענפירער ד"ר קנאָכען, צוליב אינפאָרמאַציע.

(דער ראַפּאָרט שטאַמט פון דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון דער אַנטי־יידישער פּאָליציי).

אונטערגעשריבן: **רעטהקע.**

ים־ברעג זאָנע, וואָס נעמט אַרום די דעפּאַרטעמענטן פון בוש־די־ראָן, וואר און אַלפּ־מאַריטים.

פאַר דעם צוטרעטן צו די פּרטים אין אָט דער פראַגע, דאַרף מען אונטערשיידן צוויי טעריטאָריעס אין דער דאָזיקער זאָנע:

1) בוש־די־ראָן, אָפּעראַציע־זאָנע פון דער דייטשער אַרמיי;

2) וואר און אַלפּ־מאַריטים, אָפּעראַציע־זאָנע פון דער איטאַ־ליענישער אַרמיי.

1) ערשטע טעריטאָריע. אין דעם דעפּאַרטעמענט פון בוש־די־ראָן, איז נישט קיין ספּעציעלעס צו פאַרצייכענען.

מען ווייסט, אין די הויפּט־שטריכן, די אָנגענומענע מאָסמיט־לען; אַ חוץ עטלעכע אויסנאַמען (וועלכע באַציען זיך הויפּטזאַכ־לעך, צו באַזונדערע פאַלן), ווערן די דירעקטיוון פון דער סעקציע IV B, 82, אַוועני פאָש, גענוי אויסגעפירט. עס איז נאָר דאָ איין באַמערקונג צו פאָרמולירן: זי איז נוגע דער זייער הויכער צאָל פון פאַלשע ציוויל־שטאַנד־פּאַפּירן, געשטיצט אויף אידענטיטעטס־קאַרטן, וועלכע ווערן בגנבה פאַבריצירט, אָפטמאָל ביי דער מיטהילף פון אָפיציעלע אַמטן.

קענען אַזאַ מין צושטאַנד, איז די דייטשע פּאָליציי נישט־גענו־גנדיק אין דער צאָל לגבי דער פּאַסיוויטעט מצד דער פראַנצויזישער פּאָליציי, שוין נישט רעדנדיק וועגן איר מיטבאַטייליקונג.

די צווייטע באַמערקונג איז נוגע די דייטשע פּאָליציי, וועלכע וואָלט זיך באַדאַרפט אויסהיטן אָדער לכל הפחות זיך באַציען מיט

אומצוטרוי צו געוויסע פראַנצויזישע אַגענטן, איבערגעקויפטע אָדער פרייוויליקע מיטהעלפער. די דייטשע פּאָליציי דאַרף זיין אויסערגעוויינטלעך פּאָרזיכטיק, ווייל די טעטיקייט פון די דאָזיקע אַגענטן דינט זיי אויף צו שטילן פּערזענלעכע שנאהס. אָפּטמאָל באַמיען זיי זיך צו געווינען אונזער צוטרוי, כדי שפּעטער — און דאָס איז שוין דאָס מינדעסטע וואָס מען קען זאָגן — קעגנצוווירקן אונזער אַרבעט.

www.libtool.com.cn

אויף אַט דעם געביט, דאַרף מען זיך היטן, גאָר באַזונדער, פאַר פרויען, וועלכע דרייען זיך אַרום, אָדער פּרובירן דאָס צו טאָן — אַרום געוויסע ביוראָס, פאַרשטעלנדיק ספּעציעל דרינגנדיקע ביטעס.

2) צווייטע טעריטאָריע: וואַר און די מאַריטימער אַלפּן.

די איטאַליענישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט בדעה צו רעגולירן די יידן־פראַגע אין דער דאָזיקער טעריטאָריע, אויף אַ ספּעציעלן אופן, און לויט ווי זי אַליין דריקט זיך אויס, „אויף אַ לאַטייניש אופן", וואָס איז אין קעגנזאַץ צו דעם „גערמאַניש אופן", וועלכער איז איינגעפירט אין אַנדערע פראַנצויזישע געביטן.

עס איז פאַראַן אין ניצע, „ווילאַ סיראַני", אין סימיע — אַן איטאַליענישער אַמט, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט רעגולירן די יידן־פראַגע אין דער גאַנצער אָקופּירטער זאָנע. דער דירעקטאָר איז אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער זיכערהייטספּאָליציי (מיטן ראַנג פון גענעראַל) לאָ ספּינאָסאָ; ער האָט צוגענומען אַלס דירעקטע מיטאַרבעטער דעם לייטענאַנט־קאָלאָנעל פון די קאַראַביניערן, באַראָ, און דעם קאַפּיטאַן פון די קאַראַביניערן, סאַלווי.

ה' ספּינאָסאָ האָט זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטאַרבעטער (פּרייוויליק, לויט די באַקומענע אינפאָרמאַציעס) דעם ה' דאָנאַטי, וועלכער וואוינט 37 ביס, פּראָמענאַד דעז אַנגלעי, אין ניצע. דאָנאַטי איז אַ ייד פון איטאַליענישער נאַציאָנאַליטעט. אַ דאַנק זיינע טיטולן (ער איז קאָמאַנדיר פון ערן־לעגיאָן, העכער אָפיציר פון דער איטאַליענישער קרוין, געוועזענער פאַרבינדונגס־אָפיציר פון דער איטאַליענישער אַרמיי אין פראַנקרייך בעתן קריג 1914—1918, אוויאַציע־קאַפּיטאַן א. א. וו. נאָכן קריג איז ער געווען אַדמיניסטראַטאָר פון צאָלרייכע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך, פון וועלכע אַ גרויסע צאָל האָט רעפּרעזענטירט די איטאַליענישע אינטערעסן און א. וו.), איז ער אויסנאַמסווייז באַפרייט פון די אַנטי־יידישע מאָסמיטלען. פּראַקטיש איז עס ער, דאָנאַטי, וואָס איז באַאויפטראַגט זיך צו פאַרנעמען מיטן אָנווענדן דעם פּראָגראַם פון דעם דאָזיקן אָרגאַניזם, פון וועלכן ער זעט אויס צו זיין — לכל־הפּחות, אין אַ גרויסער מאָס — דער אינספּיראַטאָר.

א דאַנק דעם, האָט דאַנאַטי א דירעקטן טאָג־טעגלעכן קאָנ־טאַקט מיט לאַ ספּינאַסאָ, ווי אויך טעלעפאָנישע געשפּרעכן מיט די אויבנדערמאָנטע מיטאַרבעטער פון לאַ ספּינאַסאָ, געשפּרעכן, בעת וועלכע דאַנאַטי גיט זיי דירעקטיוון. פון זייער זייט, גיבן אים די מיטאַרבעטער אָפּ א חשבון פון די אָנגענומענע מאָסמיטלען און פון די שוועריקייטן, אין וועלכע זיי שטויסן זיך אָן.

www.libtool.com.cn

איך בין געווען אַן עדות פון א געוויסער צאָל אַזעלכע טעלע־פאָנישע געשפּרעכן.

דער פּרינציפּ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מצד די איטאַליע־נער, איז דער פאָלגנדיקער:

עוואַקואַציע פון אַלע אויסלענדישע און פראַנצויזישע יידן, לויטן פאָלגנדיקן סדר:

1) די נויטבאַדערפטיקע ווערן אָפּגעפירט, אויף די קאָסטן פון דער איטאַליענישער מאַכט, אָדער פון דער יידישער געמיינדע, אין געוויסע ערטער, וואו עס זענען אָפּגעדונגען אָדער רעקוויזירט גע־וואָרן פרייע האָטעלן, ווי: אין סאַן־מאַרטען דע וועזיבי, וועגס, לע מוסטיע, מעזשעוו, קאָמבלו און סאַן זשערוועי.

ביז דעם 35־טן מאַי איינשליסלעך, האָבן 2.200 יידן, ביי אַזעלכע באַדינגונגען, פאַרלאָזן דעם ים־פּאַס; 400 דאַרפן נאָכפאָלגן במשך פון דער וואָך.

דער אָפּפאָר קומט פאָר אין אויטאָקאַרן פון ניצע אָדער קאַן, כדי צו פאַרשפּאָרן פאַר די יידן דעם טראַנזיט איבער דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע.

די יידן, וועלכע ווערן אויף אַזאַ אופן עוואַקואירט, געפינען זיך — אין רעזולטאַט — אין א געצוואונגענער רעזידענץ: זיי זע־נען אונטערגעוואָרפן אונטער אַן אויפזיכט, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז יעדער פאַמיליע־שעף דאַרף זיך אָבליגאַטאָריש און רעגולער פאָר־שטעלן פאַר דער איטאַליענישער מאַכט, אינעם אָרט פון דער באַ־שטימטער רעזידענץ.

די צוזאַמענקונפטן קומען פאָר אין סאַן־מאַרטען־וועזיבי א. א. וו.;

2) די יידן, וועלכע פאַרמאָגן עקזיסטענץ־מיטלען און וועלכע מען האָט אָנגעצייכנט א רעזידענץ אין א געוויסער געגנט, איבער־לאָזנדיק זיי דעם אויסוואַל פונעם אָרט;

3) אַלע אויסלענדער אַריער וועלן אינגיכן מיטמאַכן דעם זעלבן גורל, וואָס איז פאָראויסגעזען און רעגולירט פאַר די יידן (זען נומ. 1 און 2).

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די פראַנצויזישע מאַכט — אין קעגנטייל — איז פאַקטיש אַנטוואָפנט אין באַצוג צו די יידן.

וועלכע געפינען זיך אונטער דער שוץ פון דער איטאַליענישער אַר־מיי. אַזוי אויך האָבן די איטאַליענישע אויטאָריטעטן אַרויסגעגעבן דעם באַפעל צו דער פראַנצויזישער מאַכט נישט צו באַאומרואיקן קיין שום ייד, אפילו אויב ער איז נישט אין אָרדענונג לגבי די פראַנצויזישע געזעצן אין שייכות מיט זייער רעזידענץ, אָדער אויב ער איז אין באַזיץ פון פאַלשע פאַפירן.

www.libtool.com.cn

עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע סיטואַציע האָט צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל יידן, פון דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע — אין דער איטאַליענישער זאָנע.

אַ פאַרטעטרישע פּראָפּאַגאַנדע ציט אַרויס אַ גינסטיקן נוצן פון אָט די חלוקי־דעות צווישן די קאָנצעפּציעס פון די דייטשע און איטאַליענישע אויטאָריטעטן וועגן דער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע.

איר טעמע איז די פאָלגנדיקע: אויפן ערשטן פּלאַן — די „ווירדע” פון די אָנגעווענדעטע מאָסמיטלען; אויפן צווייטן פּלאַן — זייער קריסטלעכע און קאַטוילישע קאָנצעפּציע, לויט ווי זי איז אינספּירירט דורכן וואַטיקאַן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען די פאָלגנדיקע ווער־סיע, וועלכע איך האָב געהערט מערערע מאָל:

דער אינספּיראַטאָר פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע זאָל זיין דער גראַף טשיאַנאָ, וועלכער איז איצטער אַמבאַסאַדאָר ביים וואַטיקאַן און וועלכער האָפט — אַ דאַנק אָט דער שטעלונג — צו געווינען די סימפּאַטיע, פון וועלכער איטאַליע דאַרף אַרויסציען אַ גרויסן פּראָ־פיט, הויפּטזאַכלעך, אין פאַל פון אַן אָפּשוואַכונג פון איר זייט, און געוויסע איטאַליענישע קרייזן רעכענען גאַנץ אָפן אויס דערויף. די טאָסקאַנישע אָפּשטאַמונג פון טשיאַנאָ, וואָס איז אייגנטלעך לי־וואורן — זעט אויס צו פאַרשטאַרקן די דאָזיקע היפּאָטעזע, ווייל טאָסקאַניע, ליוואורן און איר פּאָרט — זענען די יידישע ציטאַדעל פונעם איטאַליענישן האַלבאינזל.

מען קען דעריבער קומען צום אויספיר, אַז פאַקטיש איז די לייזונג פון דער יידן־פּראַגע אין דער איטאַליענישער זאָנע, געזוי־כערט דורך די דירעקטיוון פון אַ ייד, מיט אַלע קאָנסעקווענצן, וועל־כע דרינגען דערפון אַרויס.

עס ווייזט זיך מיר אויס נויטיק אָנצואווייזן, אַז די יידישע געפאַר אויפן קאָנט דיאַזיר איז זייער גרויס (1), „אַז די יידן זענען די אינספּיראַטאָרן פון אַלע דעסטרוקטיווע כוחות און אַז זיי האַלטן אין זייערע הענט צאָלרייכע קאָמאַנדע־רודערס.

(1) אונטערגעשטראָכן אינם טעקסט.

# דאָקומענט 22.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

דער העכסטער שעף
פון דער ס. ס. און דער פּאָליציי.

פּאַריז, דעם 23־טן יוני 1943.

1) צום שעף פון דער זיכערהייטספּאָליציי און דער ס. ד., ס. ס.־אָבערגרופּענפירער דר. קאַלטענברונער.

2) צום ביוראָ IV,

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־גרופּענפירער מילער.

ענין: לאָ ספּינאָסאָ, גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער איטאַליענישער פּאָליציי.

דעם 22־טן יוני, בעת א געשפּרעך, האָט מיר בוסקע, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, אינפאָרמירט, אַז דער גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, לאָ ספּינאָסאָ (וועגן וועמען עס איז שוין פילמאָל געמאָלדן געוואָרן, אַז ער קומט, און ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַוויזן — כדי אונטערצוהאַנדלען מיט די אָפּטיילונגען פון העכסטן שעף פון דער ס. ס. און פון דער פּאָליציי, און פון דעם קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטספּאָליציי) האָט באַגעגנט בוסקען אין ווישי. לאָ ספּינאָסאָ פאַרנעמט זיך פּאַרלויפיק, מיט אָנעמען מאָסמיטלען קעגן די יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, וואָס וואוינען אין דער איטאַליענישער אָפּעראַציע־זאָנע פון דער מיליטערישער געגנט אין דרום־פראַנקרייך. ער האָט געמאָלדן בוסקען, אַז ער האָט בדעה צו אינטערנירן אומגעפער 7.000 יידן אין מעזשעוו. לויט די דערקלערונגען פון לאָ ספּינאָסאָ, וועלן די דאָזיקע מאָסמיטלען אדורכגעפירט ווערן נאָר מצד דער איטאַליענישער אַרמיי, אָן דער מיטהילף פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי.

בוסקע האָט אינפאָרמירט דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּי־

נאָסאָ, אַז עס ליגט גראָד אין זיין קאָמפּעטענץ צו באַשטימען די אָנווענדונג פון די פאָראויסגעזעענע מאָסמיטלען, אָבער — אַזוי ווי ער האָט עס שוין געהאַט געמאָלדן דעם גענעראַל ד׳אַוואַרנאַ אין ווישי — איז ער נישט איינשטימיק מיט דער קאָנצענטרירונג פון די יידן אין מעזשעוו און ער האַלט, אַ חוץ דעם, אַז די אָנווענדונג פון די מאָסמיטלען קעגן די יידן דאַרף גיכער אַדורכגעפירט ווערן דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי.

לאָ ספּינאָסאָ האָט דערקלערט בוסקען, אַז ער האַלט ביי פאָרן קיין רוים, כדי קלאָר צו מאַכן די דאָזיקע פראַגע, און הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל בוסקע האָט אים — אויף זיין ווענדונג — אינפאָר־מירט, אַז די מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער דייטשער פּאָליציי (אויב אפילו — וואָס עס איז אגב גאַנץ נאַטירלעך — עס זאָלן פון צייט צו צייט אַנטשטיין געוויסע שוועריקייטן) קומט פאָר אָן קאָנפליקטן.

איך דערלויב מיר וועגן דעם אייך באַקאַנט צו מאַכן. עס ווייזט זיך מיר אויס פאַר ווינטשנסווערט, אַז מיר זאָלן אויסדריקן דער איטאַליענישער רעגירונג אונזער פאַרוואונדערונג, צו זען דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר לאָ ספּינאָסאָ, אויסמיידנדיק אַ געשפּרעך מיטן העכסטן שעף פון די ס. ס. און פון דער פּאָליציי און מיטן קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטספּאָליציי, אָבער אָנקניפּנדיק גלייכ־צייטיק, אַ קאָנטאַקט מיטן שעף פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, וועגן דער אָנווענדונג פון די אַנטי־יידישע מאָסמיטלען.

אין אַזאַ קאָמפּליצירטער פראַגע, וואו מען וואָלט זיך באַדאַרפט אַנטקעגנשטעלן דער פראַנצויזישער רעגירונג מיט אַן אַבסאָלוט אײ־דענטישער קאָנצעפּציע — האַלט איך, אַז די האַנדלונג פון די אי־טאַליענער איז אויסערגעוויינטלעך ערנסט און זי שטעלט אין סכנה די אָנווענדונג פון די נייע מאָסמיטלען קעגן די יידן.

דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ספּעציעלער קאָמאַנדאָ פון דער זיכערהייטספּאָליציי און פון דער ס. ד. אין ווישי — וועל איך נאָכאַמאָל פּרובירן זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט לאָ ספּי־נאָסאָ.

לויט אויפטראַג,

אונטערגעשריבן: **דר. קנאָכען,**

ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

# דאָקומענט 23.

www.libtool.com.cn

דער העכסטער שעף
פון דער ס. ס. און פון דער פּאָליציי.
אין דעם סעקטאָר
פון מיליטערבעפעלסהאַבער אין פראַנקרייך.

פּאַריז, דעם 29־טן יוני 1943.

אויסצוג פונעם פּראָטאָקאָל וועגן דעם געשפּרעך מיט בוסקע, סעקרעטאר אין דער פּאָליציי, דעם 23־טן יוני 1943.

דערמאָנענדיק דעם געשפּרעך, וועלכן ער האָט געהאַט מיט א טאָג פריער, מיט דעם ס. ס.־שטורמבאַנפירער האַגען, האָט בוסקע נאָכאַמאָל געשילדערט דעם וויזיט, וועלכן לאָ ספּינאָסאָ, דער גענע־ראַל־אינספּעקטאָר פון דער איטאַליענישער פּאָליציי, האָט אים אָפּ־געשטאַט, אין שייכות מיט דער יידן־פראַגע. אין קעגנזאַץ צו די ידי־עות פון א טאָג פריער, האָט ער שוין מער נישט גערעדט, ווי פון 6.000 יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט, וועלכע לאָ ספּינאָסאָ האָט — מיט דער הילף פון דער איטאַליענישער ארמיי — געזאָלט ארעסטירן און אינטערנירן אין מעזשעוו, אָדער גאָר — לויטן פּאָר־שלאָג פון בוסקע — אין געוויסע אנדערע דעפּאַרטעמענטן. צו דער זעלבער צייט, האָט ל. געפרעגט בוסקען, וואָס אזעלכעס וועלן די פראַנצויזן טאָן מיט די פראַנצויזישע יידן אויפן קאָט ד'אזיר. בוס־קע באַהויפּט צו האָבן דערקלערט, אז נעמענדיק אין אכט, אז די מאָסמיטלען לגבי די יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט ווערן אדורכגעפירט אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, אין הסכם מיט דער פראַנצויזישער געזעצגעבונג, וועט ער נישט האָבן קיין שום שוועריקייטן זיי צו ארעסטירן און אינטערנירן, אָדער גאָר זיי צו באַשטימען א געצוואונגענע רעזידענץ אין די אָנגעגעבענע דע־פּאַרטעמענטן. לאָ ספּינאָסאָ זאָל דאַן האָבן דערקלערט, אז די דייטשן זענען זייער הארט אין באַצוג צו דער אָנווענדונג פון די אַנטי־יידי־שע מאָסמיטלען, און די פראַנצויזן זענען הארטער פון די איטאַ־ליענער, אינדערצייט וואָס איטאַליע וויל א מענטשלעכע לייזונג צום יידישן פּראָבלעם. בוסקע האָט אים דאַן מודיע געווען, אז ער האָלט

פאַר צוועקמעסיק, אַז די מאַסמיטלען לגבי די יידן פון אויסלענדישער בירגערשאַפט זאָלן אַדורכגעפירט ווערן דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי און נישט דורך דער איטאַליענישער אַרמיי. אויף וואָס לאָ ספּינאָסאָ זאָל אים האָבן געזאָגט, אַז ער וועט זיך ווענדן נאָך אינסטרוקציעס קיין רוים.

ביי דער געלעגנהייט, איז באַרירט געוואָרן די פראַגע וועגן דער אָנווענדונג פונעם נייעם אַנטי־יידישן געזעץ, וועמענס פאַרעפנטלעכונג — לויט ווי בוסקע האָט אונז אינפאָרמירט — איז פאַרשפּעטיקט געוואָרן, אין הסכם מיט אונזערע אינסטרוקציעס. בוסקע און לעגעי האַלטן, אַז מען וואָלט באַדאַרפט רופן די יידן, ביי וועלכע עס איז אָפּגענומען געוואָרן די פראַנצויזישע בירגערשאַפט — אַלס אויסלענדער, אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן פון זייערע קוואַרטאַלן, בכדי צו רעגולאַריזירן זייערע אידענטיטעטס־קאַרטן. אַ חוץ דעם, דאַרף געשאַפן ווערן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל — אין פאַרלויף פון דריי חדשים — קלאָר מאַכן אַלע פראַגן, וואָס דרינגען אַרויס פונעם געזעץ. בוסקע האָט באַקומען אַן ענטפער, הגם מען האָט אים נאָך ביז דאַן נישט געמאַכט קיין באַשטימטן פאָרשלאַג וועגן דעם אופן, ווי אַזוי מען האָט בדעה אָנצווענדן די פאַראויסגעזעענע מאָסמיטלען, אויפן סמך פון אַנטי־יידישן געזעץ — אַז זיין פאָרשלאַג ברענגט אַ גוטע לייזונג אין טעאָרעטישן זין, אָבער נישט פּראַקטיש, צוליב דעם וואָס די יידן וועלן אפילו נישט האָבן אין זין זיך צו מעלדן און אַז אַ חוץ דעם, וועלן אַלע יידן — נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פונעם געזעץ — מאַסנווייז אַנטלויפן, ווי ווייט זיי וועלן קענען, אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע.

בכדי צו שטערן דעם דאָזיקן אַנטלויפן, וואָלט געווען ווינטשנסווערט צו באַקענען אויך דעם גענעראַל ד'אוואַרנאַ מיט דעם דאָזיקן געזעץ, בכדי די אָנווענדונג זאָל גלייכצייטיק רעאַליזירט ווערן אין ביידע זאָנעס.

אין שייכות מיט דער אָנווענדונג, דאַרף פאָרקומען אַ קאָנפערענץ, ווי נאָר דאָס דאָזיקע געזעץ וועט מיטגעטיילט ווערן די איטאַליענער.

לויט אויפטראַג,
אונטערגעשריבן: **האַגען,**
ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

www.fibtool.com.cn

## דאָקומענט 24. (1)

www.libtool.com.cn

זיכערהייטספּאָליציי — ס. ד. —

קאָמאַנדאָ מאַרסעיל.

מאַרסעיל, דעם 10טן יולי 1943
425, רי פּאַראַדי
טאָג־טעלעפאָן: פ. 39-00-01-02
נאַכט־טעלעפאָן: פ. 31-92

צום B.d.S. — IV B — פּאַריז.

ענין: איטאַליענישע מאַסנאַמען קעגן די יידן.

רעפערענצן: קיינע.

בייגעלייגטע דאָקומענטן: קיינע.

בכדי קלאָר צו מאַכן די באַהאַנדלונג פון דער יידן־פראַגע אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע און כדי צו באַשטעטיקן די מאָסמיטלען, וואָס זענען פאַראויסגעזען דורך די איטאַליענישע און אונזערע אַמטן, האָט געזאָלט פאָרקומען א געשפּרעך דעם 7.7.1943 ביים דר. באַרראַנקאַ, שעף פון דער איטאַליענישער שטאַטספּאָליציי אין ניצע — אין זיין ביוראָ אין ניצע, בולוו. סימיע, ווילאַ דע נאַבילי — מיט די מיטגלידער פון אונזער אָפּטיילונג אין מאַרסעיל. אָבער אינצווישנצייט, האָט דר. באַרראַנקאַ דערקלערט, אַז זינט אומגעפער איין און א האַלבן חודש, איז געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלע יידישע פּאָליציי (פּאָליציאַ ראַציאַלע), אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל־איספּעקטאָר לע ספּינאָזאַ (2), וועמענס ביוראָען געפינען זיך אין ניצע, 32, בולוו. סימיעי — און וואָס איז די איינציקע קאָמפּעטענטע פּאָליציי פאַר די יידישע פראַגן.

(1) זען פאַקסימיליע ז״ז 198—197.

(2) דער לייענער וועט באַמערקן די פאַנטאַסטישע אָרטאָגראַפיע פון דעם דאָזיקן נאָמען, וועלכער רופט זיך אָדער לאָ ספּינאָסאָ, לעספּינאַזא, צי גאָר ספּינאָזאַ. צוליב פּינקטלעכקייטס־טעמים האָבן מיר אין אים נישט אַריינגעפירט קיין שום אויסבעסערונגען.
דאָס זעלבע אין שייכות מיטן נאָמען פון וויצע־קוועסטאָר טאָמאַסאָ לוצערי, וואָס ווערט דאָ אָנגערופן מיט זיין פאָרנאָמען טאָמאַסאָ אין ווייטערדיקן טעקסט. (באַמערקונג פון פאַרלעגער).

הגם עס איז טעלעפאָניש אָפּגעשטימט געוואָרן אַ געשפּרעך מיט ספּינאָזאַ, האָט ער זיך נישט געוויזן; דאָך האָט אים פאַרטרעטן זיין מיטאַרבעטער, קאָם. לוצער טאָממאַסאָ, וויצע־קוועסטאָר ביי דער איטאַליענישער ראַסן־פּאָליציי. טאָממאַסאָ האָט גלייך דערקלערט, אַז ער קען נישט אָנעמען קיין שום באַשלוס בנוגע דער יידן־פראַגע און אַז מען דאַרף אָפּוואַרטן אַ פרישן געשפּרעך מיט ספּינאָזאַ, וואָס וועט קענען פאָרקומען גאָר אינגיכן.

www.libtool.com.cn

דער דאָזיקער אופן פון פירן אונטערהאַנדלונגען האָט אויפסניי געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די איטאַליענישע אויטאָריטעטן זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו שטערן דער אַסימילירונג פון זייערע מאָסמיטלען מיט די מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט מצד די דייטשן. לויט טאָממאַסאָ, האָט די איטאַליענישע ראַסן־פּאָליציי שוין ביז איצט אַדורכגעפירט אַ ציילונג פון 22.000 יידן, וואָס וואוינען אויפן קאָט ד'אזיר. די עוואַקואירונג פון די דאָזיקע יידן, וועלכע געפינען זיך אויף אַ געצוואונגענער רעזידענץ (רעזידענצאַ פאָרצאַטאַ), האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. פונדעסטוועגן, וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג מצד די איטאַליענער צו דער יידן־פראַגע, איז דער אויסוואַל — אַלס געצוואונגענע רעזידענץ־ערטער — פון די באַרימטסטע קור־ערטער, ווי מעזשעוו, סאַן־זשערוועי און קאַסטעללאַן. אויסער דעם, איז פאַר די א. ג. געפערלעכע יידן, ד. ה. פאַר די, וועלכע פירן אַן אַקטיווע פּאָליטיק — געשאַפן געוואָרן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין סאָספּעל.

פון די צאָלרייכע באַריכטן, וועלכע מיר האָבן דאָ דערהאַלטן, דרינגט אַרויס, אויף אַן אומבאַשטרייטבאַרן אופן, אַז די איטאַליענישע אויטאָריטעטן ווייזן כסדר אַרויס אינגאַנצן עפנטלעך, זייער פּראָ־יידישע שטעלונג. אין אַ סך פאַלן. האָבן די יידן, וועלכע זענען, צוליב געוויסע סיבות, אַרעסטירט געוואָרן מצד דער פראַנצויזישער פּאָליציי — געמוזט אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי, אונטערן איטאַליענישן דרוק.

אין דער פיינטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, ווערט דער אונטערשייד פון דער באַציאונג צו דער יידן־פראַגע, זייער אָפט פאַרגעשטעלט ווי דער סימן פון אַ מכלומרשטער דיסהאַרמאָניע, וואָס איז אָדער לעצטנס אַנטשטאַנען, אָדער איז שוין שטאַרק אַוואַנסירט, אינעם אַקס־לאַגער.

איך וועל אייך האַלטן אין קאָנטאַקט וועגן דער אַנטוויקלונג פונעם דאָזיקן ענין.

אונטערגעשריבן: מולער,

ס. ס.־שטורמבאַנפירער און קאָמענדאַנט.

**צוגעשריבענע נאָטע פון רעטהקע:**

1) איבערצוגעבן דעם שטאנדארטענפירער דר. קנאָכען, צוליב אינפאָרמאציע (איך וועל, אזוי ווי פריער, צושטעלן די קאָפּיע צום גרופּענפירער מיללער).

2) צוריקצושיקן צו B.d.S. — IV B

www.libtool.com.cn

**צוגעשריבענע נאָטע פון קנאָכען:**

צום גרופּענפירער אָבערג.

# דאָקומענט 25.

www.libtool.com.cn

IV B – BdS

פּאַריז, דעם 21־טן יולי 1943.

**נאָטע צום אָבערשטורמבאַנפירער, דר. שמידט.**

ענין : איצטיקער צושטאַנד פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך.

**1. — נומעראַלער מצב.**

ביזן 20־טן יולי 1943 איינשליסלעך, זענען דעפּאָרטירט גע־וואָרן 52.000 יידן.

לויט די קעגנווערטיקע אָפּשאַצונגען, איז נאָך פאַראַן אומ־געפער 70.000 יידן אין דער געוועזענער אָקופּירטער זאָנע; אין דער פּריז־אָקופּירטער זאָנע, בערך 200.000 יידן.

הויפּט־צענטערן — פּאַריז : 60.000; איטאַליענישע אָקופּאַ־ציע־זאָנע, הויפּטזאַכלעך, קאָט ד׳אזור : 50.000 לויט די אָפּשאַצונ־גען; ליאָן : 40.000; מאַרסעיל : 30.000; טולוז : 20.000.

במשך פון די לעצטע חדשים, איז דאָס אַנטלויפן פון די יידן צו דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, געשטיגן; דאָס אַנטלויפן אין די שווייץ און קיין שפּאַניע איז קלענער געוואָרן.

די פאָלגנדיקע לענדער האָבן ראַפּאַטרירט זייערע יידישע ביר־גער : די שווייץ, איטאַליע, דענעמאַרק, שוועדן, פינלאַנד.

עס האָבן צוריקגענומען אַ טייל פון זייערע יידישער בירגער : טערקיי און אונגאַרן.

שפּאַניע און פּאָרטוגאַל נעמען איינגיכן צוריק זייערע יידישע בירגער; אויך רומעניע וויל איינגיכן צונעמען קיין טראַנסדניעסט־ריע די יידן פון רומענישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע האָבן אין זייער צייט אויסגעמיטן די אַרעסטן — זינט זי וויל נישט מער קיין דע־פּאָרטאַציע פאַר אירע יידן, האָבנדיק בדעה זיי צו מאַכן אַרבעטן אין מזרח.

אינצווישנצייט, זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון דער געוועזע־נער אָקופּאַציע־זאָנע די יידן פון די פאָלגנדיקע נאַציאָנאַליטעטן :

1). בעלגיער,
2). האָלענדער,
3). נאָרוועגיער,

4). עסטאָניער,
5). לעטטאָנער,

www.libtool.com.cn

6). ליטווינער,
7). לוקסענבורגער,
8). בולגארער,
9). רומענער,
10). גריכן,
11). רוסן (פּליטים רוסישע),
12). געוו. פּאָלאַקן,
13). געוו. דייטשן,
14). געוו. עסטרייכער,
15). געוו. סאארער,
16). געוו. טשעכאָסלאָוואקן,
17). געוו. יוגאָסלאַוון,

ווי אויך שטאַטלאָזע יידן און אומגעפער 6.000 יידן פון פראַנצויזישער נאַציאָנאַליטעט.

פאַר דער אָקופּאַציע מצד די דייטשע טרופּן, האָט די דרום־זאָנע ארויסגעגעבן 12.000 יידן ; זינט דער אָקופּאַציע, זענען 1.000 יידן אַרעסטירט געוואָרן דורך די ספּעציעלע קאָמאַנדאָס.

## 2. — פּלאַן.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט מסכים געווען צום געזעץ־פּראָיעקט, לויט וועלכן עס ווערט אָפּגענומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, ביי אַלע יידן, וואָס זענען נאַטוראַליזירט געוואָרן זינט דעם 10־טן אויגוסט 1927. אין גאַנץ פּראַנקרייך וועט עס אָנרירן אומגעפער 50.000 יידן, וועלכע האָבן, צום גרעסטן טייל, אויסגעוואַנדערט פון מזרח און פון דרום־מזרח אייראָפּע; זינט דער וועלט־מלחמה. געפינענדיק זיך נישט אין דער איטאַליענישער זאָנע, וועלן די יידן גאָר אינגיכן אַרעסטירט ווערן און דאָס, מיט איינמאָל, אַ דאַנק אַ מאַסן־אָפּעראַציע מצד דער זיכערהייטספּאָליציי און דער פראַנצויזישער פּאָליציי.

אויב די דאָזיקע אַקציע וועט געבן בלויז אַ מאָגערן רעזולטאַט, בלייבט מער נישט איבער ווי די פּאָלגנדיקע לייזונג, וועלכע — לויט דער דאָ אָנגענומענער מיינונג — דאַרף ווי צום שנעלסטן אַדורכגעפירט ווערן :

מיטאַמאָליקע אַרעסטן פון אַלע יידן, וועלכע מען וועט קענען אויסגעפינען דורך אַ מאַסן־אָפּעראַציע פון די זיכערהייטספּאָליציי־כוחות (קאָמאַנדאָס און ספּעציעלע קאָמאַנדאָס) מיט דער הילף פון

די דייטשע טרופּן. דער רעזולטאַט וועלכן מען קען און מען דאַרף דערגרייכן, באַשטייט אין דער גענצלעכער דעפּאָרטאַציע אין מזרח, פון אַלע יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אין 1943 אויף אונזער אָקופּאַציע־זאָנע, אָדער זייער רעפּאַטרירונג דורך זייערע לענדער, וועלכע האָבן ביז איצט פאַרשפּעטיקט דאָס צו טאָן.

www.libtool.com.cn

### 3. — איטאַליענישע באַציאונג צו דער יידן־פראַגע.

די האַלטונג פון די איטאַליענער איז, אַזוי ווי פריער, אומבאַגרייפלעך. די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן און די איטאַליענישע פּאָליציי שיצן די יידן מיט אַלע מיטלען, וועלכע געפינען זיך נאָך אין זייער רשות. די איטאַליענישע איינפלוס־זאָנע און, הויפּטזאַכלעך, דער קאָט ד׳אַזיר, איז גאָר אָפן געוואָרן ארץ־ישראל פאַר די יידן אין פראַנקרייך. במשך פון די לעצטע חדשים, איז פאָרגעקומען אַ יידישע מאַסן־עמיגראַציע פון אונזער אָקופּאַציע־זאָנע, אין דער איטאַליענישער זאָנע. דאָס אַנטלויפן פון די יידן ווערט באַגינסטיקט אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון טויזנטער אומוועגן, אַ דאַנק דער מיטהילף פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג און די סימפּאַטיזירנדיקע אויטאָריטעטן, אַ דאַנק די פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן, ווי אויך צוליב דעם שטח, וועלכן מען קען נישט אַרומנעמען מיטן אויג און וואָס מאַכט אומעגלעך דאָס הערמעטישע אָפּשליסן פון די איינפלוס־זאָנעס.

ווען דער איטאַליענישער האַלטונג אין דער יידן־פראַגע, זענען ביז איצט אָפּגעשיקט געוואָרן צום RSHA בערך 20 ראַפּאָרטן. עס באַמערקט זיך נישט ביז איצטער, קיין שום ענדערונג אין דער אויפפירונג פון די איטאַליענער. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם באַשווערט שטאַרק די אויסערלעכע דייטש־איטאַליענישע באַציאונגען, ווייל די פראַנצויזן און דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער פון אַנדערע לענדער, נוצן אויס אויף אַ געשיקטן אופן, דעם אונטערשייד אין דער באַהאַנדלונג פון די יידן מצד דייטשלאַנד און איטאַליע. די איטאַליענער האָבן אַריבערגעפירט אומגעפער 1.000 אָרעמע יידן פון קאָט ד׳אַזיר, אין די קור־ערטער פון די דעפּאַרטעמענטן איזער און סאַוואָא. די יידן לעבט זיך דאָרטן אַזוי גוט, אַז זיי זענען נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום באַגרענעצונגען. אין קעגנטייל, מען האָט זיי באַזעצט אין די בעסטע האָטעלן.

איך בעט אייך צו מאַכן אַ ראַפּאָרט, צו דעם קומענדיקן באַזוך פונעם שעף פון דער זיכערהייט און פון דער ס. ד., ווען דער האַלטונג פון די איטאַליענער.

אונטערגעשריבן : **רעטהקע.**

# דאָקומענט 26.

www.libtool.com.cn

שטעמפּל:

אריינגעקומען דעם 2־טן אויגוסט 1943.

דאָ בייגעלייגט דער אָריגינאַל פון א באַריכט מצד דעם דירעק־טאָר פון דער אָנקעטע־ און קאָנטראָל־סעקציע פון קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן פאַר דער דרום־זאָנע, אין רעזולטאַט פון א געשפּרעך, וועלכן ער האָט געהאַט דעם 21־טן יולי 1943, מיט ה׳ לאָ ספּינאַסאָ אין ניצע.

ה׳ לאָ ספּינאַסאָ איז דער איטאַליענישער פאָרשטייער פאַר יידישע פראַגן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע.

**צוגעשריבענע נאָטע פון רעטהקע:**

אָריגינאַל צום IV B BdS.

צו קלאַסירן צווישן די דאָקומענטן: „האַלטונג פון די אי־טאַליענער אין דער יידן־פראַגע".

# אַנעקס (צוגאַב)

www.libtool.com.cn

שטרענג געהיים!

ענין: געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 21־טן יולי 1943, צווישן ה' לאָ ספּינאָסאָ און דעם דירעקטאָר פון דער אַנ־קעטע־ און קאָנטראָל־סעקציע פאַר דער דרום־זאָנע.

די איטאַליענישע רעגירונג האָט באַשטימט פאַר דער איטאַ־ליענישער אָפּעראַציע־זאָנע, אַ פאָרשטייער אין דער פּערזאָן פון ה' לאָ ספּינאָסאָ, געוועזענער גענעראַל־קאָנסול, וועלכער האָט געוואוינט אַ צענדליק יאָרן אין פראַנקרייך.

זיינע אָפּטיילונגען, וואָס געפינען זיך 42, בולוו. סימיעי אין ניצע, פאַרנעמען זיך מיט אַלע ראַסן־פּראָבלעמען, וואָס אינטערע־סירן די איטאַליענישע פּאָליטיק אין פראַנקרייך.

אין לויף פונעם געשפּרעך בין איך געוואויער געוואָרן פון אָט דעם הויכן פונקציאָנאַר, אַז די אַמטן פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן, זענען אים לחלוטין אומבאַקאַנט; און דערי־בער, בעת זיין רייזע קיין ווישי, האָט ער זיך אונטערהאַלטן מיט ה' בוסקע וועגן פאַרשידענע פראַגן, וואָס זענען נוגע די לאַגע פון די יידן אויפן מיטלענדישן ים־ברעג (1).

ער האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ דאָקומענט, וואָס איז אים אי־בערגעגעבן געוואָרן דורך ה' בוסקע גופא, און אויף וועלכן עס זענען געווען פאַרצייכנט פאַרשידענע סוגעסטיעס, וואָס שטאַמען פון די אָפּטיילונגען פון אונזער נאַציאָנאַלער פּאָליציי און וואָס צילן צו רעגולאַריזירן אָדער צו לייזן די פראַגן וועגן די יידן, וועלכע געפינען זיך אין רעזידענץ אויפן ים־ברעג.

אַזוי ווי איך האָב געבעטן אַ קאָפּיע פון אַזאַ אינסטרוקציע, האָט לאָ ספּינאָסאָ זייער העפלעך אָפּגעזאָגט, אַנטשולדיקנדיק זיך פאַרן נישט קענען מיר איבערגעבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס איז אויסגעשטעלט בלויז אין איין איינציקן עקזעמפּלאַר, וואָס האָט אגב, נישט קיין שום אונטערשריפט און איז אַדרעסירט צום גע־נעראַל אַוואַרנאַ די גואַלטיערי, הויפּט־פאָרשטייער פון העכסטן אי־טאַליענישן קאָמענדאַנט אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע.

זענענדיק מיין פאַרוואונדערונג, פאַרוואָס די אָפּטיילונגען פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט זענען נישט אינפאָרמירט געוואָרן וועגן די פאַרשידענע פאַרבינדונגען, וועלכע זענען מסוגל צו עקזיסטירן צווישן די אַמטן פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי פון איין זייט, און

(1) אונטערגעשטראָכן אינם טעקסט.

די פאָרשטייער פון דער איטאַליענישער „ראַסן־פּאָליציי" אין פראַנקרייך, פון דער אַנדערער זייט — האָט ה׳ לאָ ספּינאָסאָ מיר דערקלערט, אַז בעת זיין צוזאַמענטרעף מיט ה׳ בוסקע, איז קיינמאָל נישט געקומען צו רייד וועגן דער עקזיסטענץ פון קאָמיסאַריאַט, וואָס פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט דער פאָרשונג פון די יידישע פראַגן. איך האָב אים דאָן אָנגעוויזן, אַז דער דאָזיקער אָרגאַניזם עקזיסטירט זינט קנאַפּע דריי יאָר.

באַטראַכטנדיק דעם דאָקומענט, וואָס איז מיר פערזענלעך איבערגעגעבן געוואָרן דורך ה׳ בוסקע, האָב איך באַמערקט סוגעסטיעס, וואָס האָבן געזאָלט פאָרגעשטעלט ווערן צו דער באַשטעטיקונג פון דער איטאַליענישער רעגירונג, אויף צו באַשאַפן אינטערנירונגס־צענטערן אין די דעפּאַרטעמענטן פון לאַ דראָם, וואָקלוז, אָט־אַלפּ, באַס־אַלפּ, און אַז 81 אָרטשאַפטן זענען באַשטימט געוואָרן אויף דער עווענטועלער אויפנאַמע פון בערך 6.000 אויסלענדישע יידן.

די אופנים פון אַדורכפירן, פון טראַנספּער און רעזידענץ־באַשטימונג, האָבן אויסגעזען רעגולירט צו ווערן אויסשליסלעך צווישן דער איטאַליענישער רעגירונג און דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פּאָליציי.

דעם ה׳ לאָ ספּינאָסאָ זענען נישט באַקאַנט געווען די פונקציעס פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן און ער האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין קאָמענטאַרן, נעמלעך, צי „דער מיניסטער און איך אַליין זענען מיר יידן" (1).

איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם איטאַליענישן פאָרשטייער, אויף די צאָלרייכע איינמערווענצן מצד די יידן, כדי צו שטעלן זיך אונטער זייער שוץ אין זייער גאַנצער איינפלוס־זאָנע פון די אָפּעראַציעס.

דער דאָזיקער פונקציאָנאַר האָט מיר אָפּגעענטפערט, אַז הגם די איטאַליענישע רעגירונג האַלט פון רעספּעקטירן די עלעמענטאַרע מענטשלעכע פּרינציפּן, קען דאָך אין קיין פאַל, נישט קומען אין באַטראַכט די פראַגע וועגן פאַרזיכערן אַ פולשטענדיקן חסד די יידן, וועלכע געפינען זיך איצטער אין דער מיטלענדישער געגנט.

אַזוי אַרום בין איך, אין לויף פונעם געשפּרעך געוואויער געוואָרן, אַז ה׳ לאַמבערט, דער גענעראַל־דירעקטאָר פון גענעראַל־פאַרבאַנד פון די יידן אין פראַנקרייך (אוזשיף) און ה׳ דאָנאַטי האָבן אַדורכגעפירט אָפּטע אינטערווענצן בעטנדיק שוץ ביי דער איטאַליענישער רעגירונג.

(1) אונטערגעשטראָכן אינעם טעקסט.

www.libtool.com.cn

איך האָב דאַן געמאָלדן דעם ה׳ לאָ ספינאָסאָ, אַז דער גענע־ראַל־פאַרבאַנד פון די איזראַעליטן, אונטערן עטיקעט פון אַ פילאַנ־טראָפּישער געזעלשאַפט, פירט אָן פאַרבאַהאַלטענערהייט אַן אַנטי־רעגירונגס־פּראָפּאַגאַנדע, וועמענס רעזולטאַטן וועלן זיין פונקט אַזוי שעדלעך פאַר דער פראַנצויזישער רעגירונג, ווי פאַר דער איטאַליע־נישער.

www.libtool.com.cn

„איצט פאַרשטיי איך שוין" — האָט מיר געענטפערט ה׳ לאָ ספינאָסאָ — „דעם זין פון געוויסע אינטערווענצן, וואָס זענען אדורכ־געפירט געוואָרן מצד וויכטיקע יידישע עלעמענטן, און איך גלויב, אַז עס וואָלט געווען נוצלעך, אַז מיר זאָלן אַרבעטן אין איינקלאַנג מיטן גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן אין פראַנקרייך".

איך בין גערן מסכים געווען צו דעם דאָזיקן פאָרשלאַג און ער האָט מיר באַשטימט אַ ראַנדעוואו אין ווישי אויף דינסטיק דעם 27־טן יולי, וואו ער וועט מיר איבערגעבן אַלע אינסטרוקציעס, וועלכע ער דערוואַרט פון דער רעגירונג אין רוים.

## א ו י ס פ י ר ן :

איך האָב אַרויסגעצויגן פון אָט דעם געשפּרעך אַ באַזונדער גינסטיקן איינדרוק. איך האָב געקענט פעסטשטעלן אַן איבעריק מאָל, אַז די נאַציאָנאַלע פּאָליציי־אַמטן האַלטן נישט פון אויפדעקן די טעטיקייטן פון די קאָמיסאַריאַט־אָפּטיילונגען, אויף אַזוי ווייט, אַז זיי מאַכן בכיוון דעם אָנשטעל פון איגנאָרירן זייער עקזיסטענץ, אין קעגנוואַרט פון אַ פאַרשטייער פון אַ פרעמדער רעגירונג, וואָס איז באַאויפטראַגט אָנצווענדן געוויסע געזעצן, וועלכע דאַרפן זיין אין איינקלאַנג מיט די, וואָס זענען פאַראָרדנט דורך דער פראַנצוי־זישער מאַכט.

אויב מען קען זיך נישט דערקלערן די האַלטונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דורכן רעגירונגס־ראַט, גענעראַל־סעקרעטאַר ביי דער פּאָליציי — געהערט עס צום גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידי־שע פראַגן אָנצוקניפּן אַ דויערהאַפטן קאָנטאַקט מיטן הויכן איטאַ־ליענישן קאָמיסאַר, וואָס איז באַאויפטראַגט צו פאָרשן און צו רעגו־לירן די ראַסן־פראַגע אין פראַנקרייך, באַטאָנענדיק דערביי, אַז די פאָרגעשלאָגענע געזעצן בנוגע דער לאַגע פון די יידן שטאַמען די־רעקט פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן.

די יידישע קאָלאָניע, וואָס באַזעצט זיך אויפן ים־פּאַס ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ צאָלרייכער. באַזונדער גרויס אין דער צאָל זענען די איבערשטרייטונגען פון געזעץ; קיין רעפּרעסיעס ווערן פאַקטיש נישט אָנגעווענדעט, ווייל די עקזעקוטיווע מאַכט טייטשט אויס אויף

אַן אומגינסטיקן אופן אַלע אינסטרוקציעס, וועלכע קענען אַרויסגעגעבן ווערן מצד דער איטאַליענישער רעגירונג און וועלכע זענען ווייט פון צו זיין אין גייסט פון דער רעאַליזירונג, וועלכע איז פאַרגעשלאָגן פון אַט דער מאַכט.

אין דער אמתן האָט מיר ה׳ לאָ ספּינאָסאָ פייערלעך מודיע געווען, אַז איבער אַלעם וואָלט ער וועלן זען די אַרבעטספעאיקע יידן, באַטייליקן זיך — צוגלייך מיט אַלע בירגער — אין די פאַרשידענע אַרבעטן, וואָס זענען מסוגל אויסצופילן זייער פרייע צייט.

ער האָט מיר פאָרמעל צוגעזאָגט, באַטאָנענדיק עס גאָר באַזונדער, אַז קיינמאָל וועט ער זיך נישט אָנטקעגנשטעלן דעם אַריינציען די יידן אין די אַרבעטס־קאַדרען, און ער בעט אַז מען זאָל אים תיכף צושטעלן אַ ליסטע פון אַלע אויסלענדישע יידן, וועלכע מיר ווילן זען, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, דערווייטערט פון אַלע שטאָדטישע צענטערן.

איך גלויב, אַז דער דאָזיקער פונקציאָנאַר איז אַדורכגעדרונגען מיט אַ געוויסן גייסט פון פאַרשטענדעניש, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט, ווי צום שנעלסטן אויסנוצן, בכדי צו אורטיילן וועגן דער אויפריכטיקייט פון זיינע פאַרזיכערונגען.

אין רעזולטאַט, האָב איך אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס צו ה׳ ראָמבאַלדי, דעם רעגיאָנאַל־פאַרשטייער פון דער אַנקעטע־ און קאָנטראָל־סעקציע ביים גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע פראַגן אין ניצע, וועגן איבערגעבן די ליסטע פון די אומגעוואונטשענע אויסלענדער און וועגן שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט ה׳ לאָ ספּינאָסאָ, כדי פאָרצולייגן אים אַ ריי לאָגישע מאָסמיטלען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַריינצוציען אין דער אַרבעט די אומבאַשעפטיקטע יידן, דערווייטערנדיק די עלעמענטן, וועמענס אַנוועזנקייט איז אַ געפאַר פאַר דער געגנט.

www.libtool.com.cn

# דאָקומענט 27.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

**קאָמאַנדאָ פון מאַרסעיל נומ. 5587**

**22.7.43 1948 — MD —**

**צום B.d.Sd Roem, 4 B, פּאַריז.**

פ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

גלייך איבערצוגעבן.

ענין : באַהאַנדלונג פון די יידן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַ־ציע־זאָנע.

רעפערענץ : אין גאַנג.

אויפן סמך פון אַ ראַפּאָרט, וואָס איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן, איז דער גוט־באַקאַנטער ייד, דאָנאַטי, געפאָרן קיין רוים, בכדי דאָרט אונטערצוהאַנדלען וועגן דער שפּעטערדיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, אין פאַל — אויב די פּראָוויסגעזעענע אָקופּאַציע פון דער דאָזיקער זאָנע זאָל דאַרפן פאָרקומען דורך די דייטשע טרופּן. אויסער דעם, האָט ער אינטערווענירט אין רוים, ווייל עס זענען אדורכגעפירט געוואָרן יידן־אַרעסטן מצד די דייטשן, וועלכע האָבן זיי איבערגעגעבן צו די דייטשע אויטאָריטעטן. עס האַנדלט זיך הויפּטזאַכלעך וועגן דעם פאַל פונעם ייד וואָלף, אין ניצע — שעף־רעדאַקטאָר פון „בערלינער טאַגעבלאַט" און דעם גוט־באַקאַנטן סעקרעטאַר פון דעם ייד ראַט־שילד — אַנדרעי ווייל אין גרענאָבל.

איבעריקנס, באַווייזן זיך די יידן כסדר אין די גרעסטע האָטעלן און רעסטאָראַנען פון קאָט ד'אַזור, און פירן זיך אויפן זעלבן פּראָוואָצירנדיקן אופן ווי פריער. די איטאַליענישע אָפיצירן באַווייזן זיך עפנטלעך אין דער געזעלשאַפט פון יידישקעס. די אַרבעט פון איטאַליענישן קאָמיסאַר פאַר יידישע פראַגן, באַשטייט איצטער בלויז אין צונויפשטעלן די ליסטעס פון די יידן.

זינט דעם לעצטן באריכט זאָלן די שפּעטערדיקע עוואַקואַציעס זיין אומבאַדייטנדיקע. די צאָל פון די אַרויסגעשיקטע דאַרף זיין אומגעפער ביי 3.000.

www.libtool.com.cn

קאָמאַנדאַ פון דער סיפּאָ און דער ס. ד. פון מאַרסעיל Roem

B 4 SA 18/43.

לויט אויפטראַג,

אונטערגעשריבן: באַוער,

ס. ס.־האַופּטשאַרפירער.

# דאָקומענט 28.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

**קאָמאַנדאָ פון מאַרסעיל נומ. 6450**
**19.8.43 1834 — ND —**

צום B.d.S. Roem 4 B פּאַריז.

עניין : קאָנפערענץ מיט לאָ ספּינאָסאָ.

רעפערענץ : קיינע.

אויפן פאַרלאַנג פון לאָ ספּינאָסאָ, דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פאַר יידישע פראַגן אין דער פּראַנצויזישער דרום־זאָנע, וואָס איז אָקופּירט דורך די איטאַליענער, איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ אין אונזערע ביוראָס, דעם 18־טן אויגוסט. לאָ ספּינאָסאָ האָט אויס־געדריקט דעם געדאַנק, אַז היות ווי עס זענען פאָרגעקומען ענדע־רונגען אין דער רעגירונג אין רוים, זענען די התחייבותן, וועלכע ער האָט אָנגענומען אין לויף פון די אָפיציעלע געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון טולאָנער שעף פון דער אָפּטיילונג — מער נישט גילטיק. עס איז פריער געהאַט אָפּגע־שטימט געוואָרן, אַז אַלע דייטשע און געוויסע עסטרייכישע יידן, וועלכע געפינען זיך אין דער דאָזיקער געגנט, וועלן איבערגעגעבן ווערן צו אונזער קאָמאַנדאָ. מען האָט פאָרגעלייגט אָנצווווענדן אויך אין דער איטאַליענישער זאָנע די פאַראָרדענונגען פון דער RSHA וועלכע דינען אַלס דירעקטיוון קעגן די יידן אין די אָקופּירטע טע־ריטאָריעס. לאָ ספּינאָסאָ האָט בדעה צו פאָרן קיין רוים, אומגעפער דעם 20־טן אויגוסט 1943, אויף 4 אָדער 5 טעג און ער וועט פאָר־לייגן אונזער פאַרלאַנג אין קאָמפּעטענטן מיניסטעריום. צוריקו־מענדיק פון רוים, וועט לאָ ספּינאָסאָ אונז באַקאַנט מאַכן דעם רע־זולטאַט פון זיינע אונטערהאַנדלונגען. איך וועל אייך תיכף אינ־פאָרמירן.

קאָמאַנדאָ פון דער סיפּאָ און דער ס. ד. אין מאַרסעיל Roem
.4 B SA 18 BA/STR. Der Kr.

אונטערגעשריבן : **מולער,**
ס. ס.־שטורמבאַנפירער

# דאָקומענט 29.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע נומ. 57.485.

ב. ד. ס.

פּאַריז, דעם 26־טן אויגוסט 1943.

**צום ספּעציעלן קאָמאַנדאָ פון דער סיפּאָ (ס. ד.),**
**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־שטורמבאַנפירער מולער,**
**מאַרסעיל.**

ענין : געשפּרעך מיט לאָ ספּינאָסאָ.

רעפערענץ : אייער טעלעגראַמע נומ. 6.450 פון 19.8.43.

איך האָב דערהאַלטן אייער טעלעגראַמע און עס וואונדערט מיך, אַז איר האָט דיסקוטירט מיט אָפיציעלע איטאַליענישע פאַר־שטייער, נישט האָבנדיק זיך פריער געשטעלט מיט אונז אין קאָנ־טאַקט. איך בעט אייך, מיר צוצושיקן אַן אויספירלעכן ראַפּאָרט, ווי אויך אייער מיינונג וועגן ל. אייער ראַפּאָרט איז נישט קיין קאָמ־פּלעטער, ווייל ביז איצט איז נאָך נישט געקומען צו קיין פעסטער פאַרשטענדיקונג מיט די איטאַליענער, וועגן דער יידן־פראַגע, אַזוי אַז עס קען קוים פאָרקומען אַן ענדערונג אין נעגאַטיוון זין. איך בעט אייך דעריבער, מיר מודיע צו זיין, אין אַלע איינצלהייטן, וועגן די אַרגומענטן, מיט וועלכע ל. האָט זיך באַנוצט.

אונטערגעשריבן : **ד"ר. קנאָכען,**
ס. ס.־שטאַנדאַרטענפירער
און פּאָליציי־קאָלאָנעל.

**צוגעשריבענע נאָטע ביים סוף פון דאָקומענט :**

אוועקגעפאָרן אויף אַ רייזע נאָכן דיקטירן,
אונטערגעשריבן : **הירשמאַן,** אָנגעשטעלטער.

# דאָקומענט 30.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

קאָמאַנדאָ פון מאַרסעיל
6730 — 28.8.43 0030 — WU —

צום B.d.S.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דר. קנאָכען ס. ס.־שטאַנדאַר־
טענפירער און פּאָליציי־קאָלאָנעל, O. V. - I. A. — פּאַריז.

ענין : געשפּרעך מיט לאָ ספּינאָסאָ.

רעפערענץ : אייער טעלעגראַמע נומ. 57.485 פון 26.8.43.

דאָס האָט לאָ ספּינאָסאָ אַליין געבעטן זיך אַדורכצושמועסן מיט מיר וועגן דער יידן־פראַגע אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע. דער געשפּרעך האָט בכלל נישט געטראָגן קיין אָפיציעלן כאַ־ראַקטער. ל. האָט זיך בלויז געוואָלט אינפאָרמירן איידער ער פאָרט אָפּ קיין רוים, וועגן געוויסע פּרינציפּיעלע פראַגן. אָבער די הויפּט־סיבה פון לאָ ספּינאָסאָס באַזוך, זעט מיר אויס צו זיין גאָר אַן אַנדערע. לאָ ספּינאָסאָ האָט געהאַט איבערגעגעבן אין מיינע אַמטן, מיט אַ קורצער צייט צוריק עטלעכע ליסטעס פון יידן, וועלכע וואוי־נען אויפן קאָט ד׳אַזיר, דערקלערנדיק אויסדריקלעך, אַז ער וועט נישט פאָדערן, אַז די דאָזיקע ליסטעס זאָלן אים צוריקגעקערט ווערן. אינצווישנצייט, האָט ער מסתמא דערהאַלטן אַנדערע אויפטראַגן פון זיינע העכערע שעפן, ווייל ער האָט מיך געבעטן אים די דאָזיקע ליסטעס צוריקצוקערן (1). ער האָט מיר אגב־אורחא׳דיק צוגעזאָגט צוריקצושטעלן די ליסטעס אין מיין רשות, נאָך זיין צוריקער פון רוים. ווי איך האָב עס געהאַט באַטאָנט אין מיין טעלעגראַמע פון 19.8.43, איז דער געשפּרעך געפירט געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינעם פּלאַן.

קאָמאַנדאָ פון דער סיפּאָ און דער ס. ד. פון מאַרסעיל. — KDR.

אונטערגעשריבן : מולער,
ס. ס.־שטורמבאַנפירער.

(1) צוגעשריבענע נאָטיץ פון קנאָכען : צי זענען זיי ווייניקסטנס פאָטאָקאָפּירט געוואָרן ?

# דאָקומענט 31.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע נומ. 59.377.

B.d.S.

פּאַריז, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1943.
(איבערגעגעבן דעם 2־טן סעפּטעמבער)

**צום ספּעציעלן קאָמאַנדאָ**
**פון דער זיכערהייטספּאָליציי (ס. ד.),**
**מאַרסעיל.**
**ס. ס.־שטורמבאַנפירער מולער.**

ענין : געשפּרעך מיט לאָ ספּינאַסאָ.

רעפערענץ : אייער טעלעגראַמע נומ 6.730 פון 28.8.43.

מיר בעטן אייך אונז צו אינפאָרמירן, צי האָט איר אַ פּאָטאָ־קאָפּיע פון די ליסטעס, וועלכע ל. האָט געהאַט איבערגעלאָזט אויף אַ געוויסע צייט אין אייערע אָפּטיילונגען.

BdS — פּאַריז.

לויט אויפטראָג,

אונטערגעשריבן : **דר. שמידט,**
ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

# דאָקומענט 32.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

קאָמאַנדאָ פון מאַרסעיל
6951 — 2.9.43 2215 — WU —

צום B.d.S., צו דער אויפמערקזאַמקייט
פון ס. ס.־אָבערשטורמפירער דר. שמידט,
פּאַריז.

ענין : געשפּרעך מיט לאַ ספּינאַסאַ.

רעפערענץ : אייער טעלעגראַמע נומ. 59.377 פון 2.9.43.

גענעמענדיק אין אַכט, אַז ל. האָט געהאַט איבערגעגעבן די ליס־טעס אין אונזערע אָפּטיילונגען, נישט זאָגנדיק, אַז ער וועט זיי צו־ריקפאָדערן, איז קיין שום פאָטאָקאָפּיע אָדער קאָפּיע פון זיי נישט געמאַכט געוואָרן. באַזונדער, האָט ער צוגעזאָגט צוריקצוגעבן די דאָזיקע ליסטעס אין אונזער רשות, נאָך זיין צוריקער פון רוים.

קאָמאַנדאָ פון דער סיפּאָ און דער ס. ד. פון מאַרסעיל D —
KDR,

אונטערגעשריבן : מולער,
ס. ס.־שטורמבאַנפירער.

## דאָקומענט 33.

www.libtool.com.cn

IV B — B.d.S.

### נאָטע צום ס. ס.־שטורבאַנפירער האַגען.

פּאַריז, דעם 4־טן סעפּטעמבער 1943.

ענין : צוגרייטונגען צו דער אָנווענדונג פון די אַנטי־יידישע מאָס־מיטלען אין דער זאָנע פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע.

רעפערענץ : געוויינטלעכע.

פּ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

א) אַקציע אָנצופירן אָן אויסנאַמען :

כדי די פּראָאויסגעזעענע אַקציע אין דער איטאַליענישער אָקו־פּאַציע־זאָנע זאָל האָבן אַ צופרידנשטעלנדיקן רעזולטאַט, דאַרף זי אַדורכגעפירט ווערן אָן אויסנאַמען. נעמענדיק אין אכט, אַז די גרעסטע טייל פון די פּאָליציי־עפעקטיוון, וועלכע זענען צו אונזער דיספּאָזיציע פאַר אָט דער אַקציע, איז אומפעאיק אונטערצושיידן, צי דער אָדער יענער ייד — לויט זיין פּיל־ווייניק צופעליקער נאַציאָ־נאַליטעט — דאַרף אַריינגערעכנט ווערן אין די אַנטי־יידישע מאָס־מיטלען, וואָלט געווען זייער אומווינטשנסווערט, פון פּראָפּאַגאַנדע־שטאַנדפּונקט, אַז עס זאָלן ווידער געמאַכט ווערן פאַרשידנאַרטיקע אויסנאַמען לטובת די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, און אַז מען זאָל זוכן, צי דער ייד פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט איז נאַטו־ראַליזירט געוואָרן ערשט נאָכן 10־טן אויגוסט 1927, אָדער צי ער באַזיצט די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעט נאָך פון פאַר דער דערמאָנטער דאַטע.

איבעריקנס, דאַרף מען אין אַלגעמיין באַמערקן, אַז אַ פאַר־מענגלעכער און איינפלוסרייכער ייד האָט נישט דערוואָרבן זיין פראַנ־צויזישע נאַציאָנאַליטעט זינט דעם יאָר 1927, נאָר אַז אין מערסטנ־טייל פאַלן, האָט ער זי שוין פון זיין געבוירנשאַפט אָן. די פראַנ־צויזן, אַפילו די וועלכע זענען נישט קיין אַנטיסעמיטן, וועלן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר אינטערנירן נישט, אין דער ערשטער ריי, די שעדלעכע יידן, ד. ה. די, וועלכע זענען פאַרמעגלעך און איינ־פלוסרייך (אויב, אין דער אמתן, די טאָטאַלע אָדער טיילווייזע דע־

פּאַרטאַציע פון די דאָזיקע יידן זאָל שפּעטער נישט מעגלעך זיין אדורכצופירן צוליב פּאָליטישע טעמים, ווייזט זיך, אין קעגנטייל, זייער אינטערנירונג אַרויס ווי אַ מאַקסימום פון אַ באַזונדער דרינגנ־דער נויטווענדיקייט).

www.hbtool.com.cn

וואָס שייך די אינטערנירונגען, קען מען אויך נישט האָבן קיין ריקזיכט בנוגע די בירגער פון די פריינטלעכע לענדער, נייטראַלע אָדער אַליירטע. אַלע מלוכות זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן, זינט 6 חדשים אָדער שוין פון אַ יאָר אָן, צו רעפּאַטרירן זייערע יידן אין זייערע ממשלה־זאָנעס. די גרעסטע צאָל מלוכות זענען נאָכגעקומען דער ווענדונג און האָבן, אינצווישנצייט, פּאַרענדיקט די ראַפּאַט־ריאַציע. בלויז טערקיי האָט נאָך נישט אונטערגענומען קיין ראַ־פּאַטרירונג פון אַ באַדייטנדיקן פאַרנעם. אין רעזולטאַט, דאַרפן נישט געמאַכט ווערן קיין אויסנאַמען פאַר די יידישע בירגער פון די אַלע פאַראינטערעסירטע לענדער. שפּעטער צו, קענען די ביטעס אַדרעסירט ווערן צום BdS — IV B און דאָ באַטראַכט ווערן נאָך אַ טיפערן אויספאָרשן פון דער נאַציאָנאַליטעט.

מען וואָלט אויך באַדאַרפט תיכף אינטערנירן אַלע יידישע בירגער פון די שונאישע לענדער: ווייל דאָס ווייטערדיקע איבער־לאָזן די דאָזיקע מענטשן אויף דער פריי, קען נאָך ווייניקער טאָלע־רירט ווערן, ווי פאַר די אַנדערע יידן. די דאָזיקע יידן וואָלטן גע־דאַרפט אינטערנירט ווערן אין די לאַגערן פאַר ענגלענדער, אַמערי־קאַנער, א. א. וו.

„דער קאָט ד'אזיר, די דעפּאַרטאַמענטן פון סאַוואָוא און אָט־סאַוואָוא, גרענאָבל און אויך אַלע אומגעגנטן פון אַרום דער גרע־נעץ, וועלן זיין די הויפּט־פּונקטן פון אָט דער אַקציע, ווי אויך די פראָנט־לאָקאַליטעטן אין די גרענעצן פון די באַטייליקטע ספערן. כדי צו פאַרהיטן דאָס אַנטלויפן פון די יידן, דאַרף מען קודם־כל אָנהויבן ביי די פראָנט־ערטער און נאָכדעם אויסרייניקן אַלע דער־מאָנטע געגנטן, פון מזרח ביז מערב.

די יידן וועלן אַרעסטירט ווערן צוזאַמען מיט זייערע פאַמי־ליע־מיטגלידער. זיי קענען מיטנעמען מיט זיך די נויטיקסטע מלבו־שים, ווי אויך זאַכן פון טעגלעכן געברויך, אויף אַזוי פיל, וויפיל זייער תיכפדיקער טראַנספּער אין די פּראָוויזאָרישע זאַמל־לאַגערן וועט זיך נישט אַרויסווייזן באַזונדער דרינגנד, צוליב ספּעציעלע טעמים.

די ביוראָען פון ליאָן און מאַרסעיל האָבן צוגעגרייט פּראָווי־זאָרישע זאַמל־פּונקטן אין די דאָזיקע צוויי שטעדט (יידישע שולן, נישט־טעטיקע פאַבריקן א. א. וו.). דער האָופּטשטורמפירער ברונער, אין דער באַגלייטונג פון האָופּטשטורמפירער בריקלער, וועט קומען

קיין ליאָן און מאַרסעיל, דעם 5־טן אָדער 6־טן ה. ח., בכדי בשתיקה צוצוגרייטן אַלץ אויפן אָרט גופא און זיך צו קענען אָפּגעבן אַ חשבון פון די לאָקאַלע באַדינגונגען.

www.libtool.com.cn

ווען דאָס כאַפּן די יידן וועט זיין פאַרענדיקט, וועלן זיי אַריי־בערגעפירט ווערן פון די פּראָוויזאָרישע לאַגערן מיט טראַנספּאָרטן צו 1.000 ביז 2.000 קעפּ, אין יידישן לאַגער אין דראַנסי, וואו נאָך אַ גענויער קאָנטראָל פון זייער בירגערשאַפט, וועלן זיי גלייך עוואַ־קואירט ווערן אין מזרח, לויט ווי זיי וועלן אימשטאַנד זיין דעפּאָר־טירט צו ווערן.

דאָס גענויע אויסרוימען פון די יידן אין דער געוועזענער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, איז נישט נאָר נויטיק אין די אינ־טערעסן פון דער ענטגילטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך, נאָר איז אויך אַ דרינגנדיקע באַדערפעניש לטובת דער זיכערקייט פאַר די דייטשע טרופּן. דאָס איז אַן אַרגומענט, וועלכן מען וואָלט — לויט אונזער מיינונג — באַדאַרפט אויך אַנטקעגנ־שטעלן דער פראַנצויזישער רעגירונג, אויב זי וועט פּרואוון פּאַרטיי־דיקן די יידן, וועלכע האָבן דערוואָרבן די פראַנצויזישע נאַציאָנאַ־ליטעט נאָך פאַרן יאָר 1927, אָדער, ווי מען קען דאָס דערוואַרטן, אויב זי וועט זיך איינשטעלן פאַר די יידן פון פראַנצויזישער נאַ־ציאָנאַליטעט.

צוליב דעם, וואָס די איטאַליענער האָבן פאַרבאָטן, אין זייער איינפלוס־זאָנע — דאָס אָפּשטעמפּלען די אידענטיטעטס־ און די באַשפּייזונגס־קאַרטן, איז דאָס פעסטשטעלן די פּאַרדעכטיקע עלע־מענטן, וואָס געהערן צו דער יידישער ראַסע, נאָך דאָרט פיל שווע־רער, ווי אין דער געוועזענער אָקופּאַציע־זאָנע, וואו מיר האָבן דעם קאָנטראָל איבער דעם רעגיסטער פון די יידן. אין רעזולטאַט, איז נויטיק אונז צוצוטיילן פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן אויף אויסצו־שפּירן און אויסצוליווערן די פאַרשטעלטע אָדער די באַהאַלטענע יידן.

געלט דאַרף דאָ נישט שפּילן קיין שום ראָל (פאָרשלאָג: 100 פראַנק פאַר אַ ייד).

ב) אַקציע וואָס זעט פאָר אויסנאַמען:

אויב די פראַנצויזישע רעגירונג וויל נעמען אונטער איר שוץ געוויסע קאַטעגאָריעס יידן קעגן די מאָסמיטלען, וועלכע מיר האָבן בדעה איינצופירן, בלייבט איר בלויז איבער זיך צו פאַראינטערע־סירן מיט די יידן פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט און דאָס אויך אויסשליסלעך, מיט די, וועלכע זענען נאַטוראַליזירט געוואָרן פאַר דעם 10־טן אויגוסט 1927, אָדער מיט די יידן, וועלכע זענען גע־

בוירן פראַנצויזישע בירגער, ווי אויך זייערע פרויען און קינדער. היות ווי עס איז נויטיק צו מאַכן אַן אַלגעמיינע רייניקונג, לייגן מיר פאָר אַדורכצופירן, ווי צום שנעלסטן, דעם אָפקלויב אינעם יידן־לאַגער אין דראַנסי. אויב די פראַנצויזישע פאָליציי זאָל זיין צו אונזער דיספּאָזיציע, וואָלטן אויפן אָרט גופא געקענט געמאַכט ווערן אויסנאַמען פאַר די יידן, וועלכע באַזיצן די פראַנצויזישע בירגערשאַפט נאָך פון פאַר דעם 10־טן אויגוסט 1927. אין דעם פאַל, דאַרפן די פראַנצויזישע פאָליציי־אַמטן, צוזאַמען מיט די אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער פראַנצויזישער אַדמיניסטראַציע — אויספאָרשן פון צווישן די פראַנצויזישע יידן, יעדן אינדיווידועלן פאַל, בכדי פעסטצושטעלן צי דער געגעבענער ייד דאַרף יאָ אָדער נישט אינטערנירט ווערן. פונדעסטוועגן, אויב אפילו ווען די אויספאָרשונג זאָל — אין אַ געווויסער מאָס — אָנגעפירט ווערן אונטער אונזער קאָנטראָל — וואָלט די דאָזיקע פראָצעדור דערמעגלעכט פאַרשידענע מינים קאָמבינאַציעס און פאַלשקייטן.

פון דער דייטשער זייט, האָבן מיר נישט אין אונזער רשות די גענוגנדיקע עפעקטיוון אויף אָפּטצוטיילן, אין לויף פון דער אַקציע, די נאַטוראַליזירטע יידן פון די נישט־נאַטוראַליזירטע. אַ חוץ דעם, קען מען אָנעמען, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג גופא זאָל זיך אַליין אויפהערן צו אינטערעסירן מיט אַ באַדייטנדיקן טייל פון די נישט־נאַטוראַליזירטע פראַנצויזישע יידן און אַז זי זאָל לטובת זיי נישט אינטערווענירן. איבעריקנס, וועט מען קענען דערמאָנען דער פראַנצויזישער רעגירונג, אַז זי האָט פריער עטלעכע מאָל אויסגעדריקט איר באַדויער, פאַרוואָס די איטאַליענישע מיליטערישע און ציווילע אויטאָריטעטן האָבן זיך גענומען אויף אַלע אופנים, פאַרטיידיקן די יידן. דעריבער, דאַרף די פראַנצויזישע רעגירונג זיין צופרידן, אַז די דאָזיקע פאַרטיידיקונג עקזיסטירט נישט מער און אַז איצטער וועלן ענדלעך די מאָסמיטלען קעגן די יידן, קענען אַריינגיין אין קראַפט. אויב די פראַנצויזישע רעגירונג וואָלט געוואָלט זען אָנגעווענדעט אַ גרויסע צאָל אויסנאַמען לטובת די פראַנצויזישע יידן, וואָלטן אַזעלכע ביטעס געקענט אָפּגעוואָרפן ווערן, פאַרופנדיק זיך אויף די שטרענגע באַפעלן מצד די רייכספירער ס. ס.

פאָרשלאַג : עס קענען דערלויבט ווערן אויסנאַמען לטובת די יידן פון פראַנצויזישער נאַציאָנאַליטעט, אין וועלכע די פראַנצויזישע רעגירונג איז פאַראינטערעסירט, נאָר בתנאי, אַז זיי זאָלן באַפרייט ווערן בלויז פון דראַנסי־לאַגער.

לויט אויפטראַג,

אונטערגעשריבן : **רעטהקע.**

ס. ס.־אָבערשטורמפירער.



www.libtool.com.cn

# דאָקומענט 34.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

קאָמאַנדאָ פון מאַרסעיל
7141 — 8.9.43 2030 — WU —

צום RSHA — 6 B
**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס.ס.־אָבערשטורמבאַנפירער שטעימלע, בערלין;**

צום B.d.S.,
**צו דער אויפמערקזאַמקייט פון ס.ס.־שטאַנדאַרטענפירער ביקלער, פּאַריז.**

ענין: די יידן־פראַגע אין דער איטאַליענישער זאָנע.

צוליב דעם ריקצוג פון די איטאַליענישע טרופּן פון ים־ברעג, איז מעגלעך צו פּאַקן די יידן, וועלכע האָבן זיך דאָרט צוריקגע־צויגן. מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז די איטאַליענער האָבן דער־לויבט די איינפלוסרייכסטע יידן, אַריינצוקומען אין איטאַליע, אַזוי אַז די דייטשע מאַסמיטלען קומען דאַסמאָל אויך צו שפּעט. צווישן די צום מייסטן אַקטיווע אַגענטן, וואַרט זיך דאָ אַרוים דער ייד דאָנאַטי איבער וועלכן מיר האָבן אייך צוגעשיקט מערערע ראַ־פּאָרטן. דאָס זעלבע זאָגט מען אויך וועגן בארראַנקאָ. אָבער בנוגע דעם לעצטן, האָט מען ביז איצט, נישט געקענט צושטעלן קיין שום ממשותדיקן באַווייז.

אונטערגעשריבן: **סעננער.**

# דאָקומענט 35.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע.

**קאָמאַנדאָ פון ליאָן**

**6662 — 14.9.43 0315. WEL.**

**צום — IV B — B.d.S. פּאַריז**

פּאַרטרוילעך!

ענין: פּריינטלעכע באַציאונג פון די איטאַליענישע אָקופּאַציע־טרופּן בנוגע די יידן.

רעפערענץ: קיינע.

לויט אַ ראַפּאָרט פון זייער אַ זיכערער קוועלע, האָבן די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן אין פראַנקרייך באַקומען אַ באַפעל, דעם 5־טן אָדער 6־טן סעפּטעמבער 1943, אויסצושטעלן — פאַר אַלע יידן פון זייער סעקטאָר — אַ דערלויבעניש צו ציר־קולירן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין פראַנקרייך.
די דערלויבענישן זענען געווען גילטיק ביז דעם 9־טן סעפּטעמבער 1943 אין אָוונט. די לעצטע טעג, האָבן אַ גרויסע צאָל יידן פאַרלאָזן די דעפּאַרטעמענטן, וועלכע זענען ביז איצט אָקופּירט געווען דורך די איטאַליענער — בכדי זיך איבערצוטראָגן קיין ניצע, אין דער האָפענונג צו קענען, פון דער דאָזיקער שטאָדט, אַנטלויפן קיין איטאַליע, און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען פון די אַרעסטן. אַ דאַנק דער שנעלער אָפּשליסונג פון דער גרענעץ, האָט זיך אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע צאָל אַריבערגעקריגן אויף יענער זייט. איך בעט אייך דאָס צו נעמען צו קענטעניש. אַנדערע באַריכטן איבער דער באַהאַנדלונג פון די יידן מצד די געוועזענע אָקופּאַציע־אויטאָריטעטן — וועלן אינגיכן נאָכקומען.

קאָמאַנדאָ פון ליאָן IV N 1 — 145 — MO/HT.

אונטערגעשריבן: **דר. קנאַב,**

ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער.

# דאָקומענט 36. (1)

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע נומ. 68.365.

IV B

פּאַריז, דעם 26־טן סעפּטעמבער 1943.

ג ע ה י י ם !

צום רייכסזיכערהייטסהױפּטאַמט
IV B 4, בערלין.

תיכף איבערצוגעבן !

ענין : דעפיניטיווע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פראַנקרייך ;
דער עיקר: דער ייד פון דער איטאַליענישער בירגערשאַפט
— דאָנאַטי.

רעפערענץ : אייער טעלעגראַמע נומ 69.814 פון 25.9.1943.

דער ייד, דאָנאַטי, פון איטאַליענישער בירגערשאַפט, איז גע־וועזן — בעת דער גרויסער וועלט־מלחמה, דער פאַרבינדונגס־אָפּי־ציר צווישן די איטאַליענישע און פראַנצויזישע אַרמייען. נאָכן קריג, איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון אַ פראַנצויזיש־איטאַליענישער באַנק אין פּאַריז. נאָך דעם פראַנצויזישן צוזאַמענברוך, איז ער געקומען אין ניצע, וואו ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פינאַנציעלע גע־שעפטן.

זינט דער אָקופּירונג פון די דרום־מזרחדיקע טעריטאָריעס אין פראַנקרייך מצד די איטאַליענישע טרופּן, איז דער ייד געוואָרן אַק־טיוו אויפן געביט פון פאַרשאַפן פאַר אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין דער איטאַליענישער איינפלוס־זאָנע — אַלע מעגלעכע פאַר־לייכטערונגען.

דאָס וואָס האָט דאָנאַטין פאַרגרינגערט זיין אויפגאַבע, איז זיין באַקאַנטשאַפט מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל העכערע איטאַליע־

(1) זען פאַקסימיליע ז״ז 199—201.

נישע אָפּיצירן, מיט וועלכע ער איז פון דעמאָלט אָן, כסדר געשטאַנען אין די בעסטע באַציאונגען.

www.libtool.com.cn

אין פרילינג 1943, האָט די איטאַליענישע מאַכט געשיקט דעם פּאָליציי־שעף לאָספּינאָסאָ, אין די געגנטן, וואָס זענען אָקופּירט דורך די איטאַליענישע טרופּן, בכדי דאָרט צו רעגולירן די יידן־פראַגע. דעמאָלט האָט דאָנאַטי אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט לאָספּינאָסאָ און איז געוואָרן פּאַקטיש, דער אָפּיציעלער עקספּערט פון איטאַליע פאַר די יידישע פראַגן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע.

פּאַרטרויִלעכע אַגענטן האָבן אונז באַריכטעט מערערע מאָל, אַז די ווייניקע מאַסמיטלען, וועלכע די איטאַליענישע רעגירונג האָט אָנגענומען קעגן געוויסע יידן, זענען אויסגעפירט געוואָרן לויט די דירעקטיוון פון דאָנאַטי, ווי צ. ב. דאָס אַריבערפירן פון בערך 2.000 יידן פון קאָט ד׳אזיר, אין די האָטעלן פון קוראָרט מעזשעוו.

דאָ, האָט מען געהאַט בדעה צו פאַרכאַפּן דאָנאַטין פון ניצע און אים אַראָפּצוברענגען קיין מאַרסעיל. די אַגענטן, וועלכע זענען באַאויפטראַגט געוואָרן מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע, האָבן אים נישט געקענט פּאַקן, ווייל — צוליב די דעמאָלדיקע דייטש־איטאַליענישע פאַרהעלטענישן — האָבן זיי באַקומען די פאַראָרדענונג צו האַנדלען מיט אויסערגעוויינטלעכער פאָרזיכטיקייט.

אין אויגוסט 1943, איז דאָנאַטי געפאָרן קיין רוים. אַ דאַנק די אויסקונפטן פון זיכערע אַגענטן, איז ער געוואויער געוואָרן, אַז די 4־טע איטאַליענישע אַרמיי האַלט ביים צוריקציען זיך פון פראַנקרייך. ער האָט געוואָלט אין רוים רעגולירן דעם גורל פון די יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער איטאַליענישער איינפלוס־זאָנע.

סוף אויגוסט, איז דאָנאַטי נאָך אַמאָל אָפּגעפלויגן מיט אַן אַוויאָן קיין רוים. ער האָט געזאָלט נאָכאַמאָל צוריקערן קיין ניצע.

לויט די ידיעות פון ס. ס.־האַופּטשטורמפירער ברונער, זאָל דאָנאַטי האָבן אָרגאַניזירט דעם אָפּפאָר קיין איטאַליע פון צאָלרייכע יידן, נאָך איידער די 4־טע איטאַליענישע אַרמיי האָט קאַפּיטולירט. אַ קורצע צייט נאָך פאַר דעם אַריינטרעטן פון די דייטשע טרופּן, האָט ער אָנגעפילט 8 איטאַליענישע לאַסט־אויטאָס מיט יידן, כדי זיי אַריבערצופירן קיין איטאַליע.

מען גלויבט, אַז דאָנאַטי וועט פּרובירן זיך אָנצושליסן אין די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע טרופּן.

דאָס אַרעסטירן פון דאַנאַטין איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט, ווייל ער איז געווען דער ווירקנדיקער מוח פון די יידן אין דער איטאַליענישער איינפלוס־זאָנע, און ווייל ער האָט אויך אָנגעהאַלטן די בעסטע פאַרבינדונגען מיט די געוועזענע איטאַליענישע רעגירונגס־אַמטן אין רוים, און דאָס, אינגאַנצן עפנטלעך.

לויט אויפטראַג,

אונטערגעשריבן : **רעטהקע.**

ס. ס.־אָבערשטורמפירער.

www.libtool.com.cn

# דאָקומענט 37.

www.libtool.com.cn

טעלעגראַמע נומ. 85.946.

קאָמאַנדאָ פון מאַרסעיל
— WU — 1705 18.11.43 — 9817

צום — Roem. 4 B — B.d.S. פּאַריז.

ענין : ראַפּאָרט נומ. 540.

אין לויף פון אַן אַקציע קעגן די אָנפירנדיקע יידן אין ניצע, איז אונז געלונגען ביז איצט, צו אַרעסטירן די פאָלגנדיקע יידן :

א) מעיער זשערמען, אַליאַס גאָטהע מאַרי, סעקרעטאַרין פון געוועזענעם דירעקטאָר פון דער פראַנצויזיש־איטאַליענישער באַנק אין ניצע, אַנזשעלאָ דאָנאַטי.

ב) גוטמאַן קלאָד, אַליאַס דיפּראַט קלאָד — באַפולמעכטיקטער פון „אוזשיף" פאַר דער יידישער סאָציאַלער הילף לטובת די יוגנטלעכע, אין דער דרום־זאָנע.

ג) וויינטראַב יאַנקעל, אַליאַס וויסטער זשאַק, פּוילישער ייד, שעף פון דער יידישער יוגנט אין ניצע און אָרגאַניזאַטאָר פון די קינדער־טראַנספּאָרטן אין די שווייץ.

די אויבנדערמאָנטע האָבן אָנגעפירט מיט צושטעלן די יידן פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן, ווי אויך אַנדערע פּאַפּירן.

דער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַבריצירן די דאָזיקע פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן :

ד) אַפּפעל ראָזשע, געוועזענער אָנגעשטעלטער אין דער פירמע דרעיפוס אין מאַרסעיל — איז אַנטלאָפן.

פון דעם פאַרהער דרינגט אַרויס, אַז יעדע וואָך זענען אויס־געפאַרטיקט געוואָרן בערך 250 פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן. לויט די דערקלערונגען פון דער פרוי מעיער, האָט דאָנאַטי געהאַט בדעה צו באַקומען פון דער איטאַליענישער מאַכט אַ פאַרזיכערונג, אַז אין מאָמענט פון צוריקציען די טרופּן פון דער אָקופּאַציע־זאָנע אין דרום־פראַנקרייך, וועלן די יידן מיטגענומען ווערן קיין איטאַליע און אַזוי אַרום געשיצט ווערן.

דאָנאַטי האָט אויך געהאַט אַ פּראָיעקט, צו וועלכן ער האָט שוין געהאַט באַקומען די הסכמה פון דער איטאַליענישער מאַכט,

איינצואָרדענען בערך 30.000 יידן אין מענטאָן, מיטן ציל אויפ־צולעבן די דאָזיקע שטאָדט. אחוץ דעם, האָט דאָנאַטי אונטערגע־האַנדלט מיט די איטאַליענישע אויטאָריטעטן, אַז נאָך דעם אויפ־שטאַנד, זאָל ער באַקומען פאַר די יידן, וועלכע מען וועט אריינ־נעמען אין איטאַליע, א מקלט אין ליביע.

www.libtool.com.cn

עס איז דעריבער קלאָר, אַז די אָנהענגער פון באַדאָגליאָ האָבן, זינט דעם 25־טן יולי 1943, געהאַט בדעה איבערצוגעבן איטאַליע צו די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער.

עס איז וויכטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז מען האָט געפונען ביי א געוויסער צאָל יידן, דעקלאַראַציעס אין וועלכע זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט צו אַדאָפּטירן אַן איטאַליעניש קינד, וועלכעס האָט פאַרלוירן זיינע עלטערן בעת אַן ענגלישער לופט־אַטאַקע.

די דאָזיקע יידן זענען געווען אויפן ברייטסטן אופן אונטער־געשטיצט מצד דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג און דער פראַנצוי־זישער מאַכט; די פרוי מעיער איז געווען באַהאַלטן ביי א 70־יעריקן פראַנצויז, וועלכער האָט נישט לעגאַל באַזעסן א קאָלט־רעוואָלוווער; גוטמאַנען איז געלונגען צו אַרעסטירן אינעם יעזור־איטן־הויז, 8, רי מיראַבאָ אין ניצע, וואו ער האָט געהאַלטן איינ־מיטן דיסקוטירן וועגן דער פראַגע פון הילף, וואָס די קאַטוילישע קירכע וואָלט געקענט לייסטן פאַר דער יידישער יוגנט. לויט די פאַפּירן, וואָס מיר האָבן ביי אים געפונען, ווייזט זיך אַרויס, אַז די „קאָמפּאַניאָן דע פראַנס", דער „קאָמיטע נאַסיאָנאַל דעז אוניאָן קרעטיען דע זשען זשאַן דע פראַנס", ווי אויך דער „לע מואוומען דעז עקלערער אוניאָניסט דע פראַנס", האָבן אים געגעבן זייער פולע אונטערשטיצונג.

וויינטראָב האָט שוין געהאַט אָרגאַניזירט דריי טראַנספּאָרטן צו 25 יידישע קינדער אין די שווייץ און ער איז אַרעסטירט געוואָרן א האַלבע שעה פאַרן אָפּפאָרן פון צוג.

די אויבנדערמאָנטע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין יידן־לאַגער דראַנסי.

קאָמאַנדאָ מאַרסעיל — D — KDR.

אונטערגעשריבן: מולער,

ס. ס.־שטורבאַנפירער.

www.libtool.com.cn

# באַציאונג פון די איטאַליענער צו די גערודפטע ייִדן אין קראָאַציע

ביים סוף פון טראַגישן יאָר 1942, זענען צו די שווער־גערודפטע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די שטעדט און דערפער און אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון פראַנקרייך, וואָס איז אינגאַנצן געווען אָקופּירט דורך די אַקס־טרופּן — דערגאַנגען די קלאַנגען וועגן דער מענטשלעכער באַציאונג צו די ייִדן מצד די איטאַליענישע טרופּן. תחילת האָבן זיי זיך צו די דאָזיקע ידיעות באַצויגן מיט פאַרוואונדערונג און מיט אַ געוויסן אומצוטרוי, וואָס איז אגב געווען פאַר־שטענדלעך. צי האָט מען דען אין יענער עפּאָכע, געקענט בשלמות גלויבן, אַז די פאַרבינדעטע פונעם מעכטיקן היטלעריסטישן רייך, זאָלן האָבן די דרייסטקייט אָנצונעמען אַ שטעלונג, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַרשידן פון דער דייטשער קאָנצעפּ־ציע כלפּי דעם הויפּט־פּראָבלעם פון דער נאַציִשער אידעאָלאָגיע, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר גראָד דאָס ייִדן־פּראָבלעם ? בלויז אַ קליינע צאָל פון ייִדישע לידערס, וועלכע האָבן געהאַט דעם צוטריט צו די שווייצאַרישע אינפאָרמאַציע־קוועלן — האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איבעראַשונג אָדער אומצוטרוי : זיי האָבן געוואוסט, אַז אַזאַ שטעלונג איז שוין אָנגענומען געוואָרן דורך די איטאַליענער אין קראָאַציע, מיט אַ יאָר פריער.

טאַקע אין אָט דעם לאַנד, האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגעקריסטאַליזירט די איטאַליענישע באַציאונג צו די ראַסן־פאַרפאָלגונגען. און דאָס, אָט ביי וועלכע אומשטענדן :

נאָך אַ קורצער מיליטערישער קאַמפּאַניע פון 18 טעג, איז זיך דאָס געוועזענע יוגאָסלאַווישע קעניגרייך צעפאַלן אין אַפּריל 1941. אויף זיינע חורבות איז דורך דער אַקס געשאַפן געוואָרן אַ מלוכה קראָאַציע. די נייע מושלים שטעלן אין דער שפּיץ פון דער נייער מלוכה — דעם שעף פון די קראָאַטישע טעראָ־ריסטן־באַנדעס, אַנט פּאַוועליק, באַקאַנט אונטערן נאָמען פון „אוסטאַשי", פאַר וועלכן אַלע האָבן געציטערט. דער דאָזיקער פינצטערער פאַנאַטיקער, וועמענס אכזריותדיקע ווילדקייט האָט נישט געהאַט קיין גלייכן, האָט זיך שוין גע־

האָט באַקאַנט געמאַכט אין דער וועלט מיט דער אָרגאַניזירונג אין מאַרסעיל פון דעם מאָרד איבערן קעניג אַלעקסאַנדער פון יוגאָסלאַוויע און איבער דעם פראַנ־צויזישן מיניסטער, לואי באַרטו. דאָס פאַשיסטישע איטאַליע, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם מערדער צו פראַנקרייך. דער בונד צווישן דעם „פּאַגלאַווניק" פון די קראָאַטישע אוסטאַשים און צווישן די אַלירטע פון אַקס, איז אַזוי אַרום שטאַרק באַפעסטיקט געוואָרן שוין פון אַ לאַנגער צייט. דעריבער, קומענדיק צו דער מאַכט אין זאַגרעב, האָט ער זיך גלייך דערפילט בכוח צו מאַכן הערשן דעם אוסטאַשי־טעראָר, נישט זייענדיק לחלוטין געשטערט, דורך דער אָנוועזנקייט פון די אַקס־טרופּן, וועלכע האָבן מיליטעריש אָקופּירט די גאַנצע טעריטאָריע פון דער געוועזענער יוגאָסלאַוויע, וועלכע זיי האָבן צעטיילט אין צוויי זאָנעס פון אַ כמעט־גלייכן שטח: די זאָנע, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן מצד די איטאַליענער, האָט אַרייַנגענומען בערך די העלפט פון דער אייגנטלעכער קראָאַציע, דאַלמאַציע און מאָנטענעגראָ.

www.ltbtoor.com.cn

דער בלוטיקער טעראָר, וועלכער האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד אונטער דער ממשלה פון דער מיליץ און די אוסטאַשי־אָנהענגער, ביים אָנהויב זומער 1941, און וואָס איז געווען געווענדעט קעגן די סערבן, אָרטאָדאָקסן און יידן, האָט געפונען די פולשטענדיקע צושטימונג ביי די נאַציִשע אָקופּאַנטן. גאַנצע פאַמיליעס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן, שטעדטלעך זענען אַוועק מיטן רויך, שוידערלעכע אַקטן פון ווילדער פּערווערסיע זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אינגאַנצן אומבאַשטראָפט. אויב מען זאָל שוין אַפילו צווייפלען אין דעם אמת פון די שוידערלעכע פּרטים, וועלכע קורציאָ מאַלאַפּאַרטע ברענגט אַרויס אין זיין שוין צו אייגנאַרטיקן „קאַפּוט" — איז מען דאָך געצוואונגען צוצוגעבן, אויפן סמך פון דער גרויסער צאָל איינשטימיקע גבית־עדותן, אַז דער אוסטאַשי־טעראָר פון זומער 1941, האָט איינגעשריבן איינעם פון די שוידערלעכסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס דאָס אַליין רעדט שוין גענוגנדיק פאַר זיך. הויפּטזאַכלעך, זענען די יידן מאַסנווייז געוואָרפן געוואָרן אין די אמתע אויסראָטונגס־לאַגערן, ווי — דער לאַגער פון אינזל דע פּאַגאָ, וואו אומגעפער 8 טויזנט פון זיי זענען פאַרפּייניקט געוואָרן.

די רעאַקציע מצד די איטאַליענישע טרופּן לגבי אָט דער בעסטיאַליטעט־קוואַליע, איז געווען אַ באַלדיקע און ספּאָנטאַנישע. האַנדלענדיק לויט זייער איי־גענער איניציאַטיוו — עס האָט דאָ אין דעם פאַל, נישט געקענט זיין קיין רייד פון „העכערע אינסטרוקציעס" — האָבן זיך די איטאַליענישע אָפיצירן און סאָל־דאַטן, מיט אַלע מעגלעכקייטן געמיט — אין איינצלנע פאַלן אָדער גרופּנווייז — אַרויסצופירן די גערודפטע פון די באַדראָטע זאָנעס און באַהאַלטן זיי אין אַ זיכער אָרט, אָדער אויף די, דורך איטאַליע אַנעקסירטע טעריטאָריעס, צי גאָר אין סאַמע איטאַליע.

אַזוי ווי עס האַנדלט זיך, אין געגעבענעם פאַל, אין ספּאָנטאַנישע און „אומ־לעגאַלע" אַקטן, וועלכע זענען אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פאַר־זיכטיקייט, איז נישט מעגלעך וועגן דעם צו געבן קיין גענויע פּרטים, אויפן סמך

פֿון אַנטשפּרעכנדיקע דאָקומענטן. די איטאַליענישע מיליטערלייט, וועמענס וואונדערבאַרע מעשים פֿון מענטשלעכער העכסטער סאָלידאַריטעט דאַרפֿן דאָ דערמאָנט ווערן צו כּבוד, האָבן זיך געגנוג געהיטן נישט איבערצולאָזן קיין שפּור דערפֿון אין זייערע אָפֿיציעלע דאָקומענטן. דעריבער בלייבט די דאָזיקע תּקופֿה אַזוי ווי איינגעהילט אין אַ לעגענדאַרן נעפּל, וואו די גרוילטאַטן, וועלכע שטייגן אַריבער אפילו די קאָשמאַריקסטע פֿאָרשטעלונג אונטער דער ווירקונג פֿון די עקספּערימענטן אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריע־אויוונס — מישן זיך צונויף מיט די פּשוטע און נאָבעלע העלדישע מעשים לטובֿת — און דאָס קעגן אַלץ און אַלעמען — דער גרויסער זאָרג פֿון מענטשן־פֿאַרברידערונג.

די גבֿית־עדותן וועגן אָט דעם פּעריאָד — פֿון וועלכע אַ קליינע צאָל איז פֿאַראַן פֿאַרשריבן — טראָגן אַלע אויף זיך דעם חותם פֿון אַ פֿאָלקס־עפּאָפּייע, וועלכע צווינגט דעם אָביעקטיוון היסטאָריקער צו באַנוצן זיך מיט זיי בלויז מיט אויסערגעוויינטלעכער פֿאָרזיכטיקייט. אָבער אויב עס פֿעלן דאָקומענטאַרע קוועלן — צוליב די אויבן־אָנגעוויזענע טעמים — ווערן דאָך די גבֿית־עדותן און הויפּטזאַכלעך, דער לויף פֿון די געשעענישן, באַשטעטיקט אין די עיקר־ליניעס פֿון די שילדערונגען וועגן דעם טראַגישן זומער 1941.

מען קען דעריבער אָננעמען פֿאַר זיכער, אַז די הומאַניטאַרע שטעלונג אין באַצוג צו די קרבנות פֿון דער ראַסן־בעסטיאַליטעט, איז ספּאָנטאַניש אַדאָפּטירט געוואָרן — און וועמען עס איז באַקאַנט דער מהות פֿון איטאַליענישן פֿאָלק, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך — קודם־כּל אין די אונטערשטע רייען פֿון דעם היעראַרכיע־לייטער אין דער אַרמיי. די דאָזיקע שטעלונג איז געווען — ווי מיר וועלן דאָס זען — צום אָנהויב טאָלערירט און שפּעטער באַשטעטיקט ביי דעם העכסטן שטאַפּל.

די פֿאָלגנדיקע גבֿית־עדות, וואָס שטאַמט פֿון אַ הויכן באַאַמטן אין איטאַליענישן אויסערן־מיניסטעריום, און וואָס איז דורך אונז פֿאַרצייכנט געוואָרן — אילוסטרירט פֿולשטענדיק די דאָזיקע סיטואַציע. אין זומער 1941, האָט זיך דער דאָזיקער דיפּלאָמאַט געפֿונען אַמטלעך אין קראָאַציע, אַלס פֿאַרבינדעטער צו אַ מיליטערישער אָקופּאַציע־טרופּע. אין אַ געוויסן טאָג, געפֿונענדיק זיך אין דער אָפּיצירן־קאַנטינע, וואו ער האָט גענומען זיינע מאָלצייטן, האָט ער באַמערקט געוויסע געהיימע באַראַטונגען, וועלכע האָבן געהאַט פֿאַר אַ ציל אַוועקצופֿירן אין אַ זיכער אָרט, עטלעכע יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען באַזונדערס שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן דורך די אוסטאַשים. אַלע פֿאָרגעלייגטע מיטלען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט אויספֿירבאַר, צוליב דער וואַכזאַמקייט פֿון די דייטשע אַגענטן און אוסטאַשים, ווען פּלוצים האָט אַ יונגער לייטענאַנט פֿאָרגעשלאָגן אַוועקצופֿירן די יידן... אין די טאַנקסן. דער דאָזיקער דרייסטער פּלאַן איז גלייך אויפֿן אָרט אָנגענומען געוואָרן. די קראָאַטישע אויטאָריטעטן זענען אינפֿאָרמירט געוואָרן, אַז אַ גרופּע איטאַליענישע טאַנקסן האָט בדעה זיך צו לאָזן איבערן לאַנד, כּדי פֿונאַנדערצוטרייבן אַ שטאַרקע גרופּירונג פֿון סערבישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע האָבן — לויט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון די מיליטערישע אויסקונפֿט־

www.libtool.com.cn

אמטן — זיך געפונען אין דער אומגעגנט. און די טאנקן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אריין, מיטנעמענדיק אין זייערע געפּאַנצערטע קאַבינעס די יידן, וועלכע די אוסטאַשים האָבן ארומגעזוכט. די לעצטע, האָבנדיק עפּעס א חשד, האָבן נאָכגע־שפּירט דעם צוג און האָבן — אָן שום שוועריקייטן — אויפגעדעקט דעם אמת. דערויף האָבן די קראָאַטער אויטאָריטעטן צוגעשיקט דער איטאַליענישער קאָ־מאַנדאָ אַן אָפיציעלע און גענויע אָנקלאַגע; אונטער דער באַשולדיקונג פון האָבן באַנוצט די דאָזיקע דעסטרוקטיווע מאַשינען אויף צו ראַטעווען אומשול־דיקע קרבנות, זענען די טאַנק־אָפיצירן געשטעלט געוואָרן פאַר א קריגס־געריכט, וועלכעס האָט זיי פאַרמשפּט צו... עטלעכע טעג הויז־ארעסט.

ענלעכע פאַקטן זענען פאָרגעקומען גענוג אָפט און צאָלרייך, בכדי די דייטשן — אזוי ווי עס באַשטעטיקן דאָס אויספירלעך די דאָקומענטן, וועלכע מיר ברענ־גען דאָ פאַר — זאָלן זיך נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס וועגן דער האַלטונג פון זייערע איטאַליענישע אַלירטע. און דער גענעראַל וויטטאָריאָ אַמבראָזיאָ *) האָט געקענט מיט פולן רעכט אָנשרייבן אין זיין באַריכט, וואָס איז געווען גע־ווענדעט צום גענעראַל־שטאַב, דעם 2־טן מאַי 1946, דאָס פאָלגנדיקע:

„די קאָמאַנדאָ פון דער 2־טער אַרמיי, זייענדיק גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער 2־טער און 3־טער זאָנע (פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע), האָט נישט נאָר געגעבן איר שטומע הסכמה צו דעם אַלעם, וואָס אירע אָפיצירן, אונטער־אָפיצירן און סאָלדאַטן האָבן געטאָן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון טויזנטער סערבן, אָרטאָדאָקסן און יידן, נאָר האָט אויך לחלוטין נישט געשטערט דעריין, אַז עס זאָלן, צו דעם צוועק, באַ־נוצט ווערן פאַרשידענע מיליטערישע טראַנספּאָרט־מיטלען".

ביים סוף פון דאָזיקן שחיטה־יאָר, האָבן די איטאַליענער באַשלאָסן אינגאַנצן צו אָקופּירן די ים־ברעג זאָנע, אין דער ברייט פון 50 קילאָמעטער, און דאָרטן איבערנעמען די ציווילע אַדמיניסטראַציע. די אוסטאַשים האָבן זיך צוריקגעצויגן ביז איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע, אין דער זאָנע וואָס איז אָקופּירט געווען דורך די דייטשן און, פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן, האָבן די יידן און סערבן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער איטאַליענישער זאָנע — געהאַט א רעלאַטיוו לאַנגן פּעריאָד פון רואיקייט און זיכערקייט. צוגלייך ווי מיט א יאָר שפּעטער, די 8 פראַנצויזישע דעפּאַרטעמענטן פון דרום־מזרח, אזוי איז אויך די ים־ברעג זאָנע פון דער געוועזענער יוגאָסלאַוויע געוואָרן צו א „מקלט־זאָנע" פאַר אַלע די, וואָס זענען באַדראָט געווען פון די ראַסן־פאַרפאָלגונגען אויף די טעריטאָריעס, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. די יידן, קעגן וועלכע עס איז, מצד דער קראָאַטישער רעגירונג פאַרעפנטלעכט געוואָרן א ספּעציעלע געזעצגעבונג פון מאַי 1941 — (זי איז אין דער אמתן אָנגעווענדעט געוואָרן בלויז אין דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע) און איבער וועלכע עס זענען במשך

*) זען ביילאַגע I, נאָטע 2) ג).

פון זומער אדורכגעפירט געוואָרן שוידערלעכע שחיטות מצד די אוסטאַשים און וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די לאַגערן פון אינזל דע פּאַגאַ און יאַסע־נאָוואַק — האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען אַדורכצושוואַרצן די דעמאַרקאַציע־ליניע און אַריינקריגן זיך אין דער איטאַליענישער זאָנע. צום אומגליק, האָט זיך זיי דאָס איינגעגעבן בלויז אין זעלטענע פאַלן; ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, מיט אַ יאָר שפּעטער, אין זומער 1942, האָט די יידישע קאָלאָניע אין דער „מקלט־זאָנע" געציילט אומגעפער דריי טויזנט פּערזאָן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט מערסטנטיילס, אין ספּאַלאַטאָ, סעבעניקאָ און קאַטאַראָ. די דאָזיקע יידן האָבן דאָרטן גענאָסן פון פולער פרייהייט, אונטער דער שוץ פון דער פּאָן, וואָס האָט געהערט צו דער צווייטער מאַכט פון דער שטאָל־אַקס...

**
*

ביים סוף זומער 1942, ווען די כוואַליע פון דעפּאָרטאַציעס אין דער ריכ־טונג צום „פּוילישן שעכט־הויז" האָט פאַרפלייצט גאַנץ אייראָפּע, וואָס איז גע־ווען אונטערװאָרפן צום רייך, האָבן די דייטשן באַשלאָסן, אַז דער „באַלקאַנישער" טעראָר פון די אוסטאַשים האָט שוין גענוג געדויערט אין קראָאַציע, און אַז עס איז געקומען דער מאָמענט צו פאַרטרעטן אים מיט מער מאָדערנע און ווירק־זאַמע מעטאָדן פון דער אינדוסטריעלער אויסראָטונג. זיי האָבן אונטערגעחתמעט מיט דער רעגירונג פון „פּאָגלאָווניק", אַנטע פּאַוועליק, אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן אַלע יידן, וואָס וואוינען אין קראָאַציע, דאַרפן דעפּאָרטירט ווערן קיין פוילן אַלס „אַרבעטער", זעלבסטפאַרשטענדלעך. די קראָאַטישע רעגירונג האָט אַפילו באַדאַרפט אָפּצאָלן די סומע פון 30 מאַרק פאַר יעדן דעפּאָרטירטן ייד, בכדי צו אַנטשעדיקן דאָס רייך, פאַר דער אַרבעט, וואָס עס נעמט אויף זיך, אָרגאַניזירנ־דיק די טויטן־טראַנספּאָרטן. נאָכן האָבן אַדורכגעפירט דעם אָפּמאַך, האָבן די דייטשן און קראָאַטן נישט געקענט פאַרגעסן די יידן, וועלכע האָבן זיך רואיק און אין פולער זיכערקייט ווייטער געלעבט הינטער דער דעמאַרקאַציע־ליניע. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצואיבן אַ פעסטן דרוק אויף די איטאַליענישע אויטאָריטעטן, בכדי אַרויסצוקריגן זייער אויסליפערונג.

פון דאָזיקן מאָמענט אָן, טראַנספאָרמירט זיך די איטאַליענישע שוץ איבער די יידן: פון אונטערערדישע און ספּאָנטאַנישע אַקטן מצד די נידעריקערע מי־ליטער־לייט ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ דיפּלאָמאַטישער אַקציע, וועמענס עטאַפּן קענען לייכט פעסטגעשטעלט ווערן אויפן סמך פון דער אָפיציעלער קאָרעספּאָנ־דענץ. אונזער שילדערונג וועט דעריבער פון איצט אָן, נאָכפאָלגן דעם לייט־פאָ־דעם פון די אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע איטאַליענישע דאָקומענטן, צוגעבנ־דיק גלייכצייטיק די אַנטשפּרעכנדיקע אויסשניטן פון די צאָלרייכע דייטשע אָרי־גינעלע אַקטן. די דאָזיקע מעטאָדע זעט אויס צו זיין די, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די אמתע אָביעקטיוויטעט־גאַראַנטיע.

דער ערשטער דייטשער דאָקומענט, וועלכער וועט אונז דינען צו אָט דעם

צוועק, און וועמענס אינהאַלט, ווי אויך דער טאָן, שטימען מיט די פאַקטן, ביי וועלכע מיר האָבן זיך ביז איצט געהאַלטן — איז אַ נאָטע פון געהילפס־סעקרעטאַר ביי דער רעגירונג, לוטהער, צום רייכס־אויסערן־מיניסטעריום, וואָס איז געווען באַשטימט אויף איבערגעגעבן צו ווערן צום באַשליסן, דעם מיניסטער ריבענטראָפּ און וואָס איז דאַטירט פון 24־טן יולי 1942 *).

www.hbtool.com.cn

אין דער דאָזיקער נאָטע שרייבט לוטהער, אַז אין זאַגרעב באַשעפטיקט „מען" זיך מיט דער שטעלונג, וואָס די איטאַליענישע מאַכט וועט אָנעמען לגבי די אַנטי־יידישע מאָסמיטלען און, הויפּטזאַכלעך, אין שייכות מיט דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע, וועלכע איז „איצטער אין צוגרייטונג". „וואָס שייך דער קראָאַטישער זייט" — זעצט פאָר לוטהער — „איז מען אין פּרינציפּ איינשטימיק מיט דער יידן־דעפּאָרטאַציע און מען האַלט פאַר באַזונדערס וויכטיק די דעפּאָרטאַציע פון די 4 ביז 5 טויזנט יידן, וועלכע געפינען זיך אין דער 2־טער זאָנע, וואָס איז אָקופּירט דורך די איטאַליענער (מיט די וויכטיקסטע שטעדט דובראָווניק און מאָסטאַר) און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר — פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט — אַ גרויסן שטערונגס־פּונקט, וועמענס באַזייטיקונג וועט ברענגען אַן אַלגעמיינע פאַרלייכטערונג".

אָט דאָס איז דער „טשוואָק" פון דער פראַגע. לוטהער ווייסט ביי וואָס זיך צו האַלטן, דאָ וואו עס האַנדלט זיך וועגן די איטאַליענער. „מיר באַזיצן באַווייזן" — זאָגט ער — „פון דעם עפעקטיוון ווידערשטאַנד מצד דער איטאַליענישער מאַכט קעגן די אַנטי־יידישע מאָסנאַמען פון דער קראָאַטישער רעגירונג".

בכדי צו פאַרזיסן די דאָזיקע פּיל, וואָס איז אַזוי ביטער פאַרן גומען פון זיין מיניסטער, באַאיילט ער זיך צוצוגעבן, אַז די געגעבענע פּריווילעגיעס זענען צוגעטיילט געוואָרן בלויז די „פאַרמעגלעכע" יידן. אָבער אין דער ווייטערדיקער פראַזע, איז ער געצוואונגען צו ברענגען דעם ענטפער פונעם שעף פון איטאַליענישן גענעראַל־שטאַב פון מאָסטאַר, וואָס קלינגט אינגאַנצן אַנדערש: דער דאָזיקער גענעראַל דערקלערט „נישט צו קענען געבן זיין צושטימונג צו דער דעפּאָרטאַציע פון די יידן, ווייל אַלע איינוואוינער פון מאָסטאַר האָבן באַקומען די פאַרזיכערונג אין אַ גלייכער באַהאַנדלונג". קיין שום אָנצוהערענישן זענען שוין דאָ מער נישט גילטיק — מען שטויסט זיך אָן אין אַ בולט־באַשטימטער שטעלונג.

און אָט איז נאָך בעסער: „דער דייטשער גענעראַל־אינספּעקטאָר פון „וועגעבאַואַמט" (אָרגאַניזאַציע טאָדט) ברענגט, אַז דער שעף פון איטאַליענישן גענעראַל־שטאַב האָט אים דערקלערט „אַז עס איז נישט אין איינקלאַנג מיטן כבוד פון דער איטאַליענישער אַרמיי, אָנצונעמען קעגן די יידן אַזעלכע אויסנאַמלעכע מאָסמיטלען, ווי די וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע טאָדט און וואָס צילן צו רעקוויזיאָנירן וואוינונגען, וועלכע די לעצטע דאַרף דרינגנד האָבן".

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט II.

לוטהער פאַרענדיקט, אינפאָרמירנדיק דעם מיניסטער, אַז דער רייכס־אַמבאַסאַדאָר אין זאַגרעב — קאַשע — איז ביי דער מיינונג, אַז מען וואָלט באַדאַרפט, אָן שום אָפּליוג, אַדורכפירן די דעפּאָרטאַציע פון די יידן, וועלכע וואוינען אויף דער גאַנצער קראָאַטישער טעריטאָריע, און אַז אין לויף פון אויספירן די דאָזיקע מאָסנאַמען, זענען פאָראויסגעזען שוועריקייטן אין די איטאַליענישע אָקופּאַציע־זאָנעס.

www.libtool.com.cn

עטלעכע צוגעשריבענע נאָטעס וועלכע זענען בייגעלייגט צום דאָזיקן דאָקומענט, גיבן אָנצוגעהערן, אַז ריבענטראָפּ האָט באַשלאָסן צו אינטערווענירן ביי דער רוימישער רעגירונג, אַז זי זאָל ווירקן אויף די איטאַליענישע אויטאָריטעטן וועגן אַ בעסערער פאַרשטענדיקונג פון זייערע פליכטן אַלס פאַרבינדעטע. דעם 17־טן אויגוסט אינדערפרי, האָט דער פרינץ אָטטאָ פאָן ביסמאַרק, באַפולמעכטיקטער אויסערן־מיניסטער, רייכס־אַמבאַסאַדע־ראַט אין רוים, זיך טאַקע געמאָלדן צום איטאַליענישן אויסערן־מיניסטער. ער האָט פאָרגעלייענט פאַרן שעף פון טשיאַנאָס קאַבינעט, אַ טעלעגראַמע פון ריבענטראָפּן, וועלכער בעט, אַז אַנטשפּרעכנדיקע אינסטרוקציעס זאָלן צוגעשיקט ווערן צו די איטאַליענישע מיליטערישע אויטאָריטעטן אין קראָאַציע, בכדי זיי צו באַוועגן, אַז זיי זאָלן איבערגעבן אין די הענט פון די דייטש־קראָאַטישע אויטאָריטעטן, די יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע. ביסמאַרק האָט דערביי אויף אַ דיסקרעטן אופן, געגעבן אָנצוגעהערן, וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט די באַטרעפנדיקע יידן, אויב ריבענטראָפּס ווענדונג זאָל דערפילט ווערן.

דער לעצטער שטריך איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געוויינטלעכער באַנעמונג פון אָט דעם נאָכפאָלגער פון „אייזערנעם קאַנצלער". די איטאַליענישע פערזענלעכקייט, וועלכע איז ספּעציעל גוט באַקאַנט מיט די אויסערלעכע ענינים פון איר לאַנד, און וועלכע באַהאַלט זיך אויס אונטערן פסעוודאָנים „וועראַקס" — שילדערט אויף אַזאַ אופן דעם פרינץ פאָן ביסמאַרק — אין זיין אויסגעצייכנטן אַרטיקל „איטאַליענער און יידן אין יוגאָסלאַוויע", וועלכעס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייטשריפט „פּאָליטיקאַ עסטעראַ" אין אָקטאָבער 1944 *).

„אַליין אַן אייניקל פון דעם גרויסן קאַנצלער, איז ער (אָטטאָ פאָן ביסמאַרק) נישט ענלעך געווען צום גרינדער פון דער דייטשער אימפּעריע: ער האָט נישט געירשנט נישט פון זיין פיזישן אויסזען אַלס גרענאַדירער פון פּאָמעראַניע (זיין געזיכט איז געווען שלאַבעריק, ער האָט כסדר געטראָגן ברילן, זיינע האָר זענען געווען פּאָמאַדירט און געקרייזלט) און אויך נישט פון מינדעסטן טיילכל פון זיין אינטעלעקטועלן ניווא, וואָס האָט אים, אגב, נישט געשטערט צו וועלן ווי ווייט מעגלעך, אימיטירן די אַראָגאַנץ און די אויסערגעוויינטלעכע זעלבסטצופרידנקייט פון זיידן. דער יונגער

---

*) זען ביילאַגע I, נאָטע 2), א).

www.libtool.com.cn

ביסמאַרק איז געווען אַ קרבן פון אָט דעם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס אין באַצוג צו די ענגלענדער און צו דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט אין אַלגעמיין, וואָס איז אַ אָפּטע דערשיינונג ביי אַלע דייטשן, נאָר וואָס ביים העכערן קלאַס, נעמט עס אָן די פאָרם פון אַ מין נאָסטאַלגישן סנאָביזם. און דאָס האָט אים טיילמאָל באַ**וואוינגן ארויסצוברענגען** — מיט אַ שטיל קול און צווישן זיכערע פערזאָנען — עטלעכע קריטישע באַמערקונגען לגבי געוויסע מאַניפעסטאַציעס פון דער נאַצישער פּאָליטיק. וואָס שייך דעם איבע**ריקן, פלעגט ער אויספירן די באַקומענע פאַראָרדענונגען**, האָבן זיי געמעגט זיין ווי רעוואָלטירנדיק, גובר זייענדיק די פאַרצווייפלונג, וועלכע ער האָט אפשר געפילט — מיט דער הילף פון אַ בכיוונדיקער אומאַנגענעמער האַרטקייט".

מיט דעם דאָזיקן פרימאָרגנדיקן וויזיט מצד דעם פרינץ פאָן ביסמאַרק, הויבט זיך אָן פונאַנדערצוּוויקלען אַ דיפלאָמאַטישער פילם, אינגאַנצן ענלעך צו דעם, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט מיט 5 חדשים שפּעטער, אין שייכות מיט דער איטאַליענישער „מקלט־זאָנע" אין פראַנקרייך און וועלכער איז נאָר־וואָס געשילדערט געוואָרן אינעם פריערדיקן קאַפּיטל (זען זייט 128). דער שעף פון קאַבינעט זאָגט צו איבערצוגעבן דעם קאָמוניקאַט צום גראַף טשיאַנאָ און צו מוסאָליניִן, ווי אויך צו אינפאָרמירן דעם פרינץ פאָן ביסמאַרק וועגן דעם ענטפער, וואָס וועט אים געגעבן ווערן.

מיט דריי טעג שפּעטער, דעם 20־טן אויגוסט, טעלעגראַפירט דער רייכס־אַמבאַסאַדאָר פון זאַגרעב — קאַשע — צו זיין מיניסטעריום *),אַ דרינגנדע ווענדונג, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אינטערווענץ ביים איטאַליענישן רעגירונגס־שעף (ער ווייסט, קענטיק, גאָרנישט וועגן דער אינטערווענץ, וואָס ביסמאַרק האָט שוין געהאַט אַדורכגעפירט). אין דער דאָזיקער טעלעגראַמע ברענגט ער אַ געשפּרעך מיטן איטאַליענישן פאָרשטייער אין קראָאַציע, קאַזערטאַנאָ, וועלכער האָט „אויסגעמיטן אָנצונעמען אַ פערזענלעכע שטעלונג" לגבי דער יידן־פראַגע אין דער איטאַליענישער זאָנע. ער גיט צו, אַז די זעלבע איטאַליענישע פערזענלעכקייט האָט דערקלערט דעם קראָאַטישן אויסערן־מיניסטער, לאָרקאָוויטש, אַז אויב אפילו די דעפּאָרטאַציע פון די יידן זאָל זיין אָפּהענגיק פונם גענעראַל ראָאַטאַ, קאָמענדאַנט פון דער 2־טער איטאַליענישער אָקופּאַציע־אַרמיי, איז דערצו אומבאַדינגט נויטיק דער פערזענלעכער באַשלוס פון דוטשע.

איידער זיי האָבן געגעבן זייער ענטפער דעם רייך, האָבן די אַמטן פון איטאַליענישן אויסערן־מיניסטעריום צוגעגרייט צוויי מעמאָראַנדומס, איינעם פאַרן גראַף טשיאַנאָ, דעם צווייטן פאַרן דוטשע. דער ערשטער האָט אויפריכטיק אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ נעגאַטיוון ענטפער (מען האָט אין די אַמטן שוין געוואוסט וועגן דער פערזענלעכער מיינונג פון מיניסטער). דער

---

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט III.

צוויטער, שוין מיט מער פֿאַרזיכט — האָט זיך באַגנוגנט מיט אָנצוהערענישן איבערן שרעקלעכן גורל, וועלכער דערוואַרט די דעפּאָרטירטע יידן. מוסאָליני האָט צוגעשריבן אויפֿן ראַנד פֿון דעם מעמאָראַנדום מיט ברייטע שטריכן פֿון זיין בלויען בליישטיפֿט: „נוללאַ אָסטאַ" *). די דאָזיקע לאַטייניש פֿאָרמול האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַטאַל פֿאַר די טויזנטער פּליטים פֿון דער איטאַליענישער זאָנע אין קראָאַציע. דער ענטפֿער צום רייך איז געווען אַ באַשטעטיקנדיקער.

www.libtool.com.cn

„אָבער", זאָגט ה' וועראַקס: „די אידיי אַז אַזאַ מין פֿאַרברעך זאָל טאָלערירט ווערן מיט אַן אייז־קאַלטער גלייכגילטיקייט, און אַז דערצו נאָך זאָלן איטאַליע און די איטאַליענער זיין קאָמפּראָמיטירט מיט זייער באַטייליקונג, האָט אויסגעזען אומדערטרעגלעך פֿאַר עטלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וועלכע זענען געוואוינט געווען נאָכצוגיין דעם אימפּולס פֿון זייער געוויסן, ווען ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט באַפֿעלן פֿון אַן אומזיניקן און פֿאַרברעכערישן כאַראַקטער" **). מען האָט נאָכגעפֿאָרשט די מיטלען צו סאַבאָטירן דעם באַשלוס פֿונעם פֿאַשיסטישן טיראַן און — אויב מעגלעך — אים צו מאַכן אומאויספֿירבאַר.

דער רעזולטאַט פֿון אַזעלכע באַמיאונגען, איז געווען די נאָטע, אונטערגעחתמעט מצד דעם שעף פֿון קאַבינעט ביים אויסערן־מיניסטעריום און אַדרעסירט צום העכסטן מיליטערישן קאָמאַנדאָ, פֿון וועלכן עס איז געווען אָפּהענגיק די 2־טע אָקופּאַציע־אַרמיי אין קראָאַציע — דעם 29־טן אויגוסט 1942. די דאָזיקע נאָטע האָט דערקלערט, אַז די ווענדונג מצד דער רייכס־רעגירונג אין שייכות מיט דער יידן־דעפּאָרטאַציע פֿון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין קראָאַציע — איז „גענומען געוואָרן אין באַטראַכט". אָבער אין געגעבענעם פֿאַל — האָט די נאָטע דערקלערט — האַנדלט זיך דאָ וועגן די יידן, וועלכע האָבן פֿריער געוואוינט אויף דער קראָאַטישער טעריטאָריע, אייגנטלעך, מיטן אויסנאַם פֿון די, וועלכע שטאַמען פֿון די טעריטאָריעס, וועלכע זענען אַנעקסירט צו איטאַליע, אָדער „זענען אויך וואָס פֿאַר אַ נישט איז אופֿן, געבונדן מיט די דאָזיקע טעריטאָריעס". דער מיניסטער האָט דעריבער געבעטן ביים העכסטן קאָמאַנדאָ, אים באַקאַנט צו מאַכן די צאָל פֿון די פּערזאָנען, וועלכע פֿאַלן נישט אַרונטער אונטער דעפּאָרטאַציע און האָט זיך דערקלערט גרייט צו יעדן מין מינדלעכער פֿאַרשטענדיקונג אין דעם דאָזיקן ענין.

---

*) „קיין אָפּאָזיציע".

**) מיר קענען, אגב, נישט אַריבערגיין מיט פֿאַרשוויגן די נעמען פֿון די הויפּט־רעאַליזאַטאָרן פֿון דער איניציאַטיוו, וואָס איז געקומען מצד דעם איטאַליענישן אויסערן־מיניסטער. די דאָזיקע איניציאַטיוו איז אונטערגענומען געוואָרן דורך ה' וויטעטי, גענעראַל־דירעקטאָר פֿון מי־ניסטעריום, און איז פֿאָרגעזעצט געוואָרן, נאָך זיין אַוועקגיין, דורך ה' ווידאַו, געהילפֿס־גענעראַל־דירעקטאָר, וועלכער האָט גאָר באַזונדער און אומדערמידלעך געקעמפֿט קעגן דער פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיווער מאַשין, וועלכע האָט געצילט צו צעמאָלן — ביז צום לעצטן מענטש — די יידישע באַפֿעלקערונג אין דעם אָקופּירטן אייראָפּע. און ער האָט אַריינגעלייגט אין אָט דעם קאַמף, זיין גאַנצע ענערגיע, ריזיקירנדיק אפֿילו, אין געוויסע פֿאַלן, מיט זיין אויטאָריטעט און פּערזענלעכער סיטואַציע.

דער דאָזיקער טעקסט — ציטירט לויט דעם ארטיקל פון ה' ווערּאקס — איז אַ טיפּישער מוסטער פון די דערפינדערישע מעטאָדן, וועלכע עס האָבן אָנגע־ווענדעט די „פּאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן", וועגן וועלכע ווערּאקס דערמאָנט, כדי צו נישט צו מאַכן די אויסגעשפּראָכנסטע באַפעלן פון „אַלמעכטיקן" מוסאָליני. אַזוי ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט די „מינדלעכע פאַרשטענדיקונג" צווישן מיניסטעריום אין רוים, דעם העכסטן קאָמאַנדאָ און צווישן דער 2־טער אַרמיי — זיך פאַרענדיקט מיט „דער נויטווענדיקייט אדורכצופירן אַ ציילונג פון די פאַרשידענע גרופּן יידישע פּליטים" און דאָס נאָר, כדי צו געווינען צייט. דאָס רייך איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אָט די „מאָסמיטלען".

אָבער די דייטשן זענען נישט אָפּגעטראָטן. אַ נאָטע פון 25־טן סעפּטעמבער, אַדרעסירט צו לוטהערן אין נאָמען פון ריבענטראָפּן *), ברענגט די ידיעה, אַז בעת זיין באַזוך אין פירערס הויפּטקוואַרטיר, האָט דער קראָאַטישער „פּאָגלאַוור־ניק" געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַקט, אַז דעם דוטשעס באַשלוס וועגן די יידן־דעפּאָרטאַציעס פון דער איטאַליענישער זאָנע „איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט די לאָקאַלע מיליטערישע אויטאָריטעטן".

צוליב דעם אינטערעס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר פאַרן רייך, דאָס דערווייטערן פון קראָאַציע אַלע עלעמענטן, וועלכע זענען „נוצלעך פאַרן שונא"(!), בעט דער אויסערן־מיניסטער פון רייך, אַז עס זאָלן נאָכאַמאָל געבעטן ווערן וועגן דעם אינפאָרמאַציעס ביי דער איטאַליענישער רעגירונג. די נאָטע גיט צו, מיט אַן עכט־דיפּלאָמאַטישער פּרעציזיקייט, אַז די דאָזיקע בקשה וועגן אינפאָר־מאַציעס, דאַרף נישט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אייגנטלעכער „אינטער־ווענץ".

אַ צווייטער דאָקומענט, וואָס איז דאַטירט פון אַ טאָג פריער, ד. ה. פון 24־טן סעפּטעמבער **), גיט אונז אַ גענויער בילד וועגן דעם אמתן מצב פון די איטאַליעניש־דייטשע פּאָליטישע באַציאונגען און פון דער ראָל, וואָס אין די דאָזיקע באַציאונגען האָט געשפּילט דער גורל פון די יידן אין דער איטאַליעני־שער זאָנע אין קראָאַציע: עס האַנדלט זיך וועגן אַ נאָטע, אינספּירירט דורך ריבענטראָפּן און וואָס אַנטהאַלט דירעקטיוון, וואָס דער מיניסטער האָט צוגע־שיקט צו זיין אַמבאַסאַדאָר אין זאַגרעב — קאַשע, וועלכער איז באַאויפטראַגט געוואָרן דורכן פירער צוצוגרייטן אַ מעמאָראַנדום וועגן דער סיטואַציע אין לאַנד.

ריבענטראָפּ עצה'ט קודם־כל צו רעדאַגירן דעם באַריכט אויף אַ פאָרזיכ־טיקן אופן, כדי דער פירער זאָל אים קענען באַקאַנט מאַכן דעם דוטשע. „דערי־בער, כדי נישט צו פאַרלעצן איטאַליע, איז ווינטשנסווערט אָנצוווענדן אַן אַנטשפּרעכנדיקע דיפּלאָמאַטישע שפּראַך" — דערקלערט ער. עס גייט אַלזאָ נישט אַלצדינג ווי אַמבעסטן צווישן די צוויי פּאַרטנערן פונעם שטאָל־אַקס — און דער ווייטערדיקער אינהאַלט באַשטעטיקט עס נאָך מער.

די נאָטע דערקלערט קודם־כל, אַז אייגנטלעך האָט דאָס רייך נישט קיין

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט IV.

**) זען ביילאַגע, דאָקומענט V.



www.libtool.com.cn

שום פּאָליטישע אינטערעסן אין קראָאַציע. „דער קראָאַטישער רוים" ווייזט זיך אָבער צוליב דעם אַרויס נישט פון קיין קלענערער וויכטיקייט: די פאַרבינדונגען מיטן אַפריקאַנישן קאָרפּוס פון ראָממעלן גייען אַדורך קראָאַציע, די קראָאַטישע באָקסיט־מינעס זענען פון אַ גרויסן ווערט. און דערצו — באַטראַכטנדיק דעם „קראָאַטישן רוים" אַלס אַ נעסט פון אומרועןאון אַלס דאָס וויגעלע פון דער אייראָפּעאישער באַוועגונג קעגן דער אַקס — פאַראַשוטירט ענגלאַנד דאָרטן אירע אַוויאָנען און לאַנדעט דאָרטן אויס, דורך אירע אונטערוואַסער־שיפן, געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל, אַנטוויקלענדיק גלייכצייטיק דאָרטן איר פּראָפּאַגאַנדע און איר שפּיאָנאַזש. „די ענגלישע אַקציע ווערט אונטערשטיצט דורך די יידן" — שטרייכט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אונטער די נאָטע.

נעמענדיק אין אַכט, אַז איטאַליע האָט, אויפן מיליטערישן געביט, נישט דערפילט אַלץ, וואָס זי האָט צוגעזאָגט און וואָס מען האָט געהאַט רעכט פון איר צו דערוואַרטן — זענען די אַקס־אויטאָריטעטן נישט געווען אימשטאַנד צו באַהערשן די לאַגע אין קראָאַציע. דאָס רייך לייגט פאָר, כדי „צו מאַכן אָרדענונג אין אָט דעם רוים" — אונטערצונעמען אונטער אַן איינהייטלעכן, נאַטירלעך, דייטשן קאָמאַנדאָ — אַ ספּעציעלע אַקציע, וועלכע זאָל אַדורכגעפירט ווערן מיטן אָנטייל פון מערערע דייטשע, קראָאַטישע און איטאַליענישע דיוויזיעס. נאָכן האָבן באַשטימט די פּרטים וועגן דער צאָל נויטיקע איינהייטן, כדי דערפאָלגרייך אַדורכצופירן די דאָזיקע „אַקציע" — גייט די נאָטע איבער צום יידישן פּאַראַגראַף (דעם 6־טן) מיט די דאָזיקע ווערטער:

„ביז איצט איז די סראָאַטישע אַנטי־יידישע געזעצגעבונג אָנגעווענדעט געוואָרן בלויז אין צפון־קראָאַציע; וואָס שייך דעם דרום — איז איר אָנווענדונג געשטערט געוואָרן דורכן איטאַליענישן ווידערשטאַנד, נישט קוקנדיק אויף דער הסכמה מצד דעם דוטשע, אַז די באַטרעפנדיקע געזעצגעבונג זאָל אָבליגאַטאָריש איינגעפירט ווערן אויך אין דער דרום־זאָנע. די אָנווענדונג פון דער אַנטי־יידישער לעגיסלאַטור אין דרום־קראָאַציע איז אומבאַדינגט נויטיק. דער „פּאָגלאַווניק" איז גרייט זי אַדורכצופירן".

די דאָזיקע דייטשע טעקסטן זענען — גלויבן מיר — גענוג דייטלעך און באַשטעטיקנדיק, כדי צו געבן דעם ריכטיקן באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דעם „איטאַליענישן ווידערשטאַנד".

די ווענדונג וועגן אינפאָרמאַציעס — וועלכע האָט באַדאַרפט זיין „נישט־ענלעך צו אַן אינטערווענץ" — איז געמאַכט געוואָרן אין רוים, דעם 3־טן אָקטאָבער, מצד דעם אַמבאַסאַדע־ראַט, פאָן פּלעססען. דער דייטשער דיפּלאָמאַט האָט געבעטן אין איטאַליענישן אויסערן־מיניסטעריום אַ קלאָרן ענטפער וועגן דעם פּראָבלעם פון די יידן, וועלכע האָבן זייער רעזידענץ אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין קראָאַציע. לויט זיין באַהויפּטונג — זענען די אינסטרוקציעס וועגן דעם ענין נאָך נישט אָנגעקומען צו די מיליטערישע אויטאָריטעטן אויפן



www.libtool.com.cn

אָרט, און ער האָט געגעבן אָנצוגעהערן אַז — לויט די קלאַנגען, וועלכע פאַר־שפּרייטן זיך אין געוויסע דייטשע קרייזן — זאָל דער מיניסטער גראַף טשיאַנאָ, האָבן אַ שטיקל שייכות צו דער דאָזיקער פאַרשפּעטיקונג, וועלכע איז, אגב, זייער באַדויערנסווערט.

בעת דאָס רייך האָט אַזוי אַרום אויסגעאיבט זיין דרוק אויף דער רוימישער רעגירונג, האָבן די עקספּערטן פון קידזשי־פּאַלאַץ „נאָכגעפאָרשט" די מאָדאַליטעטן פון דער ציילונג אַדורכצופירן אין די יידישע קאָלאָניעס וועלכע געפינען זיך אונ־טערן פּראָטעקטאָראַט פון דער 2־טער אָקופּאַציע־אַרמיי אין קראָאַציע — בכדי פעסטצושטעלן, וועלכע זענען דאָס צווישן זיי די יידן, וואָס קענען באַטראַכט ווערן אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן וועלכע נישט איז פאַרבינדונג מיט די אַנעקסירטע — דורך איטאַליע — טעריטאָריעס.

צו דער זעלבער צייט, האָבן די „פּאַראַנטוואָרטלעכע" קרייזן פון איטאַליע־נישן מיניסטעריום, אויסגעברייטערט אַן אינטענסיווע אַקטיוויטעט, מיטן ציל אויפצווווירקן אויף דער קראָאַטישער רעגירונג אַ מערער הומאַניטאַרע באַציִ־אונג. די נונציאַטור פון זאַגרעב האָט — פון איר זייט — אונטערגעשטיצט אויף זייער אַן ענערגישן אופן, די דאָזיקע באַמיאונגען, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ פאָרשלאַג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מצד דעם קראָאַטישן פאָרשטייער פּעריטש, דעם 20־טן אָקטאָבער, און וואָס קען פּיל־ווייניק אַזוי רעזומירט ווערן:

די קראָאַטישע רעגירונג וועט גאָרנישט האָבן דאַקעגן, אויב די יידן פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע זאָלן אַריבערגעפירט ווערן קיין איטאַליע, מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך ענטגילטיק אָפּזאָגן פון זייער גאַנצן פאַרמעגן, וואָס געפינט זיך אויף דער קראָאַטישער טעריטאָריע. פּעריטש איז נאָך געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אויסגעדריקט אַ פּרומען וואונטש, — אגב אַ ריין־פּער־זענלעכן — אַז די פאַרגעשלאָגענע לייזונג זאָל אַקצעפּטירט ווערן דורך דער רוי־מישער רעגירונג, בכדי אַ דאַנק דעם זאָלן די יידן אויסמיידן דעם שוידערלעכן גורל, וואָס דערוואַרט זיי אין פּוילן.

דעם זעלבן טאָג האָט קאַשע צוגעשיקט קיין בערלין אַ זייער אינטערעסאַנטע טעלעגראַמע, אין וועלכער ער גיט איבער, ווי אַזוי די לאַגע איז אים פאָרגעשטעלט געוואָרן דורכן קראָאַטישן אויסערן־מיניסטער — לאָרקאָוויטש *). דער לעצטער האָט גאַנץ אָפן דערציילט וועגן דעם איטאַליענישן דרוק אויף פּעריטשן:

„...דער קראָאַטישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים איז אויסגעפרעגט געוואָרן דורכן איטאַליענישן אויסערן־מיניסטער וועגן די יידן אין דער 2־טער זאָנע. די איטאַליענער האָבן, ביי דער דאָזיקער געלעגנ־הייט, אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז קראָאַציע זאָל פאָרשלאָגן דער איטאַליענישער רעגירונג דורך אַ מינדלעכער נאָטע, אַז זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט די יידן פון דער 2־טער זאָנע".

נישט דערמאָנענדיק דעם פאַקט, צי די דאָזיקע אינטערווענץ, וועלכע איז

---

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט VI.

„סוגערירט" געוואָרן דורך די איטאַליענער, איז טאַקע פאָרגעקומען — מען דאַרף קענען זיין א „דיפּלאָמאַט", ווען מען איז באַאויפטראַגט מיט דער אויסערן־פּאָליטיק פון א מלוכה! — באַלייכט לאַרקאָוויטש די שטעלונג פון דער קראָאַטישער רעגירונג צו דעם איטאַליענישן פאָרשלאַג: דער אָפּמאַך מיטן רייך וועגן דער יידן־דעפּאָרטאַציע, שטערט קראָאַציע צו געבן איר הסכמה צום טראַנספּער פון די יידן קיין איטאַליע, אָן דער באַשטעטיקונג פון איר פאַרבינדעטן; אויב אָבער אזא מין טראַנספּער וועט זיך אַרויסווייזן פאַר רעאַליזירבאַר, וועט קראָאַציע פאָדערן ביי איטאַליע די זעלבע באַדינגונגען, וועלכע זענען איר צוגעזאָגט געוואָרן דורכן רייך (דאָס הייסט: דאָס רעכט צו דיספּאָנירן מיטן פאַרמעגן פון די טראַנספּערירטע יידן).

www.libtool.com.cn

נאָכן האָבן איבערגעגעבן זיין שמועס מיט לאַרקאָוויטשן — גיט קאַשע צו, פון זיך פערזענלעך:

„איך האָב וואָס אמאָל אַלץ מער דעם בולטערן איינדרוק, אַז די איטאַליענישע באַנעמונג האָט אויפן ציל א טאַקטיק פון אָפּשלעפּן" — און ער דערגייט שוין אפילו צו צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון מוסאָלינים באַרימטן באַשלוס:

„עס זעט אויס קלאָר" — זאָגט ער — „אַז אונזער אַמבאַסאַדע איז שלעכט אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם באַשלוס פון דוטשע, אָדער אַז די נידעריקערע אַמטן זאָלן זיך נישט האָבן מיט אים גערעכנט". ער איז מודיע, אַז לויט די קראָאַטישע ידיעות, האָט דער איינפלוס מצד דעם וואַטיקאַן א שייכות צו די דאָזיקע פאַקטן.

און ער פאַרענדיקט, ווי א גוטער נאַצי, וועלכער איז שטאַרק אויפגעבראַכט:

> „דאָס איבערגעבן די יידן צו איטאַליע וועט קענגווירקן דעם אַנסאַמבל פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק לגבי זיי — אין דער פאָרם, ווי זי ווערט אָנגעווענדעט דורך אונז".

איבערגעבנדיק דעם 24־טן אָקטאָבער, דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע צו זיין מיניסטער*) — גיט דער דר. לוטהער פון זיין זייט, צו די פאָלגנדיקע ווערטער:

> „די פאָרם פונעם איטאַליענישן פאָרשלאַג באַווייזט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן א פּרוּוו אויסצופאָרשן דעם באָדן. אויב דער דאָזיקער פאָרשלאַג זאָל דאַרפן ווידער באַטראַכט ווערן בעת די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע וועלן פאָרקומען אין רוים, בעט איך, אַז עס זאָל בנוגע אים אָנגענומען ווערן פאָלגנדיקע שטעלונג: ער איז אין ווידערשפּרוך צום גייסט פון די ביז־איצט אָנגענומענע אָפּמאַכן, ווי אויך צום באַשלוס, וואָס איז, אין זיין צייט, אָנגענומען געוואָרן דורכן דוטשע".

די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין רוים, און וועגן וועלכע לוטהער גיט אַן אָנדייטונג, זענען רעזומירט אין דער טעלעגראַמע מצד דעם רייכס־אַמבאַסאַדאָר מאַקענזען, דעם 28־טן אָקטאָבער**). לויט דעם דאָזיקן טעקסט,

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט VII.
**) זען ביילאַגע, דאָקומענט VIII.

האָט די איטאַליענישע מאַכט טאַקע באַקומען אַ פאָרשלאַג מצד קראָאַציע, צו לאָזן טראַנספּערירן די יידן פון דער איטאַליענישער זאָנע — אויף די טעריטאָריעס פון דער איטאַליענישער מלוכה, קענען דעם אָפּגעבן צו דער קראָאַטישער מלוכה דאָס יידישע האָב און גוטס.

www.libtool.com.cn

דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז גלייך אָפּגעשטויסן געוואָרן; דער מאַרקיז ד׳אַזשעטאַ, דער איטאַליענישער פאָרשטייער בעת די אונטערהאַנדלונגען — האָט מאָטיווירט זיין אָפּזאָג מיט דער דאָזיקער שניידנדיקער פראַזע: „איטאַליע איז נישט פּאַלעסטינע!”. נאָכדעם האָט דער מאַרקיז מודיע געווען וועגן די נייע באַשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן מצד דעם דוטשע, כדי צו דערפירן דאָס באַטרעפנדיקע פּראָבלעם צו זיין לייזונג:

אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין דער איטאַליענישער זאָנע אין קראָאַציע, וועלן גלייך אינטערנירט ווערן אין די לאַגערן און אונטערגעוואָרפן ווערן אונטער אַ ציילונג. די פון צווישן זיי, וועלכע וועלן אָנערקענט ווערן אַלס אָפּשטאַמיקע פון די טעריטאָריעס, וועלכע זענען אַנעקסירט דורך איטאַליע — וועלן בילדן אַ גרופּע וואָס וועט פאַרבלייבן אונטער איטאַליעס הערשאַפט; די אַנדערע, וועלכע וועלן אָנערקענט ווערן אַלס קראָאַטישע בירגער, וועלן בילדן אַ צווייטע גרופּע, וועלכע — ווי נאָר עס וועט מעגלעך זיין, דאָס הייסט גלייך נאָכן פאַרענדיקן פון די דיסקרימינאַציע־אַרבעטן — וועט איבערגעגעבן ווערן צו דער קראָאַטישער מאַכט. די דאָזיקע באַשלוסן וועלן גלייך קאָמוניקירט ווערן צו די מיליטערישע קאָמאַנדאָס אויפן אָרט, וועלכע וועלן — באַלד ווי מעגלעך — שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די קראָאַטישע אויטאָריטעטן, בכדי זיי אַדורכצופירן.

נאָכגעבנדיק, אין אַ געוויסער מאָס, די דייטשע פאָדערונגען, האָט דער דאָזיקער מאַנעוור מצד דער איטאַליענישער דיפּלאָמאַטיע אין דער אמתן בלויז געצילט — אַזוי ווי מיר וועלן דאָס זען שפּעטער — צו געווינען צייט אַן איבעריק מאָל.

פון דער צווייטער זייט, האָט דער סאַרקאַסטישער און אַנטשלאָסענער טאָן פון מאַרקיז ד׳אַזשעטאַ, נישט איבערגעלאָזט קיין שום אילוזיע: אין אַ טעלעגראַמע פון 10־טן נאָוועמבער *), נאָכדעם ווי ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקניפּט די אונטערהאַנדלונגען אין גאַנג, דריקט קאַשע אויס זיין פערזענלעכע מיינונג אויף אַזאַ אופן:

„פון דעם פריער געזאָגטן קען מען אַרויסדרינגען, אַז די איטאַליענישע עקספּאָזע שטימט נישט מיט די פאַקטן. אינצווישנצייט זענען דאָ אָנגעקומען נייע דירעקטיוון, און די איטאַליענער האָבן אויך אינטערנירט די יידן אין לאַגערן. אָבער לאַרקאָוויטש גיט איבער, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די דאָזיקע יידן איז טראַנספּערירט געוואָרן אין אַ לאַגער אין איסטריע, אויף דער איטאַליענישער טעריטאָריע. דער אָפּזאָג מצד די איטאַליענער אויפצונעמען די יידן (אין

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט XI.

> איטאַליע), דאַרף אַלזאָ נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ צו קאַטעגאָרישער. עס איז נאָך נישט קלאָר, ווען די דעפּאָרטאַציע וועט זיך קענען אָנהויבן, ווייל די דערמאָנטע דיסקרימינאַציע־אַרבעטן זענען נאָך איצטער אין גאַנג".

www.fibtool.com.cn

דאָס אינטערנירן פון די יידן אין דער איטאַליענישער זאָנע אין קראָאַציע, וועגן וואָס קאַשע דערמאָנט, איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דעצעמבער. אַזוי אַרום האָט מען געשאַפן פאַר דייטשלאַנד דעם איינדרוק, אַז „עפּעס ווערט דאָך פאָרטגעטאָן" און פון דער צווייטער זייט — ה' וועראַקס שטרייכט אונטער דעם דאָזיקן פונקט — האָבן אָט די אינטערנירונגען „צוגענומען ביי די דייטשן דעם אַרגומענט, מיט וועלכן זיי האָבן זיך אָפט באַנוצט, כדי צו באַרעכטיקן זייערע פאָדערונגען און וואָס איז באַשטאַנען אין דער באַשולדיקונג, אַז די יידן גיבן זיך פּלייסיק אָפּ דעם שפּיאָנאַזש לטובת די אַלירטע".

אַזוי ווי עס איז געווען פאָראויסצוזען אויפן סמך פון די דערמאָנטע דייטשע טעקסטן, איז דאָס רייך ווייט נישט געווען צופרידן פון דעם דאָזיקן נייעם צושטאַנד. זעענדיק אַז דער דייטשער דרוק לאָזט נישט נאָך, האָבן די איטאַליענישע אויטאָריטעטן אין זייערע קאָמוניקאַטן צו דער רייכסאַמבאַסאַדע אין רוים, כסדר אונטערגעשטראָכן די „אויסערגעוויינטלעכע קאָמפּליצירטקייט פון דער ציילונגס־אַרבעט אין די אינטערנירונגס־לאַגערן". זיי פאַרפעלן נישט צו באַמערקן, אַז איידער די דאָזיקע אַרבעטן וועלן נישט פאַרענדיקט ווערן, וועט קיין איינציקער ייד נישט טאָרן אויסגעוויזן ווערן, וועגן וואָס קאַשע האָט זיך אגב — אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען — גאַנץ גוט משער געווען.

במשך פון דער צייט, וואָס עס דויערט דער דאָזיקער „דיאַלאָג פון טויבע", אָרגאַניזירט זיך דערווייל דאָס לעבן אין די אינטערנירונגס־לאַגערן, תחילת, נישט אָן שוועריקייטן. די דאָזיקע שוועריקייטן זענען פון אַ פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער: די יידן האָבן אין די דאָזיקע אינטערנירונגען געזען אַ פּאָרבאַרייטונגס־שריט צו דעפּאָרטאַציע. זייער מאָראַל האָט דערפון אַזוי געליטן, אַז עס זענען פאָרגעקומען עטלעכע זעלבסטמאָרד־פאַלן. אָבער נאָכדעם ווי די אויטאָריטעטן האָבן געגעבן באַרואיקנדיקע פאַרזיכערונגען, האָבן זיי צוריקגעווינען דעם צוטרוי, אַזוי ווי עס זאָגט עדות דער בריוו, וואָס איז אַדרעסירט צום שעף פון דער 2־טער אַרמיי, אין נאָמען פון די 1.161 יידן, וואָס זענען געווען אינטערנירט אין פּאָרטאָ רע. אָט איז דער וויכטיקסטער אויסצוג פונעם דאָזיקן בריוו (וועלכן מיר ציטירן לויט ה' וועראַקס):

> „מיר האָבן זיך אַלע געשטעלט, אין דער געגעבענער צייט, אונטער דער שוץ פון דער איטאַליענישער אַרמיי, מיטן פולן צוטרוי אין דער נאָבלקייט פון דער נשמה און אין די הומאַניטאַרע אַנשויאונגען פון דעם איטאַליענישן סאָלדאַט און איטאַליענישן פאָלק. נאָך די דערקלערונגען פון אייער עקסעלענץ, זענען מיר איבערצייגט, אַז די שוץ, וועלכע איז אונז צוגעטיילט, ווערט נאָך ווירקזאַמער אַ דאַנק

אונזער אינטערנירונג אין אָט דעם לאַגער, וואו מיר געפינען זיך אונטער דער אומיטלבאַרער שמירה פון דער איטאַליענישער אַרמיי. די דאָזיקע טעג וועלן איבערלאָזן אין אונזער זכרון אַ דויערהאַפטיקע דעראינערונג און קיין שום געשעעניש וועט נישט אימשטאַנד זיין קיינמאָל אָפּצווווישן פון אונזערע הערצער די אייביקע דאַנקבאַרקייט, וועלכע מיר פילן לגבי דער איטאַליענישער אַרמיי. איטאַליע פאַרמאָגט אין אונז זיכערע און געטרייע פריינט, וועלכע וועלן זיך באַמיען מיט זייער אַקטיוויטעט צו דינען די אינטערעסן פון אָט דעם נאָבעלן לאַנד".

www.libtool.com.cn

דער דאָזיקער בריוו טראָגט די אונטערשריפטן פון די ה"ה: שלאָסבערגער, דירעקטאָר פון דער קראָאַטישער באַנק, וורחניק — פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט אין זאַגרעב, הערשק, לאַטהע, זינגער — אינדוסטריעלער.

אויב מען זאָל אורטיילן לויט די אינטערנירונגס־באַדינגונגען פון די אויסלענדישע יידן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין פראַנקרייך, דאַרף דער אויבן־געבראַכטער טעקסט אָנגענומען ווערן אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. און עס איז אגב, נישט פאַראַן קיין שום גרונט צו מיינען, אַז די איטאַליענישע אַרמיי האָט — אין דעם פאַל — ארויסגעוויזן ווייניקער הומאַניטאַרקייט אָדער ווינציקער חוש פאַר ראַנציאָנאַלער אָרגאַניזירונג אין קראָאַציע, ווי אין פראַנקרייך.

שווין בלויז די אומצופרידנקייט מצד די דייטשן האָט — פון דער אַנדערער זייט — געקענט דינען פאַר אַ גענוגנדיקן באַווייז. דעם 9־טן דעצעמבער, האָט דער פּרינץ פאָן ביסמאַרק, זיך „צוריקגעקערט צו דער פראַגע" — זאָגט ה' ווערראַקס — „פאַרלייגנדיק אַז די יידן זאָלן טראַנספּאָרטירט ווערן מיטן ים קיין טריעסט, אין דער ריכטונג צו דייטשלאַנד. ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז געמענדיק אין אכט דעם מאַנגל אין טאָנאַזש אויפן אַדריאַטישן ים, וועט אָנקומען זייער שווער דאָס אַדורכפירן דעם טראַנספּאָרט מיטן ים" (ציטירט לויטן אַרטיקל פון ה' ווערראַקס).

וואָס שייך די אַרבעטן פון דער ציילונג, זענען זיי פאַרגעזעצט געוואָרן אין די לאַגערן געלאָסן און אָן אייזעניש. אויף דער צאָל פון 2.662 אינטערנירטע פערזאָנען אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, האָבן בלויז 863 געקענט צושטעלן באַווייזן, וואָס זאָלן זיי העלפן צוצורעכענען צו דער איטאַליענישער בירגערשאַפט. צווישן די איבעריקע, האָט די גרעסטע טייל געהערט צו דער קראָאַטישער נאַציאָנאַליטעט, און אַ געוויסע צאָל צו די פאָלגנדיקע נאַציאָנאַליטעטן: רוסישע, אונגאַרישע, פּאָרטוגעזישע, פּוילישע, טשעכאָסלאָוואַקישע, רומענישע און האָלענדישע. אָבער עס איז קיין פראַגע נישט געווען וועגן איבערגעבן וועמען נישט איז פון זיי צו די דייטשן. פאַרקערט: די אידייע וועגן טראַנספּערירן קיין איטאַליע אַ געוויסע צאָל יידן — וועלכע איז, אונטערן דייטשן דרוק, מיט אַ געוויסער צייט צוריק אָפּגעלאָזט געוואָרן — איז איצטער צוריק אַרויפגעשווימען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָצעדורן — אמת זייער קאָמפּליצירטע — פון נאָכפאָרשן, נאָכקאָנטראָלירן א. א. וו., כדי צו באַשטימען די קאַנדידאַטן צו אַזאַ טראַנספער.

פון די דייטשע דאָקומענטן, דאַטירט פון אָקטאָבער און נאָוועמבער 1942, ווערט אונז קלאָר, אַז במשך פון אָקטאָבער לכל הפחות, האָט דער אַמבאַסאַדאָר קאַשע נאָך געהאַט וועלכע נישט איז אילוזיעס וועגן געוויסע מעגלעכקייטן אַרויס־צוקריגן די יידן פון דער איטאַליענישער זאָנע. אין אַ טעלעגראַמע פון 14־טן אָקטאָבער *), נאָכן האָבן מודיע געווען, אַז עס איז נאָר וואָס אַדורכגעפירט געוואָרן אַן אָפּמאַך מיטן קראָאַטישן פינאַנץ־מיניסטער, וועגן דער סומע פון 30 מאַרק פאַר אַ דעפּאָרטירטן ייד („די דרייסיק רענדלעך פון יודאַשן" — זאָגט ה׳ ווערמאַקס), וועלכע קראָאַציע וועט דאַרפן אויסצאָלן דעם רייך — איז קאַשע מודיע :

„די פאָרבאַרייטונגען צו דער יידן־דעפּאָרטאַציע פון דער אָקופּירטער איטאַליענישער זאָנע, ווי אויך צו דיסקרעטע אַרעסטירונגען פון אַלע יידן, זענען אויפן וועג רעאַליזירט צו ווערן דורכן פּאָליציי־אַטאַשע. מען בעט וועגן דעם צו אינפאָרמירן דעם רייכסזיכערהייטס־האַופּטאַמט".

מיר ווייסן, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט דער איטאַליענישער זאָנע, האָט קאַשע גאָר אינגיכן געמוזט איינזען זיין טעות. דער טאָן פון דער טעלעגראַמע פון 20־טן נאָוועמבער, איז שוין טאַקע גאָר אַן אַנדערער **) : קאַשע גיט איבער, אַז לויט די דערהאַלטענע אינפאָרמאַציעס פון מאַסטאַר און דובראָווניק, זעט דאָס איינ־מערגירן פון די יידן (דעמאָלט אין גאַנג — באַמערקונג פון מחבר) אויס ווי אַ רעזולטאַט פון דייטשן דרוק ; די איטאַליענער האָבן רעזערווירט פאַר זיך דאָס אויספירן פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג ; די פּרוואָוון אַרויסצובאַקומען דעם טראַנספּער פון די דאָזיקע יידן, כדי זיי אַוועקצופירן קיין דייטשלאַנד אַלס איינ־רעגימענטירטע אַרבעטער, זענען אָפּגעשלאָגן געוואָרן מצד די איטאַליענער.

און דער אַנטווישטער אַמבאַסאַדאָר גיט צו :

„די איטאַליענער האָבן בדעה צו קאָנצענטרירן די יידן אויף עטלעכע קליינע אינזלען ; מען דערמאָנט צווישן אַנדערע, דעם לאַפּוד־אינזל (נעבן דובראָווניק). לויט די איטאַליענער, איז דאָס אַדורכפירן פון אַזאַ מין מאָסמיטל זייער שווער און דעליקאַט, ווייל מען דאַרף זיך רעכענען מיט די אַמעריקאַנער יידן, וועלכע שטיצן פינאַנציעל די היגע (פון דאַלמאַציע). יעדער אופן פון אַריינמישן זיך, אָדער מיטבאַטייליקן זיך — מצד דער קראָאַטישער זייט — אין דער אויספירונג פון די מאָסמיטלען, ווערט אויך אָפּגעשטויסן פון די איטאַליענער".

און אויך דאָסמאָל, בעט קאַשע, אַז מען זאָל וועגן דעם אינפאָרמירן דעם אַזוי טרויעריק־באַרימטן רייכסזיכערהייטסהאַופּטאַמט (געסטאַפּאָ אין דער אָנגענומענער שפּראַך — באַמ. פון מחבר).

*) זען ביילאַגע, דאָקומענט X.

**) זען ביילאַגע, דאָקומענט XI.



www.libtool.com.cn

עס איז דעריבער געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז ריבענטראָפּ פּערזענלעך זאָל ענדלעך באַשטימען, אַז עס איז נויטיק אַ דירעקטער אַפּעל מצד דעם דוטשע. אין אַנהויב 1943, בעת זיין באַזוך אין רוים, האָט ער געפאָדערט פון איטאַליענישן דיקטאַטאָר דאָס אויסווייזן פון די יידן, וועלכע זענען אינטערנירט אין דער איטאַליענישער זאָנע אין קראָאַציע.

דער באַריכט פון קאָלאָנעל ווינצענזאָ קאַרלאָ *), געוועזענער שעף פון ערשטן ביוראָ ביים גענעראַל־שטאַב פון דער 2־טער אַרמיי, אין דער דאַטע פון 6־טן מערץ 1945 — גיט אונז אַ טשיקאַווען איבערבליק איבער די רעזולטאַטן פון ריבענטראָפּס אינטערווענץ:

„דער קאָמענדאַנט (פון דער 2־טער אַרמיי), זיין עקסעלענץ ראָאַטאַ" — שרייבט דער קאָלאָנעל — „איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין רוים גלייכצייטיק מיט זיין עקסעלענץ, פּירציאָ בירעלי, גוווערנער פון מאָנטענעגראָ — כדי צו דיסקוטירן וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם (פון די יידן), ווי אויך וועגן דער אַנטוויקלונג פון די צעטניקס (סערבישע פּאַרטיזאַנען). ביידע עקסעלענצן, נאָכן האָבן זיך אַדורכגעשמועסט מיט זיין עקסעלענץ אַמבראָזיאָ, שעף פון הויפּט־גענעראַל־שטאַב — האָבן זיך פאַרגעשטעלט אין אָוונט 19 אַ זייגער, אין ווענעציאַנער פּאַלאַץ, וואו זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורכן רעגירונגס־שעף. איך אַליין און די אַנדערע אָפיצירן פון זייער סוויטע, האָבן מיר געוואַרט אין פאָדערצימער, אָדער בעסער געזאָגט — אין דעם זיצונגס־זאַל פון גרויסן פאַשיסטישן ראַט".

איך געדענק גענוי, אַז זיין עקסעלענץ ראָבאָטי האָט מיר, גלייך נאָך זיין צוריקאַריינקומען, דערציילט דאָס פאָלגנדיקע וועגן די יידן:

„דער רעגירונגס־שעף האָט געזאָגט: דער מיניסטער ריבענטראָפּ, וועלכער האָט פאַרבראַכט דריי טעג אין רוים, איז צו מיר צוגעשטאַנען אויף אַלע אופנים, כדי אַרויסצובאַקומען פאַר יעדן פּרייז, דאָס אויסווייזן פון די יוגאָסלאַווישע יידן. איך האָב געפּרוווט אָפּשלעפּן, אָבער ער איז נישט אָפּגעשטאַנען; אַלזאָ, כדי פּטור צו ווערן פון זיין אָנוועזנקייט, האָב איך געמוזט געבן מיין באַשטעטיקונג. מען דאַרף אָפּפירן די יידן איבער טריעסט און זיי איבערגעבן צו די דייטשן". „זיין עקסעלענץ, ראָבאָטי, אָפּגעבנדיק זיך אַ גענויעם חשבון וועגן דער באַדייטונג פון אַזאַ באַפעל פאַר די יידישע לעבנס, האָט צוגעגעבן אַז ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פּייניקלעכן אָפּקלאַנג אַזאַ פאַראָרדענונג וועט אַרויסרופן ביי דער יוגאָסלאַווישער באַפעלקערונג; די לעצטע איז אונז, צום אָנהויב, געווען גינסטיק געשטימט, זי האָט אָבער געטווישט איר האַלטונג צוליב אונזער אונטערשטיצונג לטובת פּאַוועליקן און

*) זען ביילאַגע I, נאָטע 2), ה).

די דייטשן. דער רעגירונגס־שעף האָט זיך געלאָזט איבערצייגן און האָט לסוף דערקלערט:

„מסכים, איך בין געווען געצוואונגען צו באַשטעטיקן דעם אויסווייז, אָבער איר אַלע, טראַכט אויס וואָס פאַר א תירוצים איר ווילט נאָר אַליין, כדי נישט ארויסצוגעבן קיין איינאיינציקן ייד אפילו. זאָגט, אַז מיר באַזיצן נישט קיין שום טראַנספּאָרט־מיטלען, כדי זיי צו פירן איבערן ים קיין טריעסט, אינדערצייט וואָס דער טראַנספּער אויף דער יבשה איז אן אומעגלעכע זאַך".

„זיין עקסעלענץ ראָבאָטי איז געווען גליקלעך מיטן דאָזיקן רעזולטאַט און אין דער אמתן" — פּארענדיקט דער קאַלאָנעל — „איז קיין איין אינטערנירטער ייד פון אונזערע לאַגערן קיינמאָל נישט ארויסגעגעבן געוואָרן, נישט צו די דייטשן, נישט צו די קראָאַטן".

די אומאַנטשלאָסענע האַלטונג פונם דיקטאַטאָר מיטן „שטיינערנעם קין", אַזוי ווי זי ווערט געשילדערט דורכן קאָלאָנעל קאַרלאָ — פּאַלט זיך צונויף אין אַלע היגזיכטן מיט די פּרטים, וואָס מיר ווערן געוואויער פון אַנדערע דאָקומענטן וועגן ענלעכע פאַלן. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז ריבענטראָפּס פאָרשלאַג איז געווען אינגאַנצן ענלעך צום פאָרשלאַג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך ביס־מאַרקן, דעם 9־טן דעצעמבער — ווי אויך אַז דער ענטפער וועלכער האָט זיך דעמאָלט באַקומען פון דער איטאַליענישער זייט, איז אויך געווען אידענטיש צום איצטיקן ענטפער מצד דעם דוטשע. אָבער מיר האָבן שוין געהאַט די גע־לעגנהייט פעסטצושטעלן, אַז דער פילם פון די איטאַליעניש־דייטשע פאַרהאַנד־לונגען וועגן די יידן — האָט אָפּטמאָל אנטהאַלטן אין זיך איבערחזרונגען, פון וועלכע די דייטשע געדולד האָט אגב, שטאַרק געמוזט ליידן. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, דעם 10־טן אַפּריל 1943, האַלט נאָך אַלץ דער רייכסזיכערהייטסהאַופּט־אַמט ביים פאָדערן ראַפּאָרטן איבער דעם גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען מיט די איטאַליענער וועגן די „יידן, וואָס געפינען זיך אין די ים־ברעג זאָנעס", וועלכע זענען אָקופּירט דורך דער איטאַליענישער ארמיי, אַזוי ווי דאָס באַווייזט א טע־לעגראַמע פון בערלין, אדרעסירט צום פּאָליציי־אַטאַשע אין דער רייכסאַמבאַסאַדע פון זאַגרעב — אָוויאָל. און דאָס — אין א מאָמענט, ווען אינם טייל פון דער אָקופּירטער קראָאַציע מצד די דייטשן, איז נישט געבליבן מער צו דעפּאָרטירן, ווי 2.000 יידן, אַזוי ווי עס שטעלט פעסט די זעלבע טעלעגראַמע *). א צווייטע דייטשע טעלעגראַמע **), דאַטירט דעם 15־טן יולי פון זעלבן יאָר, דערמאָנט אַז זייער צאָל איז בלויז 800.

דער דייטשער דרוק האָט געהאַט בלויז פאַר א רעזולטאַט דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מצד די איטאַליענישע אויטאָריטעטן אין מערץ 1943 און

*) זען צוגאַב 12.
*) זען צוגאַב 13.



www.hbtool.com.cn

וואָס איז אגב, געווען אין ווידערשפּרוך צו די נאַציִשע פאָדערונגען; עס איז דערמאָלט באַשטימט געוואָרן צו קאָנצענטרירן אַלע יידן אין איין לאַגער, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אויפן אינזל ארבע, וואָס געפינט זיך אויפן גאָלף פון קאַרנאַראָ און איז אַנעקסירט דורך איטאַליע, מיטן ציל צו פאַרהיטן די יידן פון יעדער מעגלעכער ענדערונג אין דער דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן ביידע אָקופּאַציע־זאָנעס. די דאָזיקע קאָנצענטרירונג פון די יידן אויף דעם דערמאָנטן אינזל, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין מאַי, האָט זיך פאַרענדיקט אין יולי, פּונקט אינם מאָמענט, ווען דער פאַשיסטישער רעזשים איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און דער דיקטאַטאָר איז אַרעסטירט געוואָרן.

www.libtool.com.cn

דער רעזשים, וואָס האָט אים פאַרטרעטן אין איטאַליע, האָט שוין נישט מער געפונען פאַר נויטיק ארומצורינגלען מיט אַ האַלב־אונטערערדישקייט די שוץ, וואָס איז געגעבן געוואָרן די יידן. דער נייער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אויסערן־מיניסטעריום — דער אַמבאַסאַדאָר אויגוסט ראָססאָ, האָט טעלעגראַפירט צום קאָמענדאַנט פון דער 2־טער אַרמיי, דעם 19־טן אויגוסט 1943: „מען דאַרף אויסמיידן, דאָס אַפּלאַזן פון די קראָאַטישע יידן, אָדער דאָס איבערגעבן זיי צום חסד פון פרעמדע, באַרויבט פון יעדער שוץ אָדער אויסגעשטעלט אויף עווענטועלע רעפּרעסיעס, אַ חוץ אין פאַל, ווען זיי אַליין וועלן אויסדריקן דעם וואונטש צוריקצוקריגן זייער פרייהייט מחוץ פון אונזער אָקופּאַציע־זאָנע.

„די ראַסן־פּאָליטיק, וועלכע איז פאַרגעזעצט געוואָרן דורך איטאַליע, האָט אונז קיינמאָל נישט געשטערט אָפּצוהיטן די מענטשלעכע פּרינציפּן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אונזער אומאויסשעפּלעכע גייסטיקע ירושה. די טריישאַפט צו די דאָזיקע פּרינציפּן איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַקטועל ווי איצטער. אונזערע אויטאָריטעטן קענען אַלזאָ, פון איצט אָן, באַטראַכטן אויפן גינסטיקן אופן, יעדן פאַל באַזונדער, אַזוי אַז עס זאָל זיך שאַפן די מעגלעכקייט פאַר יעדן פון צווישן די יידן, וועלכע לעבן אונטער אונזער קאָנטראָל — צו באַקומען די רעגולירונג פון זיין פערזענלעכן פאַל, אין איינקלאַנג מיט זיינע פאַרצוגן און מיט זיין סיטואַציע, אין די ראַמען, וואָס אַנטשפּרעכן די איצטיקע באַדינגונגען" (ציטירט לויט ה' ווערראָקס). „צו דער זעלבער צייט, — זעצט פאָר דער איטאַליענישער מחבר — „איז דאָס איטאַליענישע אויסערן־מיניסטעריום איינגעלאַדן געוואָרן צו באַטראַכטן ווי צום גיכסטן דעם פאָרשלאַג וועגן דערלויבן די אינטערנירטע יידן אין לאַגער פון ארבע, אַז זיי זאָלן אויף אַן אינדיווידועלן אופן איבערגעפירט ווערן אויף דער איטאַליענישער טעריטאָריע. באַזונדער, איז דער העכסטער קאָמאַנדאָ באַאויפטראַגט געוואָרן נאָכצופאָרשן די מעגלעכקייטן וועגן עוואַקואירן די יידן אין אַ זיכער אָרט, אין פאַל אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אומעגלעך צו פאַרטיידיקן דאָס אינזל קעגן אַ דייטשער אַטאַקע, וועלכע קען פאָרקומען".

אָבער די פּראַקטיקציע־שריט פון דעם מין האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַלד ביים אָנהויב פון זייער אַדורכפירונג. די אומדערוואַרטע פּראָקלאַמירונג מצד די אַלירטע, פונעם געהיימען אַרמיסטיס־אָפּמאַך מיט איטאַליע, האָט פּאַראַליזירט אויפן אינזל אַרבע דעם זעלבן צוזאַמענברוך, ווי אין גרענאָבל און אין ניצע. לויט ה׳ וועראַקס האָט: „די גרעסטע טייל פון די אינטערנירטע יידן אויף אָט דעם אינזל, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן אין רעזולטאַט פון דער אַרמיסטיס־פּראָקלאַמירונג — געקענט אויסמיידן אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דייטשן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין „זיכערע ערטער", אָדער, אין געוויסע פאַלן, אָנשליסנדיק זיך צו די העלדישע פּאַרטיזאַנער פון מאַרשאַל טיטאָ".

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# באַציאונג פון די איטאַליענער צו די ייִדן אין אָקופּירטן גריכנלאַנד

מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט אונטערצושטרייכן דעם נאַטירלעכן און ספּאָנטאַנישן כאַראַקטער פון דער איטאַליענישער האַלטונג בנוגע די גערודפטע ייִדן — אַ האַלטונג וואָס איז אין פעסטן ווידערשפּרוך צום גייסט פון דער אַקס, איז אָבער געטריי אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס וואָלט געקענט אָנגערופן ווערן : „דער זשעני פון דער איטאַליענישער ציוויליזאַציע”. האָבנדיק אַזעלכע טיפע וואָרצלען האָט די דאָזיקע באַציאונג נישט געקענט זיין אַנדערש אין איין לאַנד, ווי אין אַן אַנדערן, און אויף אַזאַ אופן, חזרן זיך אין גריכנלאַנד איבער — אין אַלגעמיינע שטריכן — די פאַקטן, וועלכע מיר האָבן באַאָבאַכט אין קראָאַציע, מיט געוויסע וואַריאַנטן, וועלכע זענען אגב, אַ פּועל־יוצא פון די ספּעציעלע באַדינגונגען אין אָט דעם לאַנד.

גריכנלאַנד, וועלכעס האָט, זינט דעם 28־טן אָקטאָבער 1940, זיך העלדיש פאַרטיידיקט קעגן דער מוסאָלינישער אַגרעסיע און האָט אפילו באַוויזן צוריקצושטויסן דעם אָנפאַלער ביז צום צענטער פון אַלבאַניע — איז אַטאַקירט געוואָרן דורכן רייך, דעם 6־טן אַפּריל 1941. נישט־קוקנדיק אויף דעם פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד מצד דער גריכישער אַרמיי, איז דאָס לאַנד גלייך פולשטענדיק אָקופּירט געוואָרן דורך דער אַקס, ווי אויך דורך די בולגאַרישע טרופּן, וועלכע האָבן עס צוטיילט אין 3 אָקופּאַציע־זאָנעס. בעת דער דאָזיקער צעטיילונג, האָט דאָס רייך — זאָרגנדיק גלייכצייטיק פאַר נישט צו צעשפּליטערן צופיל זיינע כוחות אין די געגנטן פון צווייטראַנגיקער סטראַטעגישער באַדייטונג, און אויך כדי צופרידנצושטעלן די אַמביציעס פון זיין איטאַליענישן פאַרבינדעטן — אָפּגעטרעטן לטובת איטאַליע די טעריטאָריעס, וועלכע האָבן געבילדעט דאָס „אַלטע גריכנלאַנד” — יבשה און האַלב־אינזלען — מיט דער הויפּט־שטאָדט אַטען, מיט די יאָנישע און ראָדאָס־אינזלען ; פאַר בולגאַריע איז צוגעטיילט געוואָרן די גרעסטע טייל פון טראַציע און מאַקעדאָניע ; דאָס רייך האָט ווייטער געהאַלטן אונטער זיין קאָנטראָל אַ שמאָלן פּאַס פון מזרח־טראַציע, וואָס גרענעצט זיך מיט טערקיי, ווי אויך דעם גרויסן סאַלאָניקער פּאָרט און דאָס אינזל קרעטע. די סאַלאָניקער יידישע באַפעלקערונג, אין דער צאָל פון 55 טויזנט מאַן, וואָס האָט געבילדעט די גרעסטע און באַדייטנדיקסטע יידישע געמיינדע אין גריכנלאַנד — האָט זיך, צום אומגליק, געפונען אונטער דער דירעקטער ממשלה פון די נאַציס און איז שפּע־

טער דעפּאָרטירט און כמעט אינגאַנצן אויסגעראָטן געוואָרן. דער גורל פון די ייִדן אין דער בולגאַרישער זאָנע איז אויך נישט געווען קיין בעסערער: גערודפט דורכן אָקופּאַנט, זענען זיי אויך סוף־כּל־סוף דעפּאָרטירט געוואָרן אין די פּוילישע טויטן־לאַגערן. טאַקע די דאָזיקע דעפּאָרטאַציע פון אָט די אומגליקלעכע ייִדן, האָט געעפנט די אויגן ביים בולגאַרישן פאָלק, וועמען עס איז — אַ דאַנק זיין פעסטן ווילן — געלונגען צו ראַטעווען פון אַ מאַרטירער־טויט, אייגנטלעך אַלע בולגאַרישע ייִדן.

www.libtool.com.cn

וואָס שייך די ייִדן פון דער איטאַליענישער זאָנע, האָבן זיי געלעבט אין זיכערקייט, כמעט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פונעם נאַצישן טעראָר, ביז צום איטאַליענישן צוזאַמענברוך אין גריכנלאַנד, נאָכן פאַרעפנטלעכן מצד די אַלירטע, דעם 8־טן סעפּטעמבער 1943, דעם באַדאָלגיאָ־אַרמיסטיס. נאָך דער דאָזיקער פּאַטאַלער דאַטע, נישט געניסנדיק שוין מער פון דער איטאַליענישער שוץ — איז די גרעסטע מערהייט פון זיי אַכזריותדיק פאַרניכטעט געוואָרן.

צוגלייך ווי אין קראָאַציע, ווי אין פראַנקרייך — איז די איטאַליענישע זאָנע אין גריכנלאַנד, געווען פאַר די ייִדן — במשך פון אַ לענגערער צייט — אַן אמתע „מקלט־זאָנע". די ייִדישע באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער זאָנע, פאַרהעלטנסמעסיק זייער אַ קליינע אין צאָל (בס"ה אַ 900 פאַמיליעס), האָט אַגב נישט אויפגעהערט צו פאַרגרעסערן זיך, אַ דאַנק דעם כסדרדיקן צופלוס פון די אומלעגאַל־אָנגעקומענע פּליטים פון צפון־גריכנלאַנד, וואָס איז געווען אונטער דער אָקופּאַציע פון די דייטשן און בולגאַרן. די דאָזיקע פּאַראַדאָקסאַל־פּריווילעגירטע לאַגע פון אָט די ייִדן, האָט פונדעסטוועגן אין בערלין נישט אַרויסגערופן די זעלבע רעאַקציעס, ווי די לאַגע פון זייערע ברידער אין קראָאַציע און אין פראַנקרייך; דער דרוק וואָס דאָס רייך האָט אויסגעאיבט, האָט אין דעם פאַל, נישט פאַרמאָגט זיין געוויינטלעכע קראַפט; מען וואָלט געקענט זוכן די סיבה פון אָט דער רעלאַטיווער גלייכגילטיקייט אין בערלין — אינעם פאַקט, וואָס די באַדייטנדיקסטע ייִדישע געמיינדע — פון סאַלאָניקי — האָט זיך געפונען אונטערן נאַצישן שטיוול, און וואָס די צאָל פון די פּריווילעגירטע ייִדן אין דער איטאַליענישער זאָנע, האָט אויסגעזען אומבאַדייטנדיק אין די אויגן פון די נאַצים — שוין אויף אַזוי פיל נישטיק, מסתמא, אַז עס זאָל זיך נישט לוינען וועגן דעם צו באַלעסטיקן דעם פאַשיסטישן פאַרבינדעטן און ועל אחת כמה וכמה, וואָס די גריכישע טעריטאָריעס האָבן געזאָלט דינען — ווי מיר האָבן שוין וועגן דעם דערמאָנט — צו באַרואיקן די פאַרוואונדעטע אייגנליבע פונם לעצטן.

אַזוי אַרום האָט דער גענעראַל קאַרלאָ דזשעלאָסאָ געקענט שרייבן אין זיין ראַפּאָרט א. נ.: „צוויי יאָר אין גריכנלאַנד ביי דער קאָמאַנדירונג פון דער 11־טער אַרמיי *):

„די ראַסן־פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרן, אין שייכות מיט די ייִדן אין גריכנלאַנד, באַלד ביים אָנהויב פון דער אָקופּאַציע, אָבער

*) זען ביילאַגע I, נאָטע 2, 1).

די דייטשע אויטאָריטעטן האָבן זיך באַגרענעצט מיט אָנדייטונגען, נישט אַרויסרוקנדיק קיינמאָל קיין קאָנקרעטע פאָרשלאָגן. דער איטאַליענישער אויסערן־מיניסטער האָט, פון זיין זייט, באַרירט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיטן קעניגלעכן באַפולמעכטיקטן מיניסטער (ציווילער פאָרשטייער אין אָקופּירטן גריכנלאַנד — באַמ. פון מחבר), אָבער נישט־אָנגעבנדיק דערביי קיין גענויע דירעקטיוון, נאָר בלויז באַלייכטנדיק דעם באַשלוס פון דער נאַצי־רעגירונג, צו קומען צו אַ ראַדיקאַלער לייזונג פונעם ראַסן־פּראָבלעם; דאָס זעלבע וועגן די יידן, וואָס געפינען זיך אין גריכנלאַנד.

www.libtool.com.cn

„קיין שום קאָנקרעטער פאָרשלאַג אין דעם זין, איז נישט פאָרגעשטעלט געוואָרן דעם גענעראַל דזשעלאָסאָ — דעם העכסטן קאָמענדאַנט פון די איטאַליענישע אָקופּאַציע־טרופּן — מצד דער אַנטשפּרעכנדיקער דייטשער מיליטערישער אויטאָריטעט".

דער אויסברוך פונעם נאַצישן טעראָר אין סאַלאָניקי, ביים סוף יאָר 1942, איז אפילו אָפיציעל נישט געמאָלדן געוואָרן די איטאַליענישע אויטאָריטעטן אין גריכנלאַנד. ערשט נאָכן האָבן געשטעלט אין באַוועגונג דעם שוידערלעכן אַפּאַראַט פון מאַסן־דעפּאָרטאַציעס, האָבן די דייטשן איינגעלאַדן דעם איטאַליענישן קאָמאַנדאָ נאָכצוטון זייער ביישפּיל אין דער זאַכע, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער זייער אויטאָריטעט. די דאָזיקע ווענדונג איז געוואָרפן געוואָרן אין דער דיסקרעטער פאָרם פון אַ פּשוטער „אידיי", בעת אַ געשפּרעך צווישן קאָלאָנעל־גענעראַל לעהר, מיט דעם גענעראַל דזשעלאָסאָ. גלייכצייטיק, האָט אויך אַן אָפיציר פונעם דייטשן גענעראַל־שטאַב, באַרירט דעם זעלבן ענין מיטן שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער 11־טער איטאַליענישער אַרמיי, מיטן גענעראַל טריפּיטשיאָנע.

דער העכסטער איטאַליענישער קאָמענדאַנט האָט אָפּגעענטפערט לעהר'ן:

„אַז ער קען נישט אַדורכפירן אַזעלכע אַקטן אָן דעם אויסדריקלעכן באַפעל פון זיין רעגירונג. און אַזוי ווי ער האָט וועגן דעם ענין נישט באַקומען קיין באַפעל, איז אים דעריבער נישט מעגלעך זיך צו אַנגאַזשירן אַזעלן וועג, וואָס איז אים געעפנט געוואָרן מצד דעם דייטשן קאָמאַנדאָ, און הויפּטזאַכלעך דערפאַר, וואָס אַלץ איז אַדורכגעפירט געוואָרן אָן אַ פריער־אָפּגעשלאָסענעם אָפּמאַך מיט די דייטשן און אפילו אָן וועלכער נישט איז אינפאָרמירונג וועגן דעם".

אויף זיין פאָראָרדענונג, האָט דער גענעראַל טריפּיטשיאָנע געגעבן זיין דייטשן מיטשמועסער אַן ענלעכע תשובה.

בעת זיי האָבן געגעבן דעם דאָזיקן ענטפער, זענען די איטאַליענישע גענעראַלן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען זייער גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך, אין דער אמתן, אָפּגעשפּילט אין סאַלאָניקי. מיט אַן עכט מילי־

טעריש לאקאניזם, ווידמעט דער גענעראל דזשעלאָזאָ אין זיין באריכט בלויז עטלעכע שורות דער סאלאָניקער טראגעדיע :

www.libtool.com.cn

„...דער אלירטער קאָמאנדאָ (ד. ה. דער דייטשער — באַמ. פון מחבר) האָט געצוואונגען די יידן צו פארלאָזן די זאָנע פון סאַלאָניקי ; זיי זענען מאסנווייז דעפּאָרטירט געוואָרן אין איבערגע־פּאַקטע צוגן, צו 40 פּערזאָן אין יעדן בהמות־וואגאָן ; אַלע, מענער, פרויען, קינדער, יונגטלעכע, זקנים. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר די יידן פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג, מיט וועלכע עס האָבן זיך פאַראינטערעסירט די פאַרשטייער (אין אָקופּירטן גריכנלאַנד — באַמ. פון מחבר) פון דער קעניגלעכער רעגירונג, ביי דער פאַרמיטלונג פון איטאַליענישן קאָנסול אין סאַלאָניקי".

די דאָזיקע לעצטע, שוין צו קורצע פּראַזע פונעם גענעראַל — פאַרדינט אַ דערגאַנצונג אַ דאַנק דעם גבית־עדות פונעם פּראָפעסאָר לעווי טאַזאַרטעס *), וועלכער פאַנגט אָן אזוי :

„אין סאַלאָניקי, צוגלייך ווי אין אַטען, האָבן די איטאַליענישע מיליטערישע און קאָנסולאַרע אויטאָריטעטן געגעבן אַ ברייטהאַרציקע הילף די יידן און האָבן געהאָלפן ראַטעווען פון טויט אַ גרויסע צאָל פון די אומגליקלעכע יידן, ריזיקירנדיק צו ציען אויף זיך דעם צאָרן פון די נאַציס".

די פאַקטן, וועלכע עס שילדערט דער פּראָפעסאָר לעווי טאַזאַרטעס, זענען פון אַ גרויסער באַדייטונג. לויט אים, האָט דער איטאַליענישער קאָנסולאַט אין סאַלאָניקי, געטאָן אַ סך מערער, ווי בלויז נעמען אונטער זיין שוץ די יידן פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג.

מיט זיין אינערלעכער סטרוקטור, איז אָט דער קאָנסולאַט געווען אינגאַנצן לויטן מוסטער פון דעמאָלטדיקן איטאַליענישן רעזשים : זיין שעף, דער קאָנסול זאַמבאָני, וועלכער איז געווען אַן איבערצייגטער פאַשיסט — האָט זיך ארויסגעוויזן זייער צוגעבונדן צו דער דייטשער אַליאַנס און ער האָט עפנטלעך פּראָקלאַמירט זיין אָנערקענונג פאַר דער דייטשער אידעאָלאָגיע — אינדערצייט וואָס זיין סביבה האָט געאַרבעט מיט פלייס, קוראַזש און אינטעליגענץ, כדי ארויסצורייסן פון די נאַצישע נעגל וואָס אַ גרעסערע צאָל פאַרפאָלגטע יידן. דער וויצע־קאָנסול „לע קאַוואַליערע" (ריטער) ראָזענבערג, וועלכער האָט געהאַט זיין ביוראָ אין דער נידער פון דער קאָנסולאַט־קאַנצעלאַריע — איז געווען דער אָנפירער און די נשמה פון אַן אמתדיקער רעטונגס־אָרגאַניזאַציע. מיט דער הילף פון זיינע מיטאַרבעטער, סטאַבילע און עמיל נערי, און זיין סעקרעטאַרין פּרל. דזשיאָמאַ, — האָט ער אויפגעשטעלט אַ פאַרצווייגטע נעץ פון הילף צו אַנטלויפן אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע, וועלכע האָט פונקציאָנירט נאָך מיט אַ גרעסערן דער־

*) זען ביילאַגע I, נאָטע 3).

פּאָלג דערפֿאַר, ווייל דער קאַפּיטאַן מערטשי — פֿאַרבינדונגס־אַגענט ביים דייטשן קאָמאַנדאָ — האָט מוטיק געגעבן זיין גאַנצע מיטהילף צו דעם, וואָס ה׳ טאַזאַרטעם רופֿט אָן „די ראָזענבערג־בריגאַדע״. געשטיצט און געשעצה׳ט דורך די יידישע

www.libtool.com.cn

פּריווילִיקע — פֿון װעלכע וואַלערי טאָררעס און מאַרק מאָזסער, זענען שפּעטער דערטרונקען געוואָרן אין דער אָזיערע מאַזשער, דורך די געסטאַפּאָ־מערדער — פֿלעגן די מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער העלדישער „בריגאַדע״ זיך באַנוצן מיטן אויטאָמאָביל פֿון ה׳ נערי אויף אַריבערצובערענגען די יידן פֿון סאַלאָניקי קיין פּלאַטי, וואו — זאָגט ה׳ טאַזאַרטעם — „די אומלעגאַלע פּאַסאַזשירן האָבן גענומען דעם איטאַליענישן מיליטערישן צוג״. דער קאַפּיטאַן מערטשי האָט אויפֿגעפּאַסט אויפֿן גאַנג פֿון די אָפּעראַציעס, אין דער פֿולער גרייטקייט, אַנטקעגנצושטעלן זיך — אויב עס וועט נויטיק זיין — דער דייטשער קאָנטראָל.

ווען אין סאַמע ברען פֿון דער סאַלאָניקער דראַמע, האָט רוים צוריקגערופֿן זאַמבאָנין, פֿאַרטרעטנדיק אים מיט ה׳ קאָסטרוטשי — האָט זיך דער דאָזיקער נייער שעף אַרויסגעוויזן באַלעבט מיט די זעלבע אידייען, ווי דער וויצע־קאָנסול ראָזענבערג מיט זיינע מיטאַרבעטער. די רעטונגס־אַרבעט, וואָס איז ביז דאַן געהאַט אָנגעפֿירט געוואָרן דורכן קאָנסול פּערזענלעך, האָט אָנגענומען אַ נייעם שוואונג. צוגלייך ווי עס האָט שפּעטער אין בודאַפּעשט געהאַנדלט דער וואַנדערבאַרער שוועד, ראַול וואַלענבערג — האָט אויך קאָסטרוטשי צוגעגעבן דער אָנגעהעריקייט צו דער איטאַליענישער נאַציאָנאַליטעט, אַן עלאַסטישע אויסברייטערונג: עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן שוץ־סערטיפֿיקאַטן פֿאַר איטאַליענישע יידישע פֿרויען, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט גריכישע מענער, ווי אויך פֿאַר מינדעריעריקע קינדער פֿון די דאָזיקע חתונות (צווישן די לעצטע זענען צאָלרייך געוועזן די פּערזאָנען, וועלכע האָבן ווייט אַריבערגעשטיגן די 30 יאָר). די ווייטסטע קרובהשאַפֿט מיט איטאַליענישע בירגער האָט געגעבן רעכט אויף אַזאַ צייגעניש — אָפּטמאָל אפֿילו דער בלויזער קלאַנג פֿון די נעמען. „דער סעקרעטאַר, סאַן־דזשיגליאָ, האָט צונויפֿגעשטעלט״ — שרייבט ה׳ טאַזאַרטעם — „טעגלעך אַ 20 באַשייניקונגען, וועלכע דער קאָנסול פֿלעגט אָפּשיקן אין דער געסטאַפּאָ צום באַשטעטיקן״. די נאַציס האָבן זיך גאַנץ גוט אָנגעשטויסן וועגן דעם „שווינדל״, האָבן אָבער געפֿונען פֿאַר שכלדיקער נישט צו באַשטרייטן דעם ווערט פֿון די דאָקומענטן, וועלכע זענען געווען ווי געהעריק אונטערגעחתמעט דורך דעם אָפֿיציעלן פֿאָרשטייער פֿון זייער הויפּט־פֿאַרבינדעטן, און זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט זייערע חתימות, אָן שום באַוואָרעניש.

דער קאַפּיטאַן מערטשי פֿלעגט דעמאָלט גיין אינעם שרעקלעכן „באַראָן־הירש״־לאַגער, כדי אַרויסצונעמען פֿון דאָרטן די כלומרשטע איטאַליענישע בירגער. אין געוויסע פֿאַלן, האָט דער קאָנסולאַט, גאַנץ איינפֿאַך, אַרויסגעגעבן פֿאַלשע איטאַליענישע פּאַפּירן, פֿאַר יידן וואָס זענען געווען באַזונדער באַדראָט.

ה׳ טאַזאַרטעם שילדערט נאָך צאָלרייכע פֿאַלן וועגן דעם, ווי צוויי איטאַליענישע אָפֿיצירן פֿלעגן אַרויסראַטעווען יידישע פֿרויען פֿון אַטען, דעקלאַרירנדיק זיי אַלס זייערע אייגענע פֿרויען.

אויסשליסנדיק פון די אַלע רעטונגס־אַקציעס יעדע מין „אידיי ווענן פּראָ־פּיט" — באַשרייבט אונזער מחבר, ווי אַזוי די אַנטלאָפענע יידן זענען אויפגע־נומען געוואָרן אין דער איטאַליענישער זאָנע:

www.libtool.com.cn

„איטאַליענישע מיליטער־לייט פון יעדן גראַד, אָנהויבנדיק פון איינפאַכסטן סאָלדאַט ביזן העכסטן אָפיציר" — זאָגט ער — „האָבן די דאָזיקע יידן געדינט מיט הילף און שוץ. עס איז געגנוג געווען זיך פאָרצושטעלן פאַר אַן איטאַליענישן קאָמאַנדאָ אין לאַ־ריסאַ און זיך צו דעקלאַרירן אַלס ייד, און גלייך האָט מען באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן אין מיליטערישע צוגן און אָפּצושטייגן אין אַטען, באַזאָרגנדיק זיך אויף צופריער מיט באַשפּייזונג, וואָס האָט געשטאַמט פון די אַרמיי־קאַנטינעס".

אַ צווייטער יידישער מחבר, ה' יאָס. נעהאַמאַ *), שילדערט די וואונדערבאַרע באַציאונג פון איטאַליענישן אָפיציר, ריקאָ, וועלכער איז געווען באַאויפטראַגט מיט דער אָנפירונג פון די אייזנבאַנען אויפן סאַלאָניקער וואָקזאַל. אַ דאַנק דעם מוט און אַנטשלאָסנקייט פון דאָזיקן אָפיציר — האָט דער לעצטער טערמין, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן צו דעפּאָרטירן די יידן פון איטאַליענישער נאַציאָנאַליטעט — (14־טער יולי 1943) — געקענט פאַרלענגערט ווערן אויף נאָך דריי טעג, וואָס האָט דערמעגלעכט איבערצוכיטרעווען די פּלענער פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט געזוכט צו פאַרהאַלטן אַ גרויסע צאָל יידן איבער דער פאַ־מאָלער דאַטע, כדי אַזוי אַרום זיי אויסצוליפערן צום טויט.

דער זעלבער מחבר שילדערט אויף אַזאַ אופן, דאָס אָנקומען קיין אַטען פון די סאַלאָניקער פּליטים:

„צו די יידן פון פיל־ווייניק רעגולערער איטאַליענישער נאַציאָ־נאַליטעט, האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ המון פון אַנדערע גריכישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזאָרגט מיט פאַלשע צייגעניש[ן] פון איטאַליע־נישער בירגערשאַפט און זיך פאַרזען מיט אויסגעטראַכטע נעמען — אַרויסגעצויגענע „אויף טראַף" פון די קאָנסולאַרע מאַטריקולן. נאָך זייער אָנקומען אין אַטען, זענען די אַנטלאָפענע, אַ דאַנק דער הילף מצד די איטאַליענישע אויטאָריטעטן — גלייך איינגעאָרדנט געוואָרן אין די לאָקאַלן פון די גריכישע שולן און פון דער אינטענ־דאַנטור; מען האָט זיי, טיילווייז באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, ביז צום אָנהויב סעפּטעמבער 1943".

דאָס אויבן־געזאָגטע, וואָס האָט אַ שייכות צום פּעריאָד פון נאַציִשן טעראָר אין סאַלאָניקי, פון יולי 1942, ביז אויגוסט 1943 — דערמעגלעכט זיך צו שאַפן אַ בילד וועגן די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון יידישן לעבן אין גריכנלאַנד, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די איטאַליענער. ה' יאָס. נעהאַמאַ כאַראַקטעריזירט זיי אַזוי:

---

*) זען ביילאַגע I, נאָטע 3).

www.libtool.com.cn

„...די יידן, וואָס האָבן באַוווינט די געגנטן פון דער איטאַליענישער אָקופּאַציע, האָבן געפּירט אַ רואיק לעבן, אָן שום אַלאַרם, הגם די געסטאַפּאָ האָט אומעטום שטאַרק געלויערט אויף יעדער באַוועגונג זייערער. די איטאַליענישע רעגירונג האָט זיך אָפֿן אַנטקעגנגעשטעלט די יידן־אַרעסטן און יעדן מין גוואַלט און באַליידיקונג, וואָס די דייטשן האָבן זיך דערלויבט אויף די יידנס חשבון. אין גריכנלאַנד, אַזוי גוט ווי אין פראַנקרייך, האָבן די איטאַליענישע אָקופּאַציע־טרופּן געטאָן דאָס אומעגלעכסטע, כדי אַרויסצוווייזן די יידן זייער סימפּאַטיע. פאָלגנדיק די באַפעלן, וועלכע זענען געקומען פון די העכערע אינסטאַנצן, האָבן זיי פּאַרטיידיקט, אפילו נישט־באַהאַלטענערהייט, די ראַסן־קרבנות. מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז מיט זייער איבערמעסיקער דינסטפאַרטיקייט, האָבן זיי געצילט צו מאַכן אַנטשולדיקן דעם טעות פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אויפגעצוואונגען געוואָרן דורך דער פאַשיסטישער מאַכט... אָבער דאָס וואָס איז צום מיינסטן באַמערקנסווערט, איז דער פאַקט אַז אַ סך איטאַליענער פירן אַ מין סאָרט פּריווויליקן שפּיאָנאַזש, כדי וואָס מער נוצן צו ברענגען די גערודפטע. זיי זוכן די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן וועגן די כוונות און די פּראָיעקטן פון די נאַציס אין באַצוג צו די יידן. זיי אינפאָרמירן וועגן דעם די פּאַראינטערעסירטע יידן צו דער ריכטיקער צייט, כדי עס זאָלן קענען צו דער צייט אָנגענומען ווערן אַלערליי רעטונגס־מיטלען, אַנטשפּרעכנדיק צו דער סכנה פונם מאָמענט. זיי עצהנען פאָרזיכטיקייט, כיטרעקייט, קוראַזש און געדולד; נישט שוינענדיק זייער הילף, יעדער אויף זיין שטייגער און לויט זיינע מעגלעכקייטן, שטיצן זיי אונטער, ווי ווייט זיי קענען, איינשאַפנדיק פאַר זיי פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן, כדי זיי זאָלן זיך קענען פאַרשטעלן, קאַמופלירן. קורץ, די איטאַליענער קאָנקורירן צווישן זיך אין אייפער, וועלנדיק אַרויסווייזן זייער גוטן ווילן און זייער אויפריכטיקע שטרעבונג צו ראַטעווען די יידן פון די הענט פון די דייטשן, וועלכע זיי האַסן פון גאַנצן האַרצן".

ווייל גלייך נאָך זייער אַריינטרעטן אין אַטען, דעם 21־טן אַפּריל 1941, „פּרעטענדירן די דייטשן" — זאָגט ה' נעהאַמאַ — „ווירקלעך צו רעגירן איבער אַלע יידישע קאָנצענטריר־פּונקטן, אפילו אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע".

זיי פּלינדערן אויס די אַרכיוון פון דער אַטענער יידישער געמיינדע, קאָנפיסקירן די רבנישע ביבליאָטעק, אַרעסטירן די בכבודיקסטע יידן, וואָס שטאַמען פון דער דייטשער אָקופּאַציע־זאָנע און וואָס געפינען זיך געשעפטלעך אין דער איטאַליענישער זאָנע. דאָס האָבן די דייטשן נאָמינירט, דעם 20־טן יולי, דעם ראַבינער עלי ברזילי אַלס פּרעזידענט פון דער קהילה. די דאָזיקע נאָמינאַציע ווערט ראַטיפיצירט דורך די איטאַליענישע און גריכישע אויטאָריטעטן און גאָר

אינגיבן, נוצן אוים די איטאַליענער אַט דעם אויסרייד, כדי אויף אַ דיסקרעטן אופן זיך צו באַנוצן מיט זייערע אויסשליסלעכע רעכט — אַלס אָקופּירנדיקע מאַכט — אין דער אָנפירונג פון די יידישע ענינים. דער אוטאַליענישער טעקסט ווענגן דער באַשטימונג פון ראַבינער ברזלי, אַנטהאַלט נישט קיין שום רמז וועגן זיין פריערדיקער נאָמינירונג מצד די דייטשן. דער קאָמענדאַנט פון די „קאַראַ־ביניערס" אונטערהאַלט זיך רעגולער מיטן ראַבינער־פּרעזידענט, וועגן דער אַטע־נער געמיינדע, ער אינטערעסירט זיך מיט די לויפנדיקע פראַגן און טיילט אים צו זיינע פּריינטלעכע עצות. און דעריבער, דערמוטיקט דורך דער איטאַליענישער אונטערשטיצונג — זאָגט זיך די אַטענער געמיינדע אָפּ אונטערצוואַרפן דער סאַלאָניקער אויטאָריטעט, וועלכע איז נאָמינירט געוואָרן דורך די דייטשן און וועמענס שליח קומט אין דער הויפּט־שטאָט פּאָרצושטעלן זיינע פאָדערונגען.

כדי אַריינצופירן די דייטשן אין אַ טעות, פּאַראָרדענען די איטאַליענער דער פּרעזידענץ פון דער יידישער געמיינדע, אַדורכצופירן אַ ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג — אַ ציילונג, וואָס איז, אגב, קיינמאָל נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

זאָרגנדיק דערוויילן וועגן ראַטעווען די אויסערלעכקייט פון אַ „שטאָל־פּאַקט צווישן רוים און בערלין" — שטייען די דייטשן נישט צו, זיי זוכן אָבער צו דער־גרייכן זייער ציל דורך אַ הינטערוועג: זיי אָרגאַניזירן אַ פּראָ־נאַצישע גרופּירונג צווישן די גריכישע סטודענטן — די ע. ס. פּ. אָ. — וועמענס מיטגלידער מאַכן חרוב און צוראַבירן, צוויי מאָל: דעם 20־טן יוני און דעם 14־טן יולי 1942 — די סינאַגאָגע און די ביוראָס פון דער געמיינדע. ווערנדיק אַרעסטירט דורך דער גריכישער פּאָליציי, ווערן די אָנפאַלער איבערגעגעבן צו די איטאַליענער, וועלכע זענען אָבער געצוואונגען — צוליב דער דייטשער צודרינגלעכקייט — זיי אָפּצו־לאָזן. אָבער כדי צו פאַרהיטן פון פרישע אָנפאַלן, היט די איטאַליענישע פּאָליציי, פון דאַן אָן — טאָג און נאַכט — די באַדראָטע בנינים.

דעם 20־טן סעפּטעמבער, ערב יום־כפור, ווערן לויט דער ריי באַפאַלן אויך די לאָקאַלן פון דער ע. ס. פּ. אָ.: אַ באָמבע רייסט אויף, פּראָוואָצירנדיק אַ שריפה, ווי אויך באַדייטנדיקע שאָדנס. די דייטשן, מלא חמה, באַשולדיקן די יידן אינעם אַטענטאַט, און צווינגען די איטאַליענער צו אַרעסטירן אַ גרויסע צאָל פון די אָנגעזעענסטע יידישע פּערזענלעכקייטן. אָבער די אויספאָרשונג קעגן זיי „באַווייזט נישט די מינדסטע שולד" — זאָגט ה' נעהאַמאַ. די אַרעסטירטע ווערן פּרייגעלאָזן.

אויף אַט די פּאַקטן גיט דער גענעראַל דזשעלאָזאָ אָנצוגעהערן, ווען ער גיט איבער אין זיין עקספּאָזע זיין ענטפער אויף דער פראַגע, וועלכע איז אים גע־שטעלט געוואָרן דורכן אויסערן־מיניסטעריום אין רוים, וועגן דער דרינגנדיקער נויטווענדיקייט פון אַנטי־יידישע מאָסמיטלען אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע אין גריכנלאַנד — אַ פראַגע וואָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אינספּירירט דורכן דייטשן דרוק.

„דער גענעראַל דזשעלאָזאָ האָט אָפן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אַזעלכע מאָסמיטלען ווייזן זיך אים אוים נישט נויטיק און נישט

צוועקמעסיק. די יידן פון אונזער אָקופּאַציע־זאָנע האָבן קיינמאָל נישט גורם געווען די מינדעסטע אומאַנגענעמלעכקייט; קיינער פון זיי איז נישט קאָמפּראָמיטירט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש־אַפערן, אָדער אין אַקטיוויטעט לטובת דעם שונא; אינעם מאָמענט פון אַטענטאַט קעגן דעם הויפּט־ביוראָ פון אַ גריכישער אָרגאַניזאַציע פון אַ נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער — האָט מען גלייך גענומען חושד זיין די יידן, אָבער די אויספאָרשונג, וועלכע ווערט געפירט דורך אונז צוזאַמען מיט די דייטשן, איז געקומען צו דער פעסט־שטעלונג, אַז יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זייער זייט, איז אַן אויסגעשלאָסענע זאַך".

www.libtool.com.cn

דער דאָזיקער ענטפער איז געגעבן געוואָרן דורכן גענעראַל דזשעלאָזאָ, און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן ציווילן איטאַליענישן פאָרשטייער אין גריכנ־לאַנד, דעם באַפולמעכטיקטן מיניסטער קידזשי — גלייך נאָך דעם אָנהויב פון דער טעראָר־כוואַליע אין סאַלאָניקי, אין רעזולטאַט פון וואָס:

„קיין שום באַפעל" — גיט צו דער גענעראַל — „איז קיינמאָל נישט געקומען, ווענן אַרויסטרעטן קעגן די יידן".

ה' נעהאַמאַ, פון זיין זייט, באַלייכט די פערזענלעכע ראָל פון דזשעלאָזאָ, אינעם פאָלגנדיקן אויסצוג פון זיין טעקסט:

„דזשעלאָזאָ, דער איטאַליענישער קאָמענדאַנט פון פּלאַס ד'אַ־מען, האָט נישט אָנגענומען קיין שום מאָסמיטלען קעגן די יידישע פּליטים אין סאַלאָניקי. ער דערלויבט נישט, אַז די ס. ס. זאָלן אָנע־מען וועלכע נישט איז שריט קעגן זיי".

אונזער מחבר ברענגט ווייטער ארויס, אַז דזשעלאָזאָ זאָל זיך האָבן דירעקט געווענדעט צו מוסאָלינין וועגן באַקומען פון אים אינסטרוקציעס, און אַז דער לעצטער זאָל האָבן געענטפערט:

„...אַז ער טיילט צו זיין שוץ יעדן ייד, וועלכער וואוינט אין די געגנטן, וואָס זענען אָקופּירט דורך זיינע אַרמייען".

נעמענדיק אין אַכט, אַז קיין שום דאָקומענט אונטערשטיצט נישט די דאָ־זיקע פאַקטן, ווי אַזוי ה' נעהאַמאַ האָט זיי אונז פאָרגעשטעלט, זענען מיר גע־צוואונגען צו באַטראַכטן אַלס גילטיק דעם גענעראַל דזשעלאָזאָס פערזענלעכע דערקלערונג, לויט וועלכער רוים, וואָס האָט זיך געווענדעט וועגן אָנווייזונגען צום קאָמענדאַנט פון די אָקופּאַציע־טרופּן, וואָס פאַר אַ שטעלונג אָנצונעמען בנוגע דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק אין הסכם מיט די דייטשע פאָדערונגען — און נאָכן האָבן באַקומען זיין ענטפער און דעם ענטפער פון מיניסטער קידזשי — ביידע אויסגעשפּראָכן נעגאַטיוו — האָט נאָכדעם פּשוט געשוויגן...

דאָס וואָס מיר ווייסן, פון דער אַנדערער זייט, וועגן דער פערזענלעכער האַל־טונג פון מוסאָלינין, באַוועגט אונז אויך נישט אָנצונעמען פאַר אויטענטיש די „ליבעראַלע" דערקלערונג, וועלכע עס ברענגט ה' נעהאַמאַ: „די באַפעלן, וועלכע קומען פון אויבן", וועגן וועלכע ער דערמאָנט עטלעכע מאָל, שטאַמען — לויט

אונזער מיינונג — נאָר פון די דאָזיקע „פּאַראַנטוואָרטלעכע", וועגן וועלכע עס
רעדט ה' ווערטאַקס ; וואָס שייך דעם דיקטאַטאָר גופא, האָט ער זיך געמוזט באַ־
נגוגענען מיט „לאָזן טאָן" — אַזוי ווי עס איז געווען דער פאַל ביי פאַרשידענע
אַנדערע ענלעכע אומשטענדן, וועלכע מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו דער־
מאָנען, און וואָס — אין געגעבענעם פאַל — איז עס געווען אויסדריקלעך.

www.libtool.com.cn

אויב מיר דערלויבן זיך צו מאַכן וועלכע נישט איז רעזערוון בנוגע געוויסע
באַהויפּטונגען פון ה' נעהאַמאַ, אין שייכות דערמיט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט
הינטער די קוליסן פון דער דעמאָלטדיקער איטאַליענישער פּאָליטיק — האַלטן
מיר גלייכצייטיק פאַר נישט ווייניקער באַרעכטיקט פאַרצושטעלן מיט גענויער
ווירקלעכקייט, די פאַקטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין גריכנלאַנד, און פון וועל־
כע ער אַליין איז געווען אַן עדות. מיר ציטירן פון זיין טעקסט דעם פאָלגנדיקן
אויסצוג, וועלכער זעט אויס צו רעזומירן, אויף אַ זייער געלונגענעם און אָביעק־
טיוון אופן די אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די יידן פון דער אי־
טאַליענישער זאָנע אין גריכנלאַנד.

„צוגלייך ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין די שטעדט, פאַר־
נעמען זיך די יידן מיט זייערע טעגלעכע באַשעפטיקונגען, און פונקט
אַזוי ווי זייערע קריסטלעכע מיטברידער, מאַכן זיי מיט אַלע באַ־
שרענקונגען, דערנידעריקונגען און ליידן פון אַ באַפעלקערונג, וועל־
כע קרעכצט אונטערן שטיוול פון דעראָבערער. טיילנדיק דעם
בשותפותדיקן גורל, שמאַכטן זיי אַלע גלייך פון די פאַרשידענע אומ־
גליקן, וועלכע שווערן אויף אַ באַזיגט לאַנד — הונגער, אַרבעטסלאָזי־
קייט, אָפּטמאָל גראָבע אויסדרוקן מצד די קאַראַביניערן, אָבער קיין
שום דיסקרימינאַציע־געזעץ, קיין שום ראַסן־באַליידיקונג, קיין שום
באַזונדערע בייזוויליקייט — קומען נישט נאָך מערער באַשווערן דעם
טרויער, וואָס ווייטיקט אין אַלעמענס הערצער, אין אָנבליק פון
צוזאַמענברוך פונם פאָטערלאַנד".

אָבער די זעלבע איטאַליענער, וועלכע האָבן פון זיך אַליין, נישט געלייגט
קיין „ספּעציעלע אַכט אויף די יידן", נעמען אָן לגבי דעם טעראָר, וואָס באַדראָט
די יידן — אַ שטעלונג, וועלכע רופט אַרויס, און מיט רעכט — די באַוואונדערונג
און די דאַנקבאַרקייט פונעם יידישן שרייבער־עדות.

„נישט קוקנדיק אויף די סלאָגאַנס, וואָס זענען געוואָרפן גע־
וואָרן מצד די לאָקייען און פאַרקויפטע דינער צו דער דיקטאַטור
און וועלכע זענען אומפאַרשעמט פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער
פאַרקנעכטעטער פּרעסע — האָט זיך אין יעדן איטאַליענער געפילט
אַן אויפריכטיקער פריינט, אַ באַשיצער און זייער אָפט אויך אַ באַ־
וואונדערער פון די יידן־מאַרטירער".

מיר האָבן געזען, אַז די פאַקטן באַשטעטיקן, אין אַלע הינזיכטן, די מיינונג
פון ה' נעהאַמאַ. אַזוי לאַנג ווי די איטאַליענישע מאַכט איז געווען אימשטאַנד
צו צווינגען איר דייטשן פאַרבינדעטן, צו רעספּעקטירן די אויסערלעכקייט —

זענען די איטאַליענישע אָקופּאַציע־זאָנעס אין קראָאַציע, גריכנלאַנד, צוגלייך ווי אין פראַנקרייך, געווען אמתע „מקלט־זאָנעס" פאַר די יידן, וועלכע זענען אומעטום אַנדערש־וואו ווילד פאַרפאָלגט, געפּייניקט און דעפּאָרטירט געוואָרן ווי בהמות, אין דער ריכטונג צו די פינצטערע טויט־פאַבריקן. ווי נאָר די איטאַליענישע מאַכט ברעכט צוזאַמען — נאָך דער פלוצימדיקער פּראָקלאַמירונג פונעם וואָפנשטילשטאַנד מיט די אַלירטע, דעם 8־טן סעפּטעמבער 1943 — גיבן זיך די דייטשן אַ וואָרף אויף די יידן, וועלכע זענען ביז דאַן געווען געשיצט דורך די איטאַליענער, פּייניקנדיק זיי און אומברענגענדיק זיי מיט אַ שטייגנדיקער אכזריות, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון זיי נקמה נעמען פאַר אָט דער „איטאַליענישער שויץ", וועלכע דאָס רייך האָט געמוזט „טאָלערירן" במשך פון אַזאַ לאַנגער צייט און וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מוטיקן „פּאַטש אין פּנים" דער דייטשער אידעאָלאָגיע, איר שטאָלץ און איר מאַכט.

אין ניצע, גרענאָבל, אויפן אינזל אַרבע, ווי אויך אין אַטען, פּרעוועזאַ, אַרטאַ, אַרגיניאָן, פּאַטראַס, כאַלקיס, וואָלאָ, לאַריסאַ און אויף די גריכישע אינדלען — האָט זיך דער דייטשער טעראָר צעבושעוועט מיט דער גרעסטער ווילדקייט, אָבער די שילדערונג פון די גרוילטאַטן, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט גלייך נאָכן פאַרשווינדן פון די „איטאַליענישע מקום־מקלט'ס" אין די אָקופּירטע לענדער, גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון דאָזיקן בוך.

די איטאַליענישע באַציאונג לגבי די פאַרפאָלגטע יידן אין די לענדער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, שטעלט מיט זיך פאָר — פון מאָראַלישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט — איינעם פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע פאַקטן אינעם היטלעריסטיש־מוסאָלינישן קריג. זי באַווייזט מיט אַ בלענדנדיקער קלאָרקייט, אַז ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין דער איינפלוס פון טאָטאַליטאַרן רעזשים — געפינט די פאָלקס־נשמה תמיד אין זיך דאָס מיטל צו צוימען אַ בולט־קרימינעלע פּאָליטיק, בתנאי — זעלבסטפאַרשטענדלעך — אַז דער געגנונגדיק־קלאָרער באַגריף ווענן דעם, וואָס איז דעם מענטש דערלויבט און נישט דערלויבט, זאָל זיין ווי געהעריק איינגעוואָרצלט אין דער טיפעניש פון אָט דער נשמה.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ב י י ל אַ ג ע

## I

## נ אָ ט ע

1) די דייטשע דאָקומענטן, וועלכע מיר ברענגען אַביסל ווייטער, שטאַמען פון די אַרכיוון פון „היינטצייטיקן יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער” אין פּאַריז. די באַצייכנטע נומערן זענען פון די אַרכיוון.

2) דער מחבר האָט דערפאָלגרייך נאָכגעפאָרשט די פאָלגנדיקע איטאַליענישע דאָקומענטן, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן אין רשות פון היינטצייטיקן יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער מצד די אַרכיוון פון איטאַליענישן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום:

א) „איטאַליענער און יידן אין יוגאָסלאַוויע” פון ווערקס, פאַר־עפנטלעכט אין „פּאָליטיקאַ עסטעראַ”, 1־טער יאָרגאַנג, נומ. 9, אָקטאָבער 1944.

ב) ראַפּאָרט איבער דער אַקטיוויטעט פון דער 2־טער אַרמיי אויף דער יוגאָסלאַווישער טעריטאָריע, ביז צום אָנהויב פון יאָר 1943 — פון גענעראַל מאַריאָ ראָאַטאַ, געוועזענער קאָמענ־דאַנט פון דער 2־טער אַרמיי.

ג) ראַפּאָרט „מלחמה־פאַרברעכער”, צונויפגעשטעלט פון וויטאָ־ריאָ אַבראָזיאָ, געוועזענער קאָמענדאַנט פון דער 2־טער אַרמיי.

ד) ראַפּאָרט „אַקטיוויטעטן אין קראָאַציע”, צונויפגעשטעלט פון גענעראַל ראַפּפּאַעלע פּעלליגראַ, געוועזענער אינטענדאַנט פון דער 2־טער אַרמיי און קאָמענדאַנט אין קראָאַציע פון דער דיוויזיע „רע”.

ה) ראַפּאָרט צונויפגעשטעלט פון קאָלאָנעל ווינצענזאָ קאַרלאָ, גע־וועזענער שעף פון 1־טן ביוראָ ביים גענעראַל־שטאַב פון דער 2־טער אַרמיי.

ו) ראַפּאָרט „צוויי יאָר אין גריכנלאַנד ביי דער קאָמאַנדירונג פון דער 11־טער אַרמיי" — דורכן גענעראַל דזשעלאָזאָ.

www.libtool.com.cn

די ציטאַטן פון די אַרטיקלען פון פּראָפּעסאָר לעווי טאַזאַרטעס און פון ה' יאָס. נעהאַמאַ, זענען לויט די פאָלגנדיקע ווערק:

3) „אין מעמאָריאַם" — לכבוד דעם אָנדענק פון די יידישע נאַצי־קרבנות אין גריכנלאַנד, פאַרעפנטלעכט אונטער דער אָנפירונג פון מיכאל מולכו, ראַ־בינער פון דער יידישער געמיינדע אין סאַלאָניקי. באַנד 1. סאַלאָניקי 1948; באַנד 2. — דורך יאָס. נעהאַמאַ, סאַלאָניקי 1949.

www.libtool.com.cn II

גהיילפם־שטאַטם־סעקרעטאַר
ל ו ט ה ע ר

CXXVa — 67a
G 562 D III ביז

פ אַ ר ט ר ו י ל ע ך !

## נאָטע צו אַ ראַפּאָרט

